STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04905

BRIDER

Menahem Baerush Eppelbaum

Permanent preservation of this book was made possible
by the Morris P. Leibovitz Foundation
in memory of
Jody S. Leibovitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ מתנה צו [illegible] ד״ר
[illegible] קליגער
פֿון ב. עפּעלבוים
22-5-31

ב. עפּעלבוים

ברידער

ראָמאַן

פֿאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע 1931

Printed in Poland

B. Epelbaum — Brider
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, 1931

Druk. B-cia Lewin-Epstein, Pawia 38

ב. עפּעלבוים



א

מיט אויסגעשטרעקטן פֿאַרשטייפֿטן האַלז, וויגנדיק רעגלמעזיק דעם גרויסן ברוינעם קאָפּ, האָט דאָס פֿערד לאַנגזאַם געשפּאַנט מיט געמאָסטענע ריטמישע טריט, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס שאַרפֿע אַקער-אײַזן, וואָס האָט געשניטן שוואַרצע פּאַסן ערד צופֿיסנס פֿון הויכן באַרג. דזשאָ האָט נאָכגעשפּאַנט מיט די זעלבע געמאָסטענע קרעפֿטיקע טריט; האָט געשפּאַנט אַ הויכער, שלאַנקער און עלאַסטישער. די לײַצן איבערן האַלז פֿאַרלייגט און מיט די הענט געקערעוועט דאָס אַקער-אײַזן.

פֿון דער אויפֿגעאַקערטער וואַרעמער ערד האָט געשלאָגן געדיכטע פֿעטקייט. דער ריח האָט זיך געוויקלט איבער פּנים און האַלז און דזשאָ האָט אים געאָטעמט טיף אין זיך אַרײַן. געפֿילט, ווי ער שפּאַרט זיך אַרײַן אין אַלע גלידער; גיסט זיך צוזאַמען מיט זײַן הייס בלוט און קרעפֿטיקט זײַן לײַב. נאָר די פֿרעמדע אומרויִקייט, וואָס ער טראָגט מיט זיך די לעצטע צײַט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט פֿאַרטרײַבן. ער ווייסט אַליין נישט פֿון וואַנען אָט די אומרויִקייט האָט זיך צו אים גענומען. דער ווינטער איז אַוועק אַ שטילשווײַגנדיקער, אַן אומעטיק-פֿאַרטראַכטער און ער האָט נאָך גאָרנישט געבענקט. נאָר מיטן פֿרילינג איז דער אומרו אין אים געבוירן געוואָרן. זיצט זיך פֿאַרבאָרגן ערגעץ אין זײַן לײַב

און ער ווייסט נישט ווו זיין אָרט איז. זיינע גלידער וואַרטן אויף עפּעס, אויף וואָס? — דאָס ווייסט ער נישט.

האָט ער אַזוי געשפּאַנט מיט בלאָנדן אַנטבלויזטן קאָפּ און מיט שווערע שיך אין ווייכער קלעפּיקער ערד. די פיס זענען געווען גרינג. דער גוף אויסגעשטרעקט און בויגעוודיק. דאָס געזאַנג פון צעאַקערטער ערד האָט אויך אין זיין לייב געזונגען. אָבער די אומרויִקייט האָט אַלץ מיט אים מיטגעשפּאַנט.

אַ גערויש פון אַ מאַשין, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אימפּעט איבער גלאַטיקן אַספאַלט־וועג האָט די שטילקייט צעריסן. דער וועג איז געלעגן אַ גלאַנציקער, אַ שמייכלענדיקער אונטער זון און אַ הויט פון קלעפּיקער ווייכקייט איז געווען אויף אים. דאָס גערויש האָט אים געצויגן אַזוי, ווי מען וואָלט מיט שנעלקייט אַראָפּגעריסן אַ לאַנגע שנור, וואָס איז לייכט צוגעקלעפּט. דאָס פערד האָט דערפילט, אַז דזשאָס טריט פאַרהאַלטן זיך, האָט זיך עס איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די שטייפקייט פון האַלז האָט נאָכגעלאָזט. דער קאָפּ האָט זיך געקערעוועט אין אַ זייט, די אויגן האָבן זיך צוגעשלאָגן צו די ווינקלען און תאווהדיק זיך געשרויפט צו די יונגע ווייכע גראָזן, וואָס זענען באַ דער זייט געוואַקסן. די ווינקלען פון פּיסק האָבן געציטערט פון גאַרונג און די פיס זענען געוואָרן אומגעדולדיק. דזשאָ האָט געהאַט אויסגעדרייט דאָס פּנים צום וועג, האָט אַנטקעגנגעשיקט שאַרפע בליקן צו דער מאַשין:

— האַ? אפשר קומט מען שוין?

די מאַשין האָט דורכגעיאָגט. איז פאַרביי דעם גרויסן האָטעל און אַוועק, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם געבראַכטן גערויש. האָט דזשאָ צוריקגעבראַכט זיין בליק ביז צום האָטעל און איצט האָט עס אים געוווּנדערט, וואָס דער האָטעל שטייט נאָך אַלץ אַזוי פאַרגליווערט מיט גרינע פאַרמאַכטע לאָדנס. פאַרוואָס איז נאָך קיינער פון זיי נישטאָ? וואָס פאַרשפּעטיקן זיי אַזוי דאָס יאָר? דער עלטסטער ברודער האָט אים געשריבן פון שטאָט: „דזשאָ, ס'איז שוין צייט צו עפענען דעם האָטעל. וועל איך אַריבערקומען אַרום דינ-

סטיק אָדער מיטוואָך און זען צי אַלע „אימפּראָוומענטס“*) זענען
אין אָרדנונג; צי מען קען גלייך עפענען דאָס געשעפט... איך
רעכן: מען וועט דאַרפן צובויען אַ נייע טעראַסע“... און אָט איז
שוין מיטוואָך און מען זעט אים נישט. פאַרוואָס־זשע איז ער נאָך
נישטאָ? האַ?

די בערג האָבן שוין געהאַט אויפגעוואַכט: אויסגעקערט די
פאַרגליווערטע שטרענגע פנימער צום בלויען הימל און געקוקט
מיט אייביקן פאַרהוילענעם וווּנדער. ביימער האָבן דאָרשטיק גע־
זויגן פון דער ערד. די זאַפטן האָבן געשפּילט אין די יונגע ביי־
געוודיקע צווייגן, וואָס האָבן שטיל־ליידנשאַפטלעך געקרעכצט.
יונגע בלעטער האָבן געלאַכט מיט פרייד פון געזונטע קינדער,
באָדנדיק זיך אין זון. די גערטנער זענען שוין געווען יומטובדיק־
גרין און פון די לאָנקעס האָבן פליגן זשומענדיק געשריגן און גע־
זונגען. דער ברייטער טייך, וואָס איז געלעגן בײַ דער אַנדערער
זייט פון האָטעל, איז געווען גלאַנציק צעגאָסן, איז געלעגן אַ נאַ־
קעטער מיטן פנים אַרויף; פון דער טיפעניש האָט פרייד געריזלט
און —

דער האָטעל שטייט נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע לאָדנס,
מאָדנע.

פון דעם אַליין, וואָס דזשאָ האָט זיך פלוצלינג פאַרבענקט
נאָך עמעצן פון שטאָט, דערפון אַליין איז זיין אומרו שאַרפער
געוואָרן. וואָס האָט ער זיך פלוצלינג פאַרבענקט נאָך די שטאָטישע
פריצים? צוואָס דאַרף ער זיי?

דאָס פערד האָט דערווייל גענומען שטרעקן דעם האַלז.
אַראָפּגעלאָזט דעם שמאָלן חנעוודיקן קאָפּ ביז דער ערד און שטאַרק
געשנאָרכט מיט ברייט־צעעפנטע נאָזלעכער. האָט זיך איינגאַנצן אויס־
געדרייט אין אַ זייט, געמאַכט עטלעכע טריט, צוגעפאַלן מיט פּיסק
צו גראָז און גיך גענומען רייבן מיט די ציין דאָס זאַפטיקע גרינס.
דזשאַ האָט דערפילט, ווי דאָס אַקער־אייזן איז אומגעפאַלן. האָט ער

*) איינר כטונגען.

זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין טראַכטן. האָט זיך מיט אימפּעט געגעבן אַ דריי־אויס, אָנגעכאַפּט דאָס אַקער־אייזן בײַ די הענטלעך, האָט אַרויסגעלאָזט אַ האַרטן אָפּגעהאַקטן קלאַנג. דאָס פערד האָט גלייך גענומען צוריקטרעטן, זיך גענומען איילן.

איצט האָט דזשאָ גענומען טרייבן דאָס פערד. עפּעס אַ כּעס צו זיך אַליין איז אין אים געווען. ער האָט זיינע פיס באַוועגט פלינק און מיט כּוח. דאָס אַקער־אייזן האָט איצט געשניטן טיף און די ערד האָט געקרעכצט; דאָס פערד האָט איצט געהאַלטן דעם קאָפּ געזונקען און פאַרקאָכטער צער האָט געכאָרכלט אין פאַרשטייפטן האַלז. די אויגן זענען געווען פאַרגליווערט אין יאושדיקער געפאַלנקייט.

ערשט פאַרנאַכט, ווען דזשאָ האָט שוין געהאַט אָפּגעלאָזט דאָס פערד אויף דער פּאַשע און זיך געקליבן צו גיין מעלקן די בהמות, איבער נאָענטע און ווייטע בערג זענען שוין געלעגן בלויע און שוואַרצע ליילעכער און צוזאַמען מיטן ווינט האָט זיך געטראָגן אַ נישט פאַרשטענדלעך געשריי — האָט זיך אויפן וועג באַוויזן אַ מאַשין, זיך אַראָפּגעקערעוועט מיט אַ דרענדזשען צום האָטעל. דאָס איז געווען אַן אַלטע, פאַרשטויבטע מאַשין, ווי בײַ ס׳מערסט פאַרמערס; זי האָט צוגעבראַכט צום האָטעל אַ געשריי מיט אַ געפּילדער און באַם אָפּשטעלן זיך, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשענדיקן כראָפּ, ווי זי וואָלט געהאַלטן באַם צעפאַלן.

— העלאָ דזשאָ!

דזשאָ האָט אַרויסגעלאָזט דאָס קענדל פון האַנט. האָט געקוקט מיט פאַרוואונדערטע בלויע אויגן און עטוואָס געצויגן דעם פאַרהאַרטעוועטן גלאַטן שטערן. געוואַרט האָט ער אויפן עלטסטן ברודער, און געקומען איז גאָר מאַריס, דער מיטלסטער פון די דריי ברידער, צו וועלכע דער האָטעל מיט דער פאַרם האָט געהערט.

— העלאָ מאַריס!

מאַריס, אַ מיטלגעוויקסיקער ברייטפלייציקער יונג, איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון מאַשין, האָט אַ פּאָר מאָל צוגעקלאַפּט דאָס טירל, ביז עס האָט זיך ענדלעך פאַרמאַכט. איז געבליבן שטיין

מיט פעסטע צעשטעלטע פיס, האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האָטעל־וואָס האָט איצט אין פאַרנאַכט אויסגעזען אַ פאַרעלטערטער, שוין לאַנג פאַרלאָזטער, דערנאָך זיך געלאָזט גיין נענטער צו דזשאָ׳ן.

ער איז געווען אָנגעטון שטאָטיש און האָט אויסגעזען דאָרפיש; ער האָט געטראָגן אַ ווייסן קאָלנער, אָבער ער איז נישט געווען איבעריק פריש. האָט געטראָגן געלע שיך, נאָר דאָס פּנים איז נישט געווען גלאַט ראַזירט. האַרטע קלײנע הערלעך האָבן ווי שוואַרצע פינטעלעך באַדעקט זיינע באַקן.

— וואָס מאַכסטו, דזשאָ?

פעסטע, האַרטע הענט האָבן זיך שטאַרק צונויפגעדריקט. דזשאָ האָט געשמייכלט:

— וואָס זאָל איך מאַכן?

— אַלץ איז „אָלרייט״?

— „שור״...*) „אָלרייט״.

מאָריס האָט גלייך באַמערקט, ווי אַרויפצוצו, לעבן טעניס־פּלאַץ, ליגן נייע ווייסע ברעטער, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ברעטער?

— געקויפט. איך גיי אויפשטעלן אַ שאַפּע.

— אַ שאַפּע? צו וואָס?

— וועסטו האָבן ווו דיין מאַשין אָוועקצושטעלן... זי קאָן נאָך באַרעגנט ווערן.

— פאַר מאַשינען אַ שאַפּע?

— וואָס דען? פאַר קאַטשקעס?

מאָריס האָט ווי נישט געהערט דעם שפּאַסיקן טאָן און בלויז געענטפערט:

— „אָלרייט״... וועסטו טאַקע דאָרט שטעלן די שאַפּע?

— דאָרט איז אַ גוטער פּלאַץ; דער וועג גייט דאָרט באַרג־

---

*) זיכער

ארויף. האָסטו אַ וואַנט. ווער מען דאַרפן נאָר פון איין זייט שטעלן סלופּעס, אַרויפלייגן אַ דאַך און פאַרטיק.

— ריכטיק.

— און וואָס עפּעס ביסטו געקומען?

— ווער דען האָט געזאָלט קומען?

— איזראַעל האָט געשריבן: ער וועט קומען... ער דאַרף באַטראַכטן די „אימפּרוווּמענטס"... דאָס געשעפט... ער איז דאָך דער אינזשיניער...

מאָריס האָט אַ שמייכל געטון:

— ער איז פאַרנומען.

— נאָך אַלץ פאַרנומען? אייביק איז ער פאַרנומען. ער וויל דווקא ווערן אַ מיליאָנער! אַנדערש לוינט אים נישט...

דזשאָ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ משונהדיק קוויטשענדיק געלעכטערל, וואָס האָט אים אַ באַלבע געטון דורכן האַלז, ווי דורך דעם העלזל פון אַ פלעשל.

מאָריס האָט נישט פאַרשטאַנען:

— איז וואָס איז דאָס געלעכטער? געוויס איז ער פאַרנומען. ער איז דאָך אויף אַ שטעלע... דערצו דאַרף מאָרגן אַרויסקומען בעסי, די פרוי זיינע... דאַרף ער זיין אינדערהיים, העלפן צונויפפּאַקן די זאַכן... וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו לאַכן...

דזשאָ האָט שוין מער נישט געלאַכט און נאָר געזאָגט:

— ווייס איך? עפּעס דולט ער אַ קאָפּ מיט אַ טעראַסע.

— ער האָט דיר געשריבן וועגן דעם?

— „שור"... געשריבן וועגן אַ נייער טעראַסע.

— געוויס דאַרף מען האָבן אַ טעראַסע מיט בענק גלייך באַם אַריינגאַנג. די געסט זאָלן נישט דאַרפן קלעטערן „אפּסטערז..."*)

---

*) אינדערהייך.

גלייך פון „דיינינג־רום"*) זאָלן זי קאָנען אַרויסקומען, זיך אוועק־זעצן און קוקן אויפן טייך...

— ווער־זשע וועט עס מאַכן?

— וואָס הייסט: ווער?

— כ'מיין: דו וועסט עס מאַכן אָן אים?

— פאַרוואָס עפּעס אָן אים? ער וועט קומען אַהער שבת. וועט מען דינגען מענטשן און מען וועט מאַכן.

דזשאָ האָט געלאָזט שטיין די מילך־קאַן און ביידע ברידער האָבן געלאָזן געשפּאַנט אַרום האָטעל. מאָריס האָט מעשה באַלע־באָס אַלץ באַטראַכט מיט געהעריקן ערנסט. דזשאָ האָט אים געוויזן דעם גאָרטן:

— ער גייט־אויף „אָלרייט"?

— יאָ... זייער פיין.

— די קאַרטאָפל זענען שוין אויך אויפגעגאַנגען.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען צו דעם אָרט, ווו די קאַן איז געשטאַנען, האָט זיך דזשאָ געכאַפּט, אַז ער דאַרף מעלקן די בהמות.

האָט ער גענומען די קאַן און געזאָגט:

— איך גיי מעלקן.

מאָריס האָט געפרעגט:

— די טיר איז אָפן? איך וויל אַריינגיין אין הויז, זיך אַרומוואַשן.

— יאָ. ס'איז אָפן.

און מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט:

— העי מאָריס! ווען זאָגסטו קומט זי?

— ווער? די שוועגערין? — מאָרגן.

— גיי דורך דער קיך־טיר... זי איז אָפן.

און דזשאָ איז אַוועקגעלאָפן מיט גרינגע פלינקע טריט.

געלאָפן איז ער גיך מיט דער קאַן אויפן אַקסל פאַרוואָרפן.

---

*) עסצימער.

צוגעקומען צו דער לאַנקע, וו די בהמות האָבן זיך געפּאַשעט. האָט ער איבערגעוואָרפן די קאַן, אַליין זיך געגעבן אַ כאַפּ-אָן מיט ביידע הענט באַם פאַרלייגטן דראַנג און איבערגעשפּרונגען, געכאַפּט די קאַן באַם אויער און לויפנדיק זי געשלעפּט איבערן גראָז. אין מיטן לויפן האָט ער אָנגעהויבן גיין געלאַסענער. איצט האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט: ווען ער איז פּסח געווען צוויי טעג אין שטאָט, איז ער פאַרנאַכט געזעסן באַם ברודער אין הויז, קיינער אַ חוץ אים און דער שוועגערין — איז נישט געווען. בעסי האָט געגרייט צום טיש. פאַרבייגייענדיק האָט זיך איר האַנט אָנגערירט אָן זיין אַקסל. ער האָט זיך אָפּגערוקט. דאַן האָט זי זיך צעשמייכלט, געבליבן שטיין לעבן אים, געקוקט אַ ווײַלע גלייך אויף זיין פּנים. איצט געדענקט ער: איר פּנים איז געווען אַזוי קלאָר, די אויגן אַזעלכע ליכטיקע, שמייכלענדיקע. זי האָט מיט אַמאָל אַ זאָג-געטון:

— דזשאָ, ביהט נאָך אַלץ אַזאַ שעמעוודיק יינגל? האַ?

עפּעס שווערקייט איז געפאַלן אויף זיין פּנים און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. און זי — ווי נאָענט צו אים זי איז געשטאַנען. דער ריח פון איר האָט אים געמאַכט שווער צו אָטעמען.

— ווי לאַנג וועסטו נאָך זיין אַזאַ יינגל? ווי לאַנג וועסטו זיך אַלץ שעמען?

ער האָט דערפילט, ווי איר וואַרעמע ווייכע האַנט באַרירט זיין פּנים. ס'איז געווען אַ גלעט אָדער אַ לייכטער שטיפערישער קלאַפּ? ער ווייסט נישט. ער האָט זיך באַמיט אויפצוהייבן די אויגן. געוואָלט אַ קוק טון אויף איר, נאָר נישט געקאָנט.

דערנאָך האָט זי זיך ווידער געפּאָרקעט באַם טיש, האָט „סערווירט", דערביי געלאַכט און געפרעגט:

— דזשאָ! די בהמות דיינע שפּרינגען נאָך אַלץ נאָך דיר?

— נאָך אַ מין שפּרינגען!

— און דיינע פערד לויפן דיר נאָך אַלץ נאָך, ווען דו רופסט זיי?

— „שור״ !

— חברים דיינע !

זי האָט זיך קלינגענדיק צעלאַכט. . .

דזשאָ האָט איצט לאַנגזאַם געשטעלט די פיס איבער לאַנקע. וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם: „ביסט נאָך אַלץ אַזאַ שעמעוודיק ייִנגל״ ?

אין זיין פאַרשטייפטן מוח האָט זיך דאָס טראַכטן שווער באַוועגט: איז וואָר ווייסט? אפשר פון שטאָט האָט ער מיטגעבראַכט די אומרויִקייט? אַ גאַנצן ווינטער איז ער דאָ געווען איינער אַליין... געווען מיט די בהמות און פערד און האָט אויף קיינעם נישט געהאָרט. . . נישט געוואָרט. . .

דאָס קלינגען פון הייזעריקן גלאָק אויפן האַלז פון אַ קו, איז געווען נאָענט לעבן אים. דער קלאַנג איז געווען טעמפּ, שווער און פאַרטויבט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערזען זיינע בהמות, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן פייף און ווידער אַ פייף:

— אַהער קומט !

די בהמות האָבן זיך נישט דערשראָקן, נישט אַנטלאָפן. זענען געבליבן שטיין מיט צעשטעלטע פיס און שווער־אָנגעגאָסענע אייטערס. האָבן געקוקט מיט פאַרנאַכטיקע קיילעכדיקע אויגן, האָבן באַוועגט מיט די אויערן, געשמיסן מיט די ווידלען און אַרויסגעלאָזט זאַטע מרוקען אין דער נאַכט אַריין. גערודערט מיט די שווערע קינבאַקן, אַרויסגעגליטשט לאַנגע נאַסע צונגען און געגלעט די ווינקלען פון אייגענע פּיסקעס.

— קום אַהער, „ביוטי״ !*) — האָט דזשאָ זיך דערנענטערט צו אַ יונגער רויטער קו. זי האָט געבויגן דעם קאָפּ, געמרוקעט הייזעריק. שטראָמלעך מילך האָבן זיך צעשאָרעט, שפּריצנדיק געברויזט און געריזלט מיט פעטקייט און געזונטקייט פון ערד. די איבעריקע זענען געשטאַנען, געמעלה־גרהט און געוואָרט.

---

*) שיינהייט.

צוריקגייענדיק פון מעלקן איז אים איינגעפאַלן:

מען דאַרף זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט און אויפשטעלן די שאַפּע. מאָרגן קומט שוין בעסי, וועט מען עפענען דעם האָטעל, געסט וועלן זיך באַווייזן. דאַרף מען האָבן די שאַפּע. און צו וואָס אַפּלייגן? מאָרגן וועט ער נישט גיין אין פעלד אַריין. מאָרגן וועט ער זיך געפינען לעבן הויז... וועט ער דערווייל אויפשטעלן די שאַפּע...

ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט זיך צעשמייכלט פון דעם, וואָס ער וועט גלייך מאָרגן זיך שטעלן צו דער אַרבעט...

* *

*

דעם אָוונט איז דזשאָ געווען שטאַרק אויפגעלייגט. מאַריס האָט זיך געוווּנדערט; נישט פאַרשטאַנען, וואָס דזשאָ איז פּלוצלינג אַזוי ריידעוודיק געוואָרן און איילט זיך נישט צו גיין שלאָפן. ער איז געזעסן לעבן מאַריסן אויף דער אייבערשטער טעראַסע, געזעסן מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און דערציילט די וווּנדער פון זיינע בהמות און פערד. שפּרינגט ער — שפּרינגען זיי אים נאָך. לויפט ער — לויפן זיי נאָך. האָט דערביי אָפט געלאַכט מיט אַ געפּרעסט קוויטשענדיק געלעכטערל. ערשט ווען מאַריס האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— צייט צו מאַכן נאַכט! —

האָט זיך דזשאָ אויך אויפגעהויבן:

— „אָלרייט". גיי שלאָפן... איך וועל אויך באַלד גיין שלאָפן.

האָט זיך פאַרקוקט אַרויף צו די קלאָרע שאַרפע שטערן און געזאָגט:

— מאָרגן — אַ שיינער טאָג.

ווען ער האָט זיך שפּעטער געלייגט, האָט עס געדויערט אַ שטיקל צייט איידער ער איז איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיטן טאָג צוגלייך. דאָס ערשטע וואָס ער האָט אַ טראַכט געטון איז געווען:

„מען דאַרף זיך נעמען צו דער שאַפע...‟

געעפנט די אויגן און געפילט שטאַרקע קלאָרקייט אין זיי. אין זיין לייב האָט עפּעס געקוואַלן. עפּעס אַזאַ אַנגענעמס, וואָס איז אין אים געבליבן פון באַנאַכטיקן חלום. ער האָט שטייף צוגעמאַכט די אויגן, געוואָלט געדענקען וואָס אַזוינס אים האָט זיך געחלומט און זיך נישט געקאָנט דערמאַנען. האָט ער דערום געגעבן אַן עפן די אויגן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גרינגקייט געגעבן אַ שפּרינג אַראָפּ פון געלעגער.

האָט זיך אָנגעטון די טונקעלע אַרבעטס-קליידער און דערביי געטראַכט: שפּעטער וועט מען זיך דאַרפן אָפּראַזירן און אָנטון אַ ווייס העמדל. די גלידער זיינע זענען געווען אויסגערוט, שטייף, שפּילעוודיק. אין אים איז געווען גליסטונג צו שפּרינגען, לויפן און אַרויסלאָזן הויכע געשרייען. אַרויסגעקומען אינדרויסן, האָט ער געטראָפן אַ שמייכלענדיקע שטילקייט. די בערג זענען געשטאַנען נאָך איינגעהילט אין דרימלענדיקער בלויקייט. דאָס וואַסער איז געלעגן גלאַט און העלער. פון הינטער דעם הויכן באַרג האָט אין ליידיקייט אַריין זיך געגאָסן רויט גאָלד. די שפּיצן פון די ווייטע און נאָענטע בערג האָבן געראַיכערט, דער נעפּל האָט זיך לאַנגזאַם פון זיי געהויבן און זיך געבויגן.

דזשאָ איז געשטאַנען אַ ווײַלע. צו זיך אַליין געשמייכלט. אים איז געווען אַזוי גרינג און ריין אויפן האַרץ.

ער האָט אַ טראַכט געטון:

— וואָס איז היינט?

האָט אַ פינטל געטון מיט די אויגן:

— ניין. היינט איז דאָנערשטיק, נישט זונטיק...

מיט שפּרינגענדיקע טריט איז ער אַוועק צו די בהמות, וואָס האָבן שוין אויף אים געוואַרט מיט פולע אייטערס. דער פייכטער ריח פון גראָז, האָט אין אים דערוועקט אַ חשק צו זינגען. דאָס געזאַנג האָט זיך געריסן פון פאַרשטייפטן, קרעפטיקן לייב. ער האָט

אַרויסגעלאָזט קוויטשענדיקע קלאַנגען, שפּרינגענדיק מיט באָרוועסע פיס איבער פייכטער לאַנקע.

ווען ער איז צוריקגעגאַנגען, האָט זיך שוין די זון געהאַט אויפגעהויבן, שוין אַריבערגעקוקט איבער די בערג און געשפּרייט גאָלדענע פלאַכטעס איבער זייערע קעפּ. האָט פּאַרטריבן פון דאָרט דעם נעפּל און די בלעטער און די גראָזן האָבן געציטערט פאַר פרייד. טוי-טראָפּנס האָבן ליכטיק קלאָר געבלישטשעט. איבערן וועג האָט זיך שוין דורכגעטראָגן אַ מאַשין. שפּעטער — אַ צווייטע. דזשאָ האָט זיך גענומען איילן. גייענדיק אַזוי, האָט ער מיט דער האַרטער, שווערער האַנט אַ גלעט געטון זיין באַק. די האַרטע הע-רעלעך האָבן אַ קראַץ געטון. געוויס: מען דאַרף זיך אָפּראַזירן.

ער איז אַריין אין הויז. מיט לייכטע טריט זיך דורכגעטראָגן איבער די צימערן און קאָרידאָרן, איז אַריין צו זיך אין צימער און פון דאָרט אין באָד-צימער. שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען אַ פריש-געוואַשענער, ריין-ראַזירטער, אָנגעטון אין אַ ווייס העמד און אויף די פיס ווייסע „סניקס"*). איז ער צוגעגאַנגען צום צימער, אין וועלכן מאָריס איז געשלאָפן און אָנגעקלאַפּט:

— העי, מאָריס!

— ווער איז?

— דו שלאָפסט נאָך? שוין שפּעט!

פון יענער זייט טיר האָט זיך דערטראָגן אַן אויסגעצויגע-נער קרעכץ און אַ קנאַקן פון געזונטע ביינער. דערנאָך:

— איך שטיי שוין אויף!

— צייט צו עסן „ברעקפעסט"!**)

— איך גיי גלייך.

ווען מאָריס איז אַרויסגעקומען אויף דער אייבערשטער טעראַסע און דערזען דזשאָ'ן, האָט ער באַקומען ווונדער אין די אויגן:

---

*) לייוונטענע שיך מיט גומי-פּאָדעשוועס.

**) פרישטיק.

— „סעי״ דזשאָ! וואָס איז דער מער מיט דיר?
דזשאָ האָט געשמייכלט פאַרשעמט:
— וואָס איז דען?
— זעסט אויס... „רעגעלע״*) יום־טובדיק!
— כ׳גיי נישט אין פעלד אַריין היינט.
— וואָס איז די שמחה?
— די שמחה? — וואָס דו ביסט געקומען.
מאריס האָט געגעבן אַ צי־אַרויף די אַקסלען, זיי צוריק נאָכ־געלאָזט און דזשאָ האָט געזאָגט:
— איך נעם זיך צו דער שאָפּע.
— שוין?
— יאָ.
מאריס האָט אַלץ געקוקט אויף אים מיט ווונדער: „עי, מיט אים איז עפּעס פאַרגעקומען... זע נאָר ווי גלאַט ער איז עס גע־„שייפט״**).
— דזשאָ, דו שיינסט דאָך!
— דער „ברעקפעסט״ איז גרייט.
בּאַם עסן האָט דזשאָ געשוויגן. פאַרטראַכטקייט איז געווען אין זיינע קלאָרע אויגן. ער האָט געגעסן גיך, שלינגענדיק אין גרויס איילעניש. געענטפערט קורץ אויף מאריסעס פראַגן, פילנדיק, אַז עפּעס געשעט מיט אים...
— ווי איז דאָ דורכגעגאַנגען דער ווינטער?
— ווי אומעטום.
— וואָס הייסט?
— זיך אָנגעהויבן נאָך הארבסט און זיך געצויגן ביז פרי־לינג.
— און די שנייען דאָ?
— אַלע — ווייסע.

*) אקורא״ט.

**) רא״זירט.

מאריס האָט זיך צעשמייכלט. דזשאָ האָט פאַרענדיקט דאָס עסן און אוועק צו זיין אַרבעט.

מאריס האָט אים נאָכגעקוקט:

„ער איז פאַרענדערט... עפּעס אַן אַנדערער דזשאָ"...

ערשט אַרום פיר אַ זייגער, ווען דזשאָ האָט שוין באַלד געהאַט פאַרטיק די שאַפע, — אים איז נאָך געבליבן די לעצטע ברעטער פון דאַך צוצושלאָגן — איז זי אָנגעקומען.

בעסי איז געקומען צו פאָרן אויף אַ קליינעם „פאָרד", וואָס אַ נעגער האָט געטריבן. די מאַשין האָט געהאַט בלויז איין געזעס און זי איז געזעסן בײַ דער זייט פון נעגער, וואָס האָט געהאַט צענומענע ליפּן און גרויסע ווייסבלאַנקענדיקע ציין האָבן פון צווישן זיי אַרויסגעבלישטשעט.

ווען די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דזשאָ געשטאַנען אויפן דאַך פון שאַפע, האַלטנדיק אַ זעגל אין האַנט. ער האָט דערפילט ווי די פינגער ווילן זיך עפענען אַרויסצולאָזן דאָס זעגל, אין די פיס איז אָנגעלאָפן אַן אומגעדולד אַראָפּצושפּרינגען פון דאַך. ער האָט זיך דעריבער אָנגעשטרענגט: דאָס זעגל פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט און געבליבן שטיין אויף זיין אָרט.

דער נעגער איז אַרויס פון מאַשין אַ הויכער, שלאַנקער מיט שטיל, גלאַנציק, קיילעכדיק פּנים, וואָס האָט עפּעס פרעמדס, אוראַלטס געהאַלטן אונטער דער הויט פאַרבאָרגן. האָט כּסדר געטראָגן באַגאָסענעם רויט־וואַסערדיקן שמייכל אויף די דיקע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען צוגעקלעפּטע. די ווייסע ציין, האָט ער ווי פרעמדע געהאַלטן אין מויל. ער איז אַרומגעגאַנגען די מאַשין מיט שווערע, געלאַסענע, פאַרהילצערטע פיס, וואָס האָבן זיך באַוועגט אַזוי ווי זיי וואָלטן קיין קניען נישט געהאַט. האָט געעפנט דאָס טירל און בעסי איז אויסגעשטיגן. געבליבן שטיין אַ גלייכע, אַ הויכע און שטייפע. מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ זיך אַרומגעקוקט. דערקענט דזשאָ'ן און צוגערופן:

— העלאָ דזשאָ!

— העלאָ!

ער האָט פון דאַך אַראָפּ געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט.

זי האָט אויסגעטון דעם מאַנטל. דערלאַנגט דעם נעגער, וואָס איז געשטאַנען מיט קיילעכדיקע צעבלישטשעטע אויגן און ציין.

— וועסט אַריינטראָגן אין הויז.

— „יעס מעם"*) — האָט דער גלאַטגעשוירענער קאָפּ אַ ציטער געטון.

— די „סעטשלאַך"**) טראָג אויך אַריין.

— „אָלרייט".

אין האַלז באַ אים האָט עס זיך פאַרשלאָגן. זיין מויל איז געוואָרן צעצויגן איבער דער ברייט פון פנים. חיהשער הונגער האָט אַראָפּגעגלאַנצט פון זיין גלאַטן מאַרמאָר-געזיכט.

— וואָס זשע שטייסטו?

זיך אויסגעדרייט און געמאַכט עטלעכע טריט נענטער אַהין, ווו די שאָפּע איז שוין געשטאַנען אַ ווייסע, אַ שמייכלענדיקע און אַ ריח פון פריש האָלץ האָט זיך פון איר געטראָגן.

— העי, דזשאָ! וואָס מאַכסטו?

ער האָט עפּעס געענטפערט, נאָר זי האָט זיינע ווערטער נישט געהערט.

— וואָס שטייסטו דאָרט? קום אַראָפּ אַ ווײַלע.

אַ ווײַלע געצעגערט. פאַרשעמט אַוועקגעלייגט דאָס זעגל, פלינק ווי אַ קאַץ אַ שפּרונג געטון, געבליבן שטיין אויף שלאַנקע, עלאַסטישע פיס.

זי איז געווען אין אַ ווייס קלייד, וואָס האָט זיך ענג געטוליעט צו איר פולער, שטייפער פיגור. דער ווייסער נאַקן האָט געבלאַנקט מיט געזונטער ריינקייט און אונטערן ברעג פון שוואַרצן היטעלע האָבן זיך דיגע הערעלעך געקרויזט מיט שוואַרצן גלאַנץ.

---

*) יאָ, מאַדאַם.

**) טשעמאָדאַנעס.

זי איז געווען גרייט זיך צו צעלאַכן, נאָר דערזעענדיק דזשאָן בענטער, האָט דאָס געלעכטער אויסגעטרוקנט: עפּעס אַן אַנדער דזשאָ... די באַקן — איינגעפּאַלענער, שטייפער. אַ בלייכקייט שפּיגלט אין דער פאַרברוינטקייט. פון אונטערן ווייסן העמד האָבן די מוסקולן פון הענט און פּלייצעס אַרויסגעשפּילט.

— דזשאָ! זעסט דאָך אויס...

דזשאָ האָט זיך צעשמייכלט. זיך באַמיט אויפצוהייבן די אויגן און נישט געקאָנט.

— וואָס מאַכסטו?

— כ'בין אָלרייט.

און ענדלעך דערפירט זיין בליק ביז איר קלאָרן האַלז. אַריינגעקוקט איר אין קלאָרן, עטוואָס פאַררויטלטן פּנים. דער בליק איז געווען אַ שאַרפער, אַ טיפער. זי האָט אויסגעצויגן צו אים די האַנט. ער האָט זי שטיל גענומען, וואַרעם אַ דריק געטון און זי האָט דערפילט, אַז זיין האַנט האָט אין זיך אַ ציטער געטון. אַן ערנסט האָט זיך געגעבן אַ גאַס-אַריין אין אירע ברוינע אויגן. דזשאָס בליק איז שוין אויף איר פּנים נישט געווען.

— מאַריס איז געקומען?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, האָט פאַרהוילן אַ שלינג געטון און דאַן געזאָגט:

— יאָ... נעכטן.

— ווו זשע איז ער?

— באַם הויז.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען: מאַריס שטייט דאָרט און שאָקלט צו איר מיטן קאָפּ. שטייט אַזאַ היימיש רויקער און שמייכלט שטיל.

— אָט איז ער דאָרט... אָלרייט... וואָס האָסטו דאָ אויס-געבויט דזשאָ?

— אַ שאַפּ.

— צו וואָס?

— פאַר מאַשינען.

— „דעטסרייט״.*)

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט זי זאָל אוועקגיין.

מאַריס האָט גענומען שפּאַנען מיט געלאָסענע פאַרקלערטע טריט אַנטקעגן איר. בעסי האָט דאַן געזאָגט:

— זעסט אויס פיין, דזשאָ.

דזשאָ האָט געשמייכלט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וועסט באַלד פאַרטיק ווערן מיט דיין אַרבעט?

— באַלד.

זי האָט זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן מאַריסן. דזשאָ האָט איצט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף איר פיגור. אויפן קלאָרן נאַקן... האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט באַם ברעג פון דאַך, זיך געגעבן אַ צי, אַ דראַפּע און אַרויף.

און ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס מיט אים איז: אים האָט זיך געגלוסט לאַכן. אַ מאָדנע אומרו האָט זיך אין אים צעברענט... ער איז געשטאַנען אויפן דאַך, געקוקט ווי בעסי באַגריסט זיך מיט מאַריסען. ווי מאַריס שמייכלט פּיפּקענדיק זיין ליולקע. ווי דער הויכער נעגער טראָגט די פּעקלעך, שפּאַנט דערביי זייער געלאַסן און זיינע אויגן זענען געקערעוועט צו דער זייט, ווי בעסי שטייט, אַזוי געקערעוועט, אַז די שוואַרצלעך שטייען אין די ווינקלען און די ווייסלען זענען גרויס; זען אויס ווי פּאַרצעליי. דזשאָ׳ן איז אויסגעקומען, אַז ער זעט דידאָזיקע בעסי צום ערשטן מאָל... ס׳איז נישט די אייגענע בעסי פון פאַריאָרן און פאַר צווייאָרן... דידאָזיקע בעסי האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען...

---

*) גוט אַזוי.

ב.

צומאָרגנס באַלד אינדערפֿרי, ווען דזשאָ איז שפּרינגענדיק צוריקגעקומען פֿון מעלקן די בהמות, האָט ער זיך ראַפּטום געגעבן אַ שטעל-אָפּ אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן האָטעל: לעבן מאַריסעס מאַשין זענען שוין געשטאַנען מאַריס מיט בעסין. דזשאָ האָט באַלד באַמערקט אויף מאַריסעס פּנים אַ זיכערן צופֿרידענעם שמייכל. און אָט דער שמייכל, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ מאָדנע פֿאַרהוילנקייט, האָט אויף אַ ווײַלע אַרײַנגעטריבן אַ קילע שרעק אין זײַן האַרץ. בעסי איז געשטאַנען אין ווײַסן קלייד נאָר אָן אַ הוט. די שוואַרצע גלאַנציקע האָר זענען געלעגן געקנייטשט אויף איר קאָפּ און בײַ דער זײַט פֿון שווערן קאָקס איז געזעסן אַ גרויסע שוואַרצע קאָם-שפּילקע. זי איז געשטאַנען גלייך ווי אויסגעגאָסן. האָט גערעדט צום בעגער, וואָס האָט אויסגעזען אַ פֿאַרשלאָסענער...

— הער זשע, דזשים: דו עפֿן דערווײַל אַלע לאָדנס פֿון די פֿענצטער... נעם אַרויף די באַרשטן און גרייט אַלץ צו... זע: עס זאָל זײַן וואַרעם וואַסער... אַז מיר וועלן צוריקקומען, זאָלן די מיידלעך זיך גלייך קאָנען שטעלן צו דער אַרבעט...

דזשים האָט כּסדר געהאַלטן געעפֿנט די דיקע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען צוגעקלעפּט צו זײַן פּנים. אַ פֿאַרחלשטקייט איז ווי אַ דיקער ליאַק געלעגן אויף דידאָזיקע ליפּן און ער האָט שווײַגנדיק, מיט באַדינערישער אונטערטעניקייט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווייסטו שוין וויסן?

— יעס מעם...

האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען דזשאָ'ן:

— אָ! דזשאָ, „גוד מאָרנינג"!

דזשאָ האָט איצט געקוקט גלייך אין פּנים אריין. זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צו אים. איר פּנים איז איצט געווען יום-טובדיק קלאָר, אַ געזונטע פאַרב האָט געשפּילט אין די באַקן. די אויגן זענען איר געווען מאָדנע אויפגעפלאַמט. דזשאָס בליק איז געפאַלן אויף די פולע שטייפע ברוסטן, וואָס האָבן זיך געצייכנט דורך דעם געפּאַסטן קלייד. איין מינוט האָט בעסי געפינטלט מיט די אויגן. דזשאָ האָט מיט געוואַלט אָפּגעריסן זיין בליק און געפילט אַ וואַרעמע הוילקייט אין האַרץ.

— איך פאָר-צו מיט מאריסן אין דערבייאיקן שטעטל.

— האַ? אין שטעטל?

— מען דאַרף דאָך עפענען דעם האָטעל.

— יאָ... יאָ...

— מיר דאַרפן ברענגען אַהער די מיידלעך, וואָס מען האָט צוגענומען צו דער אַרבעט... זיי וועלן זיך גלייך שטעלן אויס-„קלינען" די „רומס..."*) מען דאַרף איינקויפן עטלעכע זאַכן... מיר וועלן דערווייל ברענגען פון דאָרט אַ „וייטערקע..."**) די איבעריקע וועלן קומען פון שטאָט...

דזשאָ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט נישט פאַרשטאַנען נאָכוואָס זי דערציילט אים דאָס אַלץ. בעסי אַליין האָט אויך נישט געוווסט נאָכוואָס זי טוט עס, נאָר זיין מאָדנער בליק האָט זי גע-בראַכט צו דעם.

מאריס איז דערווייל אויפגעזעסן און אַלץ מיט דער זעלבער זיכערקייט אויפן פּנים רויק געוואַרט.

בעסי האָט זיך דערמאָנט:

— דזשאָ! דער „קאַלירטער" איז אַ פרישער מענטש... כאָפּ אַ קוק אויף אים.

דאַן האָט דזשאָ אַ פרעג געטון:

*) אויסרייניקן די צימערן.

**) אַ קעלנערין.

— ווער איז ער ?

— ער האָט געאַרבעט אויף דער „פעקטערי"*), ווו איזראעל איז אָנגעשטעלט. האָט ער אים צוגענומען, ער זאָל דאָ אַרבעטן איבערן סעזאָן.

— אָלרייט.

— וואָס — אָלרייט ?

— איך וועל אַכטונג געבן.

ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מאַשין, האָט דזשאָ אַ פרעג געטון :

— ביידע פאַרט איר ?

נאָר בעסי האָט די פראַגע נישט דערהערט און דזשאָ האָט זי נישט איבערגעחזרט. ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט ווי צוגעוואַקסן, די אויגן ווייט צוגענומען פון בעסין מיט מאָריסן, ווי ער וואָלט עפּעס איבעראַשנדס אין זיי געזען. מאָריס האָט פאַר איר געעפנט דאָס טירל, האָט צו איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. בעסי האָט זיין האַנט נישט גענומען. האָט זיך אַליין אָנגעהאַלטן אָן ווענטל. האָט אַרויפגעשטעלט איין פוס אויפן טרעפל, אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן. פאַר דזשאָס אויגן האָט אַ ווונק געטון אַ פוס ביז דער קני. זיין בליק איז צוגעפאַלן צו דעם געטאַקטן פוס אין זייַדענעם דורכזיכטיקן זאָק, זיך צוגעקלעפּט און נישט געקענט אָפּרייסן. אין האַרץ האָט עס אויפגעציטערט און אין געפלדיקן קאָפּ האָט עס אַ ווײַלע אַ טונקל געטון.

בעסי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן מאָריסן און אַ צערודערונג, איז אין איר געווען. דזשאָס בליק איז אין איר געבליבן און זי האָט אים געפילט, ווי מען פילט נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אַ שטאַרקן שטאָך געטון.

— וואָס איז ? — האָט מאָריס געפרעגט.

— וואָס זאָל זיין ? — האָט זי איבערגעפרעגט.

די מאַשין איז אָוועק. ערשט דאַן האָט זיך דזשאָ אומגעקוקט

---

*) פאַבריק.

און דערזען, ווי אויך דער נעגער שטייט אויף זיין אָרט און זיינע אויגן ווייסלען, ווי ער וואָלט עפּעס אַ וווּנדער געזען...

מיט דזשאָ'ן איז געבליבן צערודערטקייט און ער האָט גע־האַט אַ טעמפּ געפיל, אַז עפּעס שטיקט זיך אין זיינע גלידער.

— ווו זענען די באַרשטן? — האָט דער נעגער צעקייט די ווערטער מיט די ווייסע ציין.

דזשאָ איז מיט אים געגאַנגען. האָט אים געוויזן ווו אַלץ ליגט. האָט אים געהאָלפן אַרויפטראָגן די שיסלען, די באַרשטן, די שמאַ־טעס צום וואַשן. כאָטש קיינמאָל האָט זיך דזשאָ מיט די זאַכן נישט אָפּגעגעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט צו די „ביזנעס" פון האָטעל. דערמיט האָבן זיך אָפּגעגעבן מאַריס מיט איזראַעלן. אין פאַרלויף פון די יאָרן, וואָס די דריי ברידער האָבן דאָ געהאַט דעם האָטעל מיט די גערטנער און פעלדער האָט זיך איינגעשטעלט אַ צעטיילונג: דזשאָ, וואָס האָט אַלע מאָל פיינט געהאַט די שטאָ־טישע אויסגעפּוצטע מענטשן, וואָס קומען זיך אַהער פּאַשען, האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט דער פאַרמעריי. קיינער האָט זיך צו אים נישט געמישט. מאַריס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די „ביזנעס" פון האָטעל און מיט דער „געזאַלין סטיישען" און איזראַעל דער עלט־סטער ברודער, וואָס האָט אַמאָל אין דער שווייץ געענדיקט אינ־זשיניער, האָט אָנגעפירט מיט די פּלענער. בעסי ווידער האָט גע־האַט די אויפזיכט אויפן האָטעל, אויף דער קיך און אויפן „דיינינג רום". דזשאָ האָט שטיל אין זיך געלאַכט פון די „ביזנעסלייט", וואָס ברעכן זיך כּסדר די קעפּ „געלט צו מאַכן". צו וואָס דאַרפן זיי געלט? וואָס וועלן זיי טון מיטן געלט? ער דאַרף נישט קיין געלט. ער דאַרף נישט קיין שטייפע קעלנער און קיין שפּיגלען... ער האָט זיך דעריבער קיינמאָל נישט געמישט צו זייערע „גע־שעפטן". איז בלויז געווען פאַרנומען מיט זיינע בהמות און גערט־נער. איז געווען שטיל, אָפּגעזונדערט. און זיך דערווייטערט פון די שטאָטישע.

— העי, דזשאָ! וואָס מיינסטו וואָלט דיר געשאַדט, ווען דו אינטערעסירסט זיך מיטן „געשעפט"? ווען דו האָסט אין זינען די

בעסט ? דו מיינסט: עס איז אַזוי פיין זיך איינגאַנצן צו האַלטן פון וייטן? ווערסט דאָך אַן אמתער פויער?

האָט ער זיך צעלאַכט:

— איך? איך פיר נישט קיין ביזנעס...

און מער נישט געענטפערט.

איזראַעל האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ ציִ געטון מיט די אַקסלען.

דאָסמאָל אָבער, האָט ער זיך אונטערגעגעבן; ער האָט זיך גענומען העלפן דעם נעגער. האָט געעפנט די לאָדן פון די פענצטער. די פענצטער און טירן. אין אים איז געווען דער ווילן: ווען בעסי וועט צוריקקומען, זאָל זי טרעפן אַלץ, ווי זי האָט געוואָלט.

געטון האָט ער אַלץ מיט אימפּעט. ווי עפּעס אַ פאַרהוילענער כּוח וואָלט אים געטריבן. איז געלאָפן איבער די קאָרידאָרן. געשלאָסן די טירן. געקלאַפּט די פּעצטער. ווי אַ ווינט האָט ער זיך געטראָגן איבערן האָטעל. האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. אין אים איז אַלץ געזעסן די צערודערונג און אַ פאַרהוילענע שווערי-קייט. נעפּלדיק געטראַכט: ווען זיי וועלן צוריקקומען, דאַרף ער ווידער אַ קוק טון אויף מאַריסן...

אַרום צוועלף דעם זייגער זענען זיי צוריקגעקומען. האָבן מיטגעבראַכט דריי פויערישע אויסגעטרוקנטע מיידלעך, מיט בלאַ-דע פלאַקסענע קעפּ און שווערע האַרטע הענט. זיי זענען שוין געווען נישט קיין יונגע, האָבן געהאַט ביינערדיקע פנימער, אַ ווע‎לכע די נויט איז געווען איינגעגעסן. אַ נישט ריינקייט פון בלוט האָט געבליקט דורך די טרוקענע הויטן.

בעסי איז געווען פאַרענדערט, אַנגעבלאָזן. אַ שטילער כּעס האָט אין איר געברענט. אין די אויגן האָט זי געבראַכט אַ באַ-ליידיקונג... מאַריס האָט אויך געשוויגן. דערשמייכל איז נישט געווען אויף זיינע פאַרפרעסטע ליפּן, נאָר די זיכערקייט איז אַלץ געווען. זי איז איצט געלעגן מיט עקשנות אויף זיין פאַרשטאַרט פנים.

בעסי האָט אַריינגעפירט די מיידלעך. זיי האָבן זיך גלייך

גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט געשפּאַנט איבער די צימערן, האָט באַפוילן, געשריגן. געהייסן דעם נעגער אַרויפברענגען די „סקרינס"*) צו די פענצטער, האָט אָנגעטראָפן דזשאָ'ן און שאַרף אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

— האָסט דאָ צוגעהאָלפן?

— יאָ... געוויזן דעם נעגער וואָס צו טון.

— זייער פיין, דזשאָ.

נאָר דזשאָ האָט די אויגן איצט נישט אויפגעהויבן אויף איר. ווען זי איז אַוועק, האָט ער איר בלויז אַ ווײַלע נאָכגעקוקט. גע-פילט, אַז זי איז ברוגז און באַליידיקט: זי האָט געשפּאַנט עקשנות-דיק, פאַרביסן און מאָדנע אויסגעשטרעקט. ווי זי וואָלט זיך שטאַרק געהיטן זיך נישט אײַנצובייגן. אַראָפּקומענדיק הינטן אויפן פּלאַץ, האָט דזשאָ געטראָפן, ווי מאַריס שטייט אַ שטילער. דליבעט מיט אַ העלצל די „פּייפ"**) און די אויגן זענען אים פאַרכעסט. דזשאָ האָט אַ פרעג געטון:

— ווו איז די „ווייטערקע"?

— וואָס פאַר אַ „ווייטערקע"?

— בעסי האָט דאָך געזאָגט?

— זי קומט מאָרגן...

און אַלץ נישט אומגעקערט דעם קאָפּ צו דזשאָ'ן.

* *
*

מיט בעסיס קומען האָט זיך אַ שטאַרקער רעש אַרײַנגעריסן אין שטילקייט פון האָטעל. די מיידלעך זענען געלאָפן איבער די קאָרידאָרן, געקלאַפּט מיט שווערע, האַרטע, אַלטע שיך, געוואַשן די צימערן, געקלאַפּט די מאַטראַצן, געווישט די פענצטער און

*) אַ ווענטל פון דינעם דראָט געפלאָכטן, אַ באַשיצונג פאַר פליגן.

**) ליולקע.

דערביי געזונגען מיט משונהדיקע קוויטשענדיקע און הילצערנע קולות. בעסי איז כסדר געווען פאַרנומען און מאָריס אַ שווייגע־דיקער האָט אָפּט געטריבן זיין אַלטע קרעכצנדיקע מאַשין אין נאָענטן שטעטל אַריין און צוריקגעקומען מיט פאַרשידענע פּעקלעך. דזשאָ האָט זיך געהאַלטן פון ווייטנס. ווי דאָס האָט מיט אים נישט צו טון. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע בהמות און פעלדער. אין האָטעל האָט מען אים כמעט נישט געזען. שבת אינדערפרי איז געקומען צו פאָרן די ערשטע „וויזיטערין". מאָריס האָט זי גע־בראַכט פון שטעטל. דאָס איז געווען אַ שטילע, ציכטיקע, יונגע גויע מיט אַ פאַרטראַכט פּנים און שטילע טרויעריקע אויגן. פון איר האָט זיך געפילט דער ריח פון אַ ציכטיקער באַלעבאָסטע, וואָס האָט צוליב נויט געמוזט פאַרלאָזן איר אייגן באַלעבאַטישקייט און אָנ־קומען צו יידן אויף אַ שטעלע. דער טרויער פון איר יונג־אַלמנה־שאַפט האָט נאָך פון איר געדויכערט, כאָטש ס'איז שוין געווען אַריבער אַ יאָר זינט איר מאַן איז געשטאָרבן. די שפּורן פון איר צער זענען נאָך געלעגן אין די פאַלדן פון אירע ריינע קליידער און אין די שטילע געלאַסענע באַוועגונגען. אָט אַזוי זעט אויס אַ פּלאַץ פון אַ שׂרפה — כאָטש מען גרייט זיך שוין אויפסניי אויפ־צובויען.

מאָריס האָט עפּעס געהאַט אַ שאַרפקייט אין די אויגן, וואָרפנ־דיק אַלע ווײַלע אַ בליק אויף איר. ער האָט איר געהאָלפן אויס־שטייגן פון מאַשין און עפּעס אַ שמייכעלע האָט געריזלט אונטער זיינע אויגן. נאָר די יונגע אַלמנה איז געווען שווייגנדיק; פאַרנאַכ־טיקייט איז געווען אין אירע גרויסע, שוואַרצע און פאַרכּרעסטע ליפּן. זי האָט געשפּאַנט מיט פאַרזיכטיקע, געלאַסענע טריט. ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס געדויש פון איר יוגנט, האָט איינגעדרימלט און האַלט ערשט באַם אויפוואַכן. מאָריסעס בליקן האָבן נאָך איר נאָכ־געבלאָנדזשעט.

צי בעסי האָט עס באַמערקט, צי נישט, נאָר פון איר באַגע־גענען דידאָזיקע ציכטיקע גויע איז עס נישט געווען צו דערקענען. זי איז אַרויסגעקומען איר אַנטקעגן מיט אַ שמייכל:

„זייער גוט, וואָס זי איז היינט געקומען. היינט קומט צו פאָרן דער מאַן אירער און וועט מיט זיך ברענגען די קעכין... מאָרגן איז זונטיק, קאָן זיין: עס וועלן קומען די ערשטע געסט... זייער גוט".

און צו מאריסן האָט זי אפילו קיין איין בליק נישט געטון. ווי זי וואָלט גאָרנישט געוווּסט, אַז ער שטייט דאָ נישט ווייט.

די יונגע אַלמנה האָט נישט געשמייכלט. לייכטע שרעק איז געווען אין איר, אָבער זייער אַ רויקע. האָט שטיל אויסגעהערט בעסיס רייד און נאָר געזאָגט:

— אָלרייט.

— אָט וועל איך דיר ווייזן דאָס צימער.

האָט זי אַריינגעפירט אין האָטעל. געגאַנגען איבערן קאָרידאָר פאָרויס, זי צוגעפירט צו אַ טיר:

— אַ פיין צימער... מען דאַרף עס נאָר אַ ביסל צו־רוימען.

— אָלרייט.

ס׳איז נישט געווען צו וויסן צי דאָס צימער געפעלט איר, צי נישט. מאריס איז געשטאַנען אין דרויסן מיט אַ פּנים, וואָס האָט זיך געטרונקען אין פאַרלעגנהייט און אין וואָסערדיקן כּעס.

דער נעגער האָט אַרויפגעבראַכט דער גויעס קאַסטן מיט זאַכן. זי האָט אים געדאַנקט און ווען דער נעגער איז אַוועק, האָט זי געזאָגט צו בעסין:

— איך טו זיך גלייך איבער.

בעסי איז אַוועק מיט קלינגענדיקע פאַרנומענע טריט.

באַטאָג איז אָנגעקומען איזראַעל און געבראַכט מיט זיך אַן אַלטע יידישע קעכין און זיינע צוויי מיידלעך.

בעסי האָט זיי דערזען דורכן פענצטער. איז זי מיט גיכע טריט אַראָפּ אונטן. די קינדער, געזונטע, צערויטלטע מיידלעך, גע־ראָטן אין דער מוטער, זענען צו איר צוגעפאַלן מיט פרייד. בעסי האָט זיי געהאַלזט און געקושט מיט פלאַמיקער צערטלעכקייט. דער מאַן איז דערביי געשטאַנען אַ דיקער, אַ צעגאַסטענער דאָס פּנים

איז אים געווען קיילעכדיק, די הויט אויף דעם — ווייך און נאָכגעלאָזט. ער האָט געהאַט אויסגעטון דעם הוט און דער גרויסער קאָפּ, וואָס איז אים געווען אַראָפּגעזעצט אין דיקן, געפּאַלדעוועטן, קורצן האַלז אַריין, האָט אויף זיך געטראָגן אַ קיילעכדיקע, שטאַרק ווייסע ליסענע, וואָס איז געלעגן ווי אַ רונד ווייס טייג-פּלעצל. פֿאָרנט האָט ער געהאַט שיטערע לענגערע האָר, וואָס זענען אים געשטאַנען דובאָם און האַרט. צווישן האָר און האָר האָט ליידיקייט געלויכטן. ער איז געשטאַנען מיט אַרויסגעשטעלטן ווייכן בויך און עס האָט אויסגעזען, אַז ער בייגט זיך אויף צוריק. די פֿיס זענען אים געווען קורצע און די הויזן — ברייטע און אויך קורצע.

— אַלץ איז אין אָרדנונג? — האָט ער געפֿרעגט געשעפֿטלעך, אַ צי-טוענדיק די שיטערע ברעמען איבער די אַ ביסל אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן.

— מען אַרבעט... מען מאַכט אין אָרדנונג. — האָט בעסי צוגעוואָרפֿן, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן אויף אים. פֿונוויטנס איז געשטאַנען מאַריס. געשטאַנען ווי אַ פֿרעמדער און גלייכגילטיק-פֿאַרביסן געקוקט אויפֿן טייך. די זיכערקייט איז אַלץ געווען אויף זיין פּנים.

— העי, מאַריס! וואָס שטייסטו דאָרט?

מאַריס האָט זיך אויסגעדרייט, געלאָזן זיך געלאָזט גיין צום ברודער. בעסי האָט דערווייל פֿאַרכאַפּט ביידע קינדער בײַ די הענטלעך און גערופֿן די קעכין:

— קומט... קומט אַריין...

— נו, מאַריס? — האָט איזראַעל גלאַט אַזוי געזאָגט. — און דזשאָ? ווו איז דזשאָ?

— ער איז דאָ. מסתּמא אין פֿעלד.

— האָסט עפּעס אַ טראַכט געטון וועגן דער נייער טעראַסע?

— וואָס איז דאָ פֿאַרהאַן צו טראַכטן? מען דאַרף מאַכן.

— כ'מיין: גערעדט זיך מיט אַרבעטער?

— יאָ. מאָנטיק קאָנען זיי קומען צו דער אַרבעט.

— אָלרייט... לאָמיר זען.

האָט פאַררוקט די הענט אונטערן רעקל, זיי אָנגעשפּאַרט באַ די זייטן און באַטראַכט דעם פּלאַן פון דער טעראַסע:

— אָט דאָ. גלייך ווי מען גייט אַרויס פון „דײַנינג־רום"... מען דאַרף מאַכן אַ גרויסע... אַרומשטעלן בענק... איבערציען אַ „ווייער"*) מיט עטלעכע לעמפּלעך... ס'וועט זיין אַלרייט... ס'וועט אָבער קאָסטן געגוג...

מאַריס האָט געשוויגן.

איזראַעל האָט גלייך גענומען שפּאַנען מיט ווייכע טריט און אויסגעשפּאַנט דעם פּלאַץ, וואָס די טעראַסע דאַרף פאַרנעמען. איז צוריקגעקומען באַ מאַריסן און געפרעגט:

— האָסטו זיי באַשטעלט אויף מאַנטיק?

— די אַרבעטער? — יאָ.

— וועט מען זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט... אַז דאָס געהילץ זאָל זיין גלייך מאַנטיק אינדערפרי.

— שוין באַשטעלט.

דערווייל איז אָנגעקומען דזשאָ. שטיל ווי פון אונטער דער וואַנט איז ער אַרויסגעקומען. זיך אָפּגעשטעלט אַ שווייגעדיקער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אונטערהערן, וואָס מען רעדט.

— אָ! אָט איז ער דאָך! — האָט איזראַעל אויסגערופן.

דזשאָ האָט נישט געשמייכלט. האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער איז צערודערט. דער עלטסטער ברודער האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַרעטל, אַריינגעזעצט אין אַ לאַנג ציגאַרנשפּיצל, האָט פאַררייכערט, טיף פאַרצויגן און געפרעגט, אַרויסיאָגנדיק דעם רויך דורך ביידע נאָזלעכער:

— וואָס זשע מאַכסטו, דזשאָ?

אָפּגערוקט זיך און מיט אַן אָקטאַווע נידעריקער איבערגע־חזרט:

— דזשאָ!

סאַרקאַזם און ביטול איז געווען אין איבערחזרן דעם נאָמען.

---

*) אַ דראָט.

ס'איז נאָר נישט געווען צו פאַרשטיין צי אים געפעלט גלאַט נישט דער נאָמען אָדער, ווייל ער ווייסט, אַז דזשאָ וועט סיי ווי סיי קיין ריכטיקן ענטפער נישט געבן.

— איך בין אַלרייט.

— געבענקט אין שטאָט אַריין, אַ ?

דזשאָ האָט געגעבן אַ צי מיט די אַקסלען, זיי נאָכגעלאָזט און נישט געענטפערט.

דער ברודער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שמייכלענדיק־פאַרזאָרגטן בליק : ער, וועט דיר בענקען... אַז ער האָט דאָ זיינע בהמות. דזשאָ האָט דערפילט דעם חוזק. און עפּעס האָט עס אים הנאה געטון... כאָטש ס'האָט אים אויך וויי געטון...

— וואָס זאָגסטו וועגן דער טעראַסע, וואָס איך גיי מאַכן ?

— מאַך.

— עס דאַרף קאָסטן געלט.

— שור...

— אָבער אַ טעראַסע דאַרף מען דאָך ? ! אַזוי ווי מען גייט אַרויס פון „דיינינג־רום" זאָל מען זיך גלייך קאָנען אַוועקזעצן. נישט אַזוי ?

דזשאָ האָט שוין אַ שמייכל געטון :

— ווילסט מאַכן — מאַך.

— וואָס זשע שמייכלסטו ?

— ווייל עס גלוסט זיך מיר.

איזראַעל האָט אַ שאָקל געטון מיט זיין גרויסן קאָפּ, האָט אַלץ אַזוי געהאַלטן די ווייכע, גרויסע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די לענדן אונטערן רעקל און זיך אַ ביסל אונטערגעשאָקלט, קוקנדיק זייער געשעפּטלעך אויפן האָטעל.

דזשאָ האָט זיך דערווייל איינגעקוקט אין מאַריסעס פּנים און אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין זיכערקייט און עקשנותדיקייט ברענגט אים — דזשאָ'ן — אין צעדרודערונג.

איזראַעל האָט געזאָגט :

— מאָרגן וועלן מיר שוין האָבן די ערשטע געסט.

מאריס האָט געגעבן אַ הייב אויף די אויגן:

— ווער קומט?

איזראַעל האָט אַלץ געקוקט איפן האָטעל. געענטפערט אין לײדיקײט אַרײן:

— וואָס איז דער חילוק? פון די אַלטע געסט... זיי ווייסן אַז דער האָטעל איז שוין מאָרגן אָפן... וועלן זיי צוקומען אויפן טאָג... און אפשר נישט... ווייס איך?!

ג.

די אַנדערע וואָך איז שוין דער האָטעל געווען געעפנט: אַלע לאַדנס אויפגעמאַכט. די שויבן גלאַנציקע, פאַרהענגלעך קלאָרע, די „סקרינס" אַרײנגעשטעלט. די צימערן אויסגעוואַשן, אויפגערוימט. די מאַטראַצן אויסגעקלאַפּט, דאָס בעטגעוואַנט אויסגעלופטערט, פריש איבערגעצויגן, האָבן די בעטן געוואַרט פאַרגליווערט אויף געסט.

מאריס איז אַלע טאָג געפאָרן אין שטעטל. איין טאָג האָט ער פון דאָרט געבראַכט דעם „קאָלידזש-באָי",*) וואָס האָט זיך געהאַט צו זיי פאַרדונגען פאַר אַ קעלנער. אַ שלאַנקער יונגער בחור מיט שוואַרצע האָר און פאַרשעמטקייט אין זײנע אויגן, וואָס זענען געשטאַנען, ווי שוואַרצע גלאַנציקע וואַסערלעך. אַ צווייטן טאָג האָט ער געבראַכט אַן עלטערע פרוי — די ברידערס אַ נאָענטע קרובה, וואָס האָט געדאַרפט צוהעלפן אין קיך און זיך אָפּרוען דאָ פאַר די זומער-חדשים. זי האָט צו מאריסן גערעדט ווי צו אַן אייגן קינד, האָט אים געזאָגט „דו" און האָט געהאַט אַ בלייך געקנייטשט פנים.

*) סטודענט

— אַ משהלע! אויסגעוואַקסן אַזאַ יונג! און איך געדענק דיר דאָך פּאַר אַ קינד... אַן עקשן אַ קינד געווען... און אַ פּאַר־ביסענער — גאָט זאָל אָפּהיטן.

מאַריס האָט אַ שמייכל געטון. נישט געענטפערט. ס'האָט אויס־געזען, אַז ער האָט נישט קיין צייט איבערצורייסן זיין טראַכטן און ענטפערן. ער האָט כּסדר געטראַכט אין זיך. געטראָגן אין זיך אַ סוד, ווי מען טראָגט אַ פאַרבאָרגענעם אוצר.

די טעג זענען געשטאַנען ליכטיקע, צעבליטע. איבערן גלאַטן אַספאַלט־וועג, זענען שוין אָפּט געלאָפן גלאַנציקע מאַשינען, טראָגנ־דיק אַ גרוס פון שטעט, וואָס ליגן ערגעץ הינטער די בערג און איבערלאָזנדיק אַ הייסן טשאַד איבערן וועג. זיי פאַרנאַכטן זענען אָנגעקומען שטילע, וואַרעמע. פון בערג און פעלדער האָט זיך גע־דיכטע ליידנשאַפט געגאָסן ווי שטאַרקער בלומען־ריח. טון זומפן האָבן פרעש געקוואַקעט און איבערן טייך איז נעפל געשטאַנען, נאָר קיין געסט זענען נאָך אַלץ נישט געווען.

דזשאָ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין אַרבעט. האָט געהאַט צו טון מיט די בהמות, באַאַרבעט די גערטענער, אונטערגעאַקערט די קאַרטאָפל, נאָר דער אימפּעט פון דער אַרבעט איז אין אים נישט געווען: אינמיטן דער אַרבעט האָט ער פּלוצלינג זיך אויסגעגלייכט, געבליבן שטיין פאַרגאַפט, די אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אַמאָל אין טייך און אַמאָל אין די ווייטע בלויע בערג, וואָס זענען גע־שטאַנען מיט געהויקערטע פּלייצעס. אין זיין לייב איז געווען פרעמ־דע הייסע גאַרונג. אין די בלויע אויגן — אַ צערודערטע פאַר־אַכטונג. שווער האָט זיך באַוועגט דאָס טראַכטן אין קאָפּ, ווי עפּעס וואָלט זיך גערוקט דורך ענגשאַפט. פון מאַריסן איז ער געוואָרן אָפּגעפרעמדט, דערווייטערט. יעדער טאָג האָט אים אָפּגערוקט פון ברודער. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס איז, אָבער אַזוי איז עס געווען. גייענדיק פון פעלד אַדער פון גאָ־טן, האָט ער מיטאַמאָל גענומען לויפן און שפּרינגען, ווי ער וואָלט דערוואַרט באַם האָטעל צו דערזען עפּעס אויסטערלישס. צוקומענ־דיק צום האָטעל, האָט ער גענומען שפּאַנען געלאַסן, אַנטוישט.

בעסי איז אויך געווען כּסדר פאַרנומען. זי האָט אַרומגע־

שפּאַנט איבער די צימערן און קאָרידאָרן מיט שטייפע, פאַרביסענע טריט. שטילער כעס האָט אין איר געררייכערט. איר גוף איז געוואָרן שטייפער, שלאַנקער און אויסגעשטרעקטער. זי איז געווען אָנגעטון אין העלע קליידער, אַ בינט שליסלען פאַרשטעקט אין גאַרטל, וואָס האָט אירע לענדן אַרומגענומען. ס'האָט אויסגעזען, אַז די כוחות און די בלוטן שפּילן שטאַרק אין איר. די אויגן זענען געווען שאַרף און דער ברוגז האָט פון זיי געשפּריצט מיט ברוינע פונקען. האָט זי געשוויגן. אָפט געווען אין קיך, זיך באַראָטן מיט דער קרובה און קעכין וועגן די מאָלצייטן. האָט גערעדט באַפעלעריש, שאַרף און האָט נישט געשמייכלט. די קרובה האָט געקוקט אויף איר מיט קלוגע אויגן. מיט אויגן פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַ סך איבערגעלעבט אויף דער וועלט און אַלץ איז פאַר אים שוין קלאָר.

— בעסי... עפּעס ביסטו מיר צערודערט, בעסי...

— האַ? וואָס בין איך?

— איך זע: ביסט נישט ווי אַלע מאָל.

— אַז מען דאַרף אַלץ אַליין אין זינען האָבן... ס'איז דאָך עפּעס אַ האָטעל!

— נו, יאָ... ס'איז נישט קיין קלייניקייט...

די אַלטע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בעסי האָט זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט. געוואָלט מיט אָט דעם שמייכל פאַרדעקן די צערודערונג.

— מען מוז דאָך אַלץ טראָגן אויפן קאָפּ... אַלץ צוגרייטן... געסט ווייסן נישט פון קיין חכמות... זיי פאָדערן...

— אמת... אמת, טאָכטער מיינע... נו, און זיי?

— ווער? די שוואָגערס? מיט וועמען האָט איר דאָ צו רעדן? דזשאָ האָט זיך זיינע בהמות... און מאָריס? — ער איז גלאַט אַ פוילאַק!...

און זי האָט גלייך גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש. נאָר דער ברוגז אין אירע אויגן איז נאָך שפּיציקער געוואָרן.

* *
*

איז דזשאָ געזעסן אויף דער באַנק נישט ווייט פון טייך. געזעסן אַ געבויגענער, די הענט פאַרלייגט אויף די קניען און האָט געקוקט אַריבער אויף יענער זייט טייך. געזעסן און געפילט פאַרגליווערטקייט אין גאַנצן לייב. אין קאָפּ האָט זיך באַ אים אויסגעלייטערט. די יאָרן פון זיצן דאָ אין האָטעל, זיצן אָן אָפּגעזונדערטער פון דער וועלט און נישט געדענקענדיק די שטאָט — די יאָרן האָבן זיך שטיל און גיך אַוועקגעגליטשט און ס'איז צוריקגעקומען דער ריח פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען באַ זיך אין שטעטל און געטראַכט פון לעבן אַ שטיל, ערלעך לעבן... האָט ער זיך דערמאָנט אָן חברים, פאַרשידענע פנימער האָבן אויפגעוויכטן אין פאַרנעפּלטן זכרון און מיט אייפער האָט ער געזוכט זיך צו דערמאָנען אַ געשטאַלט. האָט געפילט אין זיך, וואָס פאַר אַ געשטאַלט ער זוכט און דאָך נישט געבענקט... מיטאַמאָל האָט דאָס שטעטל געגעבן אַ פאַרשווינד. געשען איז עס אַזוי פּלוצלינג, ווי מען וואָלט פאַר די אויגן געגעבן אַ לאַז-אַראָפּ אַ וואַנט און אַלץ פאַרשטעלט. ער האָט מיט אַ לייכטן ציטער געגעבן אַ דריי-אויס דעם קאָפּ און דערזען: בעסין. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל-אויף. געזען ווי זי שמייכלט. געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט ער געדאַרפט בלייבן זיצן. נאָר געזעצט האָט ער זיך נישט. געפילט: פאַרשעמטקייט האָט געגעבן אַ שלאַג-אַרויס אויף זיין פנים. האָט ער דעם קאָפּ געגעבן אַ ביסל אַ בייג-איין. מיט דער רעכטער שווערער האַנט דורכגעגלעט די האָר אויף זיין קאָפּ:

„ביסט נאָך אַלץ אַזאַ שעמעוודיק יינגל, דזשאָ"?

האָט אין זיך אַ שמייכל געטון און — בעסי איז געשטאַנען לעבן אים:

— איך זיך דיך אַרום, דזשאָ.

— מיך?

— וואָס טוסטו דאָ? זיצט און קוקסט אויפן טייך?

זי האָט זיך צעשמייכלט מיט וואַרעמען שמייכל. זיין בליק האָט געבלאַנדזשעט: צוגעפאַלן צו איר און אָפּגעטרעטן.

בעסי איז געוואָרן נאָך אייסגעשטרעקטער. דער האַלז האָט געוווּנקען אַ גלאַטער, אַ שטייפער:

— איך וויל דיך עפּעס בעטן, דזשאָ.

— בעטן?

זיין קול איז געווען ווייך. ער אַליין האָט דאָס קול נישט דערקענט. אַן ענגשאַפט איז אים אַריין אין האַלז.

— עטלעכע טירן שליסן זיך נישט צו.

— האַ?

זיינע אויגן זענען מיט טוי איבערגעצויגן געוואָרן.

האָט שוין בעסי אַ קנייטש געטון די שוואַרצע ברעמען. דזשאָ האָט געוואָרט מיט ציטערדיקן אומגעדולד.

— וויל איך דיך בעטן, דזשאָ... גיב אַ קוק צו די טירן, זע, זיי זאָלן זיך צושליסן...

דזשאָ האָט שווער אַ באַוועג געטון דעם קאָפּ, אַ פּאָר טריט אויפן אָרט געמאַכט:

— מאַריס דאַרף עס דאָך טון?

— ער טוט עס נישט... איך וויל אים נישט זאָגן... טו עס דו... טו עס פאַר מיר...

— אָלרייט

בעסי האָט זיך צעשמייכלט. דזשאָ האָט זיך פאַרשעמט און דער אומגעדולד האָט געציטערט אין די פיס. זיי האָבן זיך געריכן פון אָרט און דאָך זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן.

— דזשאָ, שוין אַ וואָך צייט, אַז איך בין דאָ... און איך זע דיך נישט...

בעסי האָט אים גלייך געקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט געפילט אירע בליקן גליטשן זיך איבער זיין געזיכט. עפּעס אַ מאָדנע געפיל איז עס געווען: ס'איז געווען אי שווער, אי גוט דערפון. מיטאַמאָל האָט זי געגעבן אַ צי־אויס די האַנט. אַ נאַקעטע, פולע, מאַטע האַנט. פאַר די אויגן האָט עס אַ בליאַסק געטון:

— אַ פליג!

אראָפּטרייבנדיק די פליג פון דזשאָס קאָפּ, האָט איר האַנט א גלעט געטון איבער די האָר. זיינע ברעמען האָבן א ציטער געטון. א קוק געטון אויף איר פּנים. קיין שמייכל. שטיל, רויק, מיט א ביסל אומעט.

— כ׳גיי !

— אָלרייט, דזשאָ... דזשאָ...

דאָס וואָרט „דזשאָ" איז עפּעס אַנדערש אַרויסגעזאָגט געוואָרן. קיינמאָל נאָך האָט דזשאָ נישט געהערט זיין נאָמען זאָל אַזוי אַרויסגעזאָגט ווערן. אַזוי שטיל, ווייך, מיט ריינקייט פון קלאָרן קוואַל אין פאַרנאַכט...

ער האָט זיך פלינק אויסגעדרייט, געוואָלט א שפּרונג טון. בעסי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, גלייך זי אָפּגעלאָזט:

— קום.

געגאַנגען מיט זיכערע טריט, געגאַנגען לעבן אים. דזשאָ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיקן דעם שמייכל אין זיך. ביידע האָבן געשוויגן. דער שמייכל האָט געשפּילט איןביידנס אויגן, אין דזשאָס — מיט ליכטיקייט פון זון, אין בעסיס — מיט כמורנעקייט צווישן בערג...

ווען זיי זענען שוין געשטאַנען באַם האָטעל, האָט איצט דזשאָ דערזען: מאָריס שטייט באַ זיין מאַשין. איין פוס אויפן טרעפּל. ווייזט אויס: נאָר וואָס אָנגעקומען פון שטאָט. דאָס פּנים זיינס איז איבערגעצויגן מיט א טונקעלער הויט. איין אויג איז עטוואָס צוזאַמענגעצויגן. דזשאָס בליק האָט זיך אויסגעקערעוועט צו בעסיס פּנים. בעסי האָט אפילו נישט געקוקט אין מאָריסעס זייט.

— די שליסלען זענען אין די טירן ?

— יאָ... אין אָפּיס אויפן טיש, וועסטו געפינען דאָס קעסטל מיט די שליסלען און כלים... קום, איך וועל דיר װייזן.

— כ׳וועל געפינען !

מיט איין שפּרונג איז ער צו צו דער טיר. אַריין ווי א חיה. די טיר איז נאָך אים צוגעפּאַלן מיט א הילך. אַרויפגעלאָפן די טרעפּ אַזוי שנעל. איינע פון די אַרבעטס-מיידלעך, וואָס איז גע-

שטאַנען באַ די טרעפּ, האָט אים נאָכגעקוקט מיט גרויסע אויגן. אויף זיינע האָר איז געלעגן דער גלעט פון איר האַנט. ער האָט אים געטראָגן ווי אַ ליכטיקע קרוין... אויף זיין פּנים איז געווען איר שטילער, ווייכער בליק.

„דזשאַ".

דער קלאַנג פון אַרויסגעזאָגטן וואָרט האָט געהויערט אַרום אים. אין אים איז געווען זוניקע פרייד.

אויפן טיש אין אַפּיס, האָט ער געפונען דאָס קעסטל מיט שליסלען און געצייג. ער האָט עס אַ כאַפּ געטון אין די הענט, האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט דער קני אָן טיש, נאָר קיין ווייטיק נישט געפילט. איז געלאָפן איבער די קאָרידאָרן, געפּרוווט די שליסלען פון די טירן, ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ טיר, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשליסן. איז ער אַריין אין דעם צימער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, אַראָפּגעשטעלט דאָס קעסטל לעבן זיך. פּלוצלינג — ווי ער וואָלט זיך זייער וויכטיקס דערמאָנט, איז ער אויפגעשפּרונגען און איז צו צום פענצטער. האָט נישט אָפּגעשאַרצט דאָס פאָרהענגל, געבליבן שטיין מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

דרויסן איז בעסי געשטאַנען גלייך, שלאַנק, מיט עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. לעבן איר — מאָריס. ער איז געווען עפּעס נידעריקער. דאָס פּנים איז אים נישט געווען איצט אַזוי רויק. ער האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און די אַקסלען זענען אים געווען אויפגעהויבן מיט פאַרדראָס. ער האָט גערעדט. זיינע ליפּן האָבן זיך דווקא ווייך באַוועגט, די אויגן זענען געווען גרעסער. אויפן פּנים איז געפאַלן די שיין פון זון, וואָס האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אונטער דעם הויכן באַרג. בעסי האָט געשוויגן, אויסגעהערט און געקוקט אויפן שפּיץ פון איר שוך. פון צייט צו צייט האָבן זיך אירע ליפּן אַ באַוועג געטון, עפּעס אַ שטיל וואָרט האָט זיך פון זיי אָפּגעשיילט.

„וואָס איז דאָס? עפּעס איז עס דאָך?"

אַזוי האָט דזשאַ געטראַכט. מאָדנע: איצט האָט זיין קאָפּ געטראַכט פלינקער, רירעוודיקער. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק איינ-

געקוקט אין זייערע פנימער, מיט אזא אַנגעשטרענגטקייט, אַז ער האָט נישט וויסנדיק, וואָס ער טוט, צוגעפרעסט דאָס פנים צו דער שויב, אוועקנעמענדיק דאָס פאַרהענגל מיט דער האַנט. דאָ האָט בעסי געגעבן אַ וויז מיט דער האַנט צו די פענצטער פון האָטעל. מאַריסעס אויגן האָבן זיך געגעבן אַ הייב-אויף, זיך אָנגעשלאָגן אין דזשאָס פנים. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטון. בעסי האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס — דזשאָ'ן האָט אַ פינצטער געטון אין די אויגן...

דזשאָ איז אַוועק פון פענצטער. האָט זיך גענומען צום שלאָס, נאָר די הענט זענען געווען ווי פרעמדע.

שפּעטער אַ ביסל האָט ער דערהערט טריט דורכהילכן אין בערן קאָרידאָר. עקשנותדיק נישט אויפגעהויבן די אויגן. די טריט האָבן פאַרשלאָגן לעבן אים און —

— נו? האָסט שוין פאַרריכט?

אויפגעהויבן די אויגן, דערזען אַ פאַרביסן פנים, צוזאַמענגעצויגענע ליפּן.

— עס גייט נישט.

— אַז מען קען נישט — נעמט מען זיך נישט אונטער...

דאָס איז נישט מעלקן אַ בהמה!

— טאָ מאַך עס דו.

— טאָ רוק זיך אָפּ!

— מיט „פּלעזשור“!*)

דזשאָ האָט זיך אויפגעשטעלט. מאַריס האָט אָפּגעהוסט מיט פאַרבאָרגענער הייסקייט. זייערע בליקן האָבן זיך אָנגעשלאָגן. שטעכיקע, פאַרעקשנטע, ביטערע. דזשאָ איז געשטאַנען אַ ווײַלע, געקוקט ווי מאַריס וואַרפט אַראָפּ דאָס רעקל פון זיך און ער האָט געזאָגט:

— אָלרייט. איך דאַרף שוין גיין מעלקן.

מאַריס האָט נישט געענטפערט.

---

*) פאַרגעניגן.

דזשאָ האָט געטראַכט:
"וואָס איז ער אַזוי פאַרביטערט? אַ?"

*

*

בעווען אַ פינצטערע נאַכט. שטילקייט האָט שווער, געדיכט געפּרעסט איבער דער געגנט. דער הויכער באַרג באַם וועג איז געשטאַנען שוואַרץ, פאַרשטומט מיט דער שטומקייט פון דורות. מיט פאַרפרוירענער שטילקייט, וואָס ציט זיך אייביק. האָט אויסגעזען: ריזיקע שוואַרצע וואַנט פאַרצוימט דעם וועג צו וועלט. דזשאָ האָט אַרומגעשפּאַנט איבער לאָנקע, וואָס איז געלעגן הינטער האָטעל. אַליין נישט געוווסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, נאָר דעם גלעט פון בעסיס האַנט האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ. די ווילדע כּוחות, וואָס זענען אין אים געשלאָפן פאַר יאָרן, געגליווערט איבער די ווינטערן דאָ, אין דער שטומער געגנט — די כּוחות האָט דער איינציקער גלעט אויפגעוועקט. איצט האָבן זיי געשריגן אין אַלע אברים, זיך געריסן פון לייב און געהיצט דאָס בלוט. פאַרנאַכט האָט ער אויסגעמאָלקן די בהמות, נישט אַוועקגעטראָגן די מילך און איז דאָרט געבליבן... די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואַרעמע, אַ געדיכטע און דאָס געשריי פון זיין בלוט האָט זיך איצט געריסן דורך דער הויט. ער האָט אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ משוגענער איבער דער לאָנקע, ביז ער איז אַ מידער געפאַלן אויפן גראָז. דער טוי האָט פייכט געמאַכט זיינע האָר. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, בייסנדיק מיט די ציין זיין אייגן געשריי... ווי לאַנג איז ער אַזוי געלעגן? ער האָט נישט געוווסט. ער האָט אַ ציטער געטון, דערהערנדיק טריט. געלאַסענע, געמאָסטענע טריט. האָט ער געוואַרט אויף אָט די טריט? אפשר... האָט אויפגעהויבן שטיל דעם קאָפּ. געבויערט מיט די אויגן די פינצטערקייט. דער אָטעם האָט זיך פאַרהאַלטן אין האַלז, דאָרט איינגעגליווערט. די טריט האָבן זיך דערנענטערט, צוויי סילועטן, איינער שטאַרק נאָענט צום צווייטן. אַ ווייסער זוים האָט געבליש-

טשעט. זעט אויס בעסי: זי טראָגט אַ טונקעלן מאַנטל אויף ווייס קלייד, וואָס איז אַ ביסל לענגער.

— איז וואָס־זשע? וואָס בין איך דאָ שולדיק?

מאריסעס שטים. אַ בעטנדיקע, אַ זיך־פאַרענטפערנדיקע.

— וואָס האָב איך דיר אַזוינס געזאָגט, וואָס דו ביסט ברוגז געוואָרן? די יונגע גויע איז אַ גאַנץ שיינע... איך האָב גאָרנישט געמיינט...

— נישט וועגן דעם... ווען איך האָב דיר געזאָגט...

— איז וואָס־זשע?

— ווייסט אַליין, וואָס דו האָסט געזאָגט... אַזוי רעדט אַ גראָבער יונג...

בעסיס קול ציטערט מיט ווייטיק.

— נו, בין איך נישט קיין שמינטעליגענט...

— ניין. אַ גראָבער יונג.

דזשאָ האָט דערפילט אַ פאַרקלעמטקייט אין האַרץ. נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ ווייטיק אין בעסיס קול... ניין. מען טאָר זיך נישט אונטערהערן. בעסי ווייסט דאָך גאָרנישט, אַז ער ליגט דאָ און הערט... און דאָך נישט געהאַט קיין כּוח נישט צו הערן... בעסי האָט מיט ווייטיק זיך געקלאָגט... אַזוי פאַרהאַלט מען זיך נישט אין אַזאַ לאַגע... מען דאַרף זיין סענסיטיוו... ער האָט נישט געגנבֿי פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. מאריס האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, גערעדט מיט אַ געבראָכן קול. בעסי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן...

דזשאָ האָט זיך פאַרשעמט: ליגט דאָ ווי אַ גנבֿ און הערט זיך אונטער. ווען בעסי ווייסט דאָס! האָט מיט ביידע הענט פאַרדריקט די אויערן. מיט די ציין געביסן דעם רעוו. נאָר די אויגן האָט ער נישט פאַרמאַכט. מיטאַמאָל אַ שטיקל ראַנגלעניש. ער האָט צוגענומען די הענט פון די אויערן.

— גענוג! לאָז אָפּ! לאָז אָפּ, מאריס!

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. צוריק צוגעפּגעדריקט די אויערן. אין קאָפּ האָט געטומלט. ערגעץ האָבן משונהדיקע, קרעכצנדיקע

גלעקער געקלונגען. זיין גאַנצער גוף איז פאַרשטאַרט געוואָרן. אָפּגעלאָזט די אויערן און —

מאַריסעס קול איז פאַרביסן, גראָב און שטעכיק:

— מיך אַרט נישט.

— אָבער ווייסטו כאָטש, אַז איך שטעל איין מיין לעבן?

— וועך הייסט דיך? מיך אַרט נישט... אדרבה... און — פון וואַנען ווייס איך?...

אַ זיפּץ... שנעלע טריט... ווען דזשאָ האָט דערנאָך גע־עפנט די אויגן — האָט ער קיינעם שוין נישט געזען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט. אַ מאַשין האָט זיך איבערן וועג דורכגעטראָגן, וואַרפנדיק פּאַסן ליכט בײַ דעם האָטעל. אין דעם ליכט האָט ער דערזען: בעסי לויפט כמעט. זי שטייט שוין בײַם האָטעל. אַ סך אָפּגעריסן פון איר, בײַוועגן זיך מאַריסעס פיס.

האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם. האָט זיך אויפגעשטעלט. אין קאָפּ איז געווען געדיכטער נעפּל. נישט געוווּסט, וואָס ער פילט. דער נעפּל האָט אַלץ פאַרשלונגען, נאָר דער גלעט פון איר האַנט איז אַלץ געלעגן אויף זיינע האָר און —

„דזשאָ".

אַזוי האָט נאָך קיינער אין דער וועלט זיין נאָמען נישט אַרויסגערעדט...

ד.

אַוועק אַ פּאָר וואָכן. דער זומער האָט זיך צעבליט: די פאַר־נאַכטן האָבן געשיכורט מיט געדיכטן ריח פון האָניק־בלומען. אין האָטעל איז שוין געשטאַנען צעהיצטער רעש פון אָנגעקומענע געסט. אין די יום־טוב־טעג זענען מאַשינען געלאָפן איבערן וועג אָן אויפ־הער, געוואָרפן הייזעריקע, קוויטשענדיקע געשרייען, וואָס האָבן אָנ־געשלאָגן אָן די בערג און צוריקגעפאַלן אויף פעלד און לאָנקע.

פאַרן האָטעל זענען געשטאַנען אַ סך פון זיי און אין די מאָטאָרן האָט דער רעש גערענזשעט. אויך אין די וואָכעדיקע טעג איז דער טומל אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין האָטעל און אַרום אים. פון קיך האָט זיך געטראָגן אַ היץ און אַ קלאַפעריי פון געפעס. איבערן טייך זענען שיפלעך מיט געסט געשוווּמען. מיידלישע פאַרשייטע קולות האָבן זיך איבערן וואַסער געקרייצט. צוזאַמענגעשטויסן און זיך צעשלאָגן. נאַקעטע קולות זענען עס געווען. פאַרנאַכט זענען די גרופּנווייז אַרומגעגאַנגען איבער וועג און לאָנקע. געשפּאַנט מיט שטייפע, טאַנצנדיקע פיס אין „ניקערס"*), מיט שרייענדיקן בּאַגער פון לייבער, געצימבלט אויף „יוקעליילעס", געזונגען שרייענדיקע דזשעז-לידלעך, באַוועגנדיק מיט אַלע גלידער.

דזשאַ׳ן האָט מען גאַנצע טעג נישט געזען. האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער פעלד און לאָנקע, געאַרבעט אין די גערטנער, אכטונג געגעבן אויף די בהמות און האָט אויסגעמיטן דעם האָטעל. האָט כסדר געזוכט וואָס צו טון; געוואָלט מיט דער אַרבעט פאַרמאַטערן די אומרויִקייט, פאַרטויבן דאָס געשריי פון אויפגעוואַכטן בלוט.

עס האָט געטראָפן:

ליגנדיק אויפן גאָרטן, „פּיעלענדיק" די שלעכטע געוויקסן, האָט ער מיטאַמאָל פאַ־געסן, וואָס ער טוט. די הענט האָבן אויפגעהערט צו רייסן. די אומרויִקייט האָט זיך שווער געלייגט אויף די אַקסלען... האָט ער זיך אויסגעצויגן, געלעגן מיטן פּנים אַרויף, געקוקט אין באַגילדעטער בלויקייט, זיך באַמיט צו טראַכטן פון באַלעבאַטישקייט. אָט וועט ער אויסרעכענען: אויב ס׳וועט זיין גענוג רעגן און דער שניט וועט זיין אַ טרוקענער, וויפיל בושעל**) ווייץ וועט ער דעם זומער אַראָפּנעמען פון די פעלדער? וויפיל קאַרטאָפל וועט דאָס יאָר זיין? אויב עס וועט גיין אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף יעדער אַקער אַריינברענגען... צוזאַמען וועט עס אויסמאַכן... וועט אַ חוץ פאַרן האָטעל בלייבן צו פאַרקױפן...

---

*) הויזן, וואָס פאַרקנעפּלען זיך נאָך די קניען.

**) אַזאַ מאָס.

נאָר דאָ באַם האָטעל האָט זיך דאָס טראַכטן גלייך צעריסן ווי שפּינוועבס און פאַר די אויגן האָט אַ בלאַנק געטון בעסיס האַלז, די שטייפע פולע ברוסט און די ווייכקייט פון די ברוינע אויגן, ווען זי האָט פון אירע ליפן אַזוי שטיל און גוט אַראָפּגעלאָזט: „דזשאָ".
ער האָט שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט איבערצורייסן דאָס טראַכטן וועגן איר.

„דזשאָ!"

ווי היימיש. ער איז דאָך כּסדר געווען אַזוי אַליין. איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. איינער אַליין צווישן בערג און פעלד. אַ פאַריתומטער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער.

געוויין נאָך גליק האָט גערייזלט אין זיינע אָדערן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט. געוואָלט פאַרטרייבן דאָס טראַכטן. זיינע הענט האָבן גענומען זוכן די שלעכטע גראָזן. האָבן די פינגער זיי געטאַפּט. געטאַפּט און נישט אויסגעריסן. געוווּסט, אַז ער טוט נישט גוט. ניין, ער טאָר אַזוי נישט טראַכטן פון בעסין. זי איז זיין ברודערס ווייב. האָט צוויי קינדער מיט אים... און דער ברודער, וואַלגערט זיך אויף אַ שטעלע אין אַ שאַפט... אין שטאָט... קומט אַהער נאָר אויף שבת און זונטיק. קומט אַ מידער, האָוועט און אַרבעט די צוויי טעג באַם האָטעל, פאַרזעצט בלומען, צעאַקערט די ערד אַרום זיי. מאַנטיק אין דער פרי באַלד, לויפט ער צוריק אין שטאָט... אין שאַפּ... אַ בושה איז געווען אין זיינע ביינער. ער האָט זיך ענדלעך צוריקגענומען צו דער אַרבעט. אָבער גלייך איז די בושה אויסגעטרוקנט געוואָרן. דאָס געוויין פון זיין בלוט האָט די הייסע אומרויקייט צעטריבן איבערן גאַנצן לייב.

מאַריסן האָט ער אויסגעמיטן. אַז ס'איז אויסגעקומען און זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן, האָט שטילע פאַרביסנקייט זיך געגעבן אַ דרילעווע־אַרויס אויף זייערע פּנימער. די אויגן זענען געוואָרן פאַרשפּיצט, די מיילער פאַרקלעמט. דערנאָך האָט דזשאָ לאַנג נאָכגעטראַכט: וואָס איז פאָרגעקומען צווישן זיי? וואָס באַדייט זייער געשפּרעך? איצט האָט ער געדענקט, ווי זי האָט כּמעט אַרויסגעקרעכצט:

— ווייסטו כאַטש, אַז איך שטעל איין מיין לעבן ?
זיין שטים איז שוין געווען חוצפּהדיק.

— ווער הייסט דיך ? פון מיינעטוועגן. . .

— ניין. . . דאָס — קיינמאָל נישט. . . קיינמאָל נישט. . .

— און ווער ווייסט ? אפשר האָט עס נישט צו טון מיט מיר ?

ווי גרוילעדיק דער קרעכץ בעסיס איז געווען. און וואָס זאָל דאָס באַדייטן ?

דזשאָ האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז אַן אומגליק לויערט אויף בעסין. שולדיק אין דעם איז מאַריס. . . שנאה האָט גענומען אויפגיין אין אים צום ברודער. צו דעם שטאַטישן פּראַנט, וואָס זיצט זיך כסדר אַזוי רויִק, גלייך נישט אים מיינט מען און פּיפּקעט זיך שטיל זיין „פּייפ".

בעסי איז געווען גאָר שטאַרק פאַרנומען, געדאַרפט אַכטונג געבן אין קיך, אויף דער דינערשאַפט און באַ די מאָלצייטן, איז זי אַרומגעגאַנגען אין „דיינינג-רום" צווישן די טישלעך, אַ גלייכע, שוין צופיל אויסגעשטרעקטע. געטראָגן אויף די פּולע ליפּן אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעזען אַן אָנגעטוענער. . . זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ אַ גאַסט, צוגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ צווייטן אָפּגעענטפערט מיט אַ הייל-כיק געלעכטערל, וואָס איז געקומען נישט פון מויל, נאָר פון דער באָז. אירע אויגן האָבן אָבער געקוקט מיט פאַרהוילענער שרעק און צער. ס'האָט אויסגעזען: דער צער ליגט דאָרט אונטער אַ נעפּל פאַרבאָרגן.

איינמאָל, ווען זי איז אַריינגעלאָפן אין קיך מיט שטייפע טריט און איידער זי האָט באַוויזן זיך צו דערנענטערן צו דער קעכין, האָט זי זיך פּלוצלינג געגעבן אַ שטעל אָפּ, ווי די פיס וואָלטן זיך אָנגעשלאָגן. האָט אָנגעהויבן עפּעס זאָגן און נישט געזאָגט. בלייכקייט האָט זיך אַ גאָס-געטון איבער איר פּנים, שרעק האָט אויפגעבליצט אין די אויגן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אָן אַ שטול. זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק און גענומען אָטעמען גיך. . . האָט זיך געגעבן אַ קוק אַרום, מורא געהאַט מען זאָל

נישט האָבן דערזען און אָנגעטראָפן אַ שטייפן בליק פון דער קרובה.

יענע איז צוגעגאַנגען מיט באַבעשער גוטסקייט:

— וואָס איז דיר, טאָכטערשי?

— אַ? גאָרנישט...

— ביסט אַזוי בלייך געוואָרן...

בעסי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. נישט געקאָנט איבער־טראָגן דער אַלטערס בליק, וואָס האָט זיך אַ גליטש געטון איבער איר גאַנצן גוף.

— כ׳בין פּשוט פאַרמאַטערט.

— אַזוי... פאַרמאַטערט...

זי האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, איז אַרויס פון קיך. די אַלטע האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ שפּיציק מכשפה־שמייכעלע. האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אונטער די געקנייטשטע ליפּן האָט דער שמייכל זיך געקאָרטשעט...

בעסי איז אַרויס פון האָטעל. נאָכוואָס? זי האָט עס נישט געוווּסט. פאַרהוילענע שרעק האָט זי געטריבן. האָט אָנגעטראָפן מאָריסן ווי ער זיצט אויף דער נייער טעראַסע זייער רויק מיט פריש פאַרקעמטע האָר און שמייכלט צו אַ מיידל, וואָס שטייט אויף דער טעראַסע, זינגט אַ לידל און באַוועגט מיט די פיס צום טאַקט. האָט זי נאָר אויף אים אויסגעצויגן איין בליק, אַזאַ לאַנגן און דינעם ווי אַ נאָדל. מאָריס האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף. נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, האָט ער זיך גלייך צוריקגעזעצט מיט דער רויקער זיכערער פאַרביסנקייט.

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון אים. דורכגעגאַנגען די טעראַסע. זיך אָפּגעשטעלט באַם פאָרענטש, דערזען דזשאָ זיצט אויף אַ באַנק לעבן שאַפּע. האָט זי אים אַ רוף געטון:

— דזשאָ!

געוואָלט נאָכאַמאָל אַ רוף טון. נאָר דזשאָ איז שוין געשטאַ־נען אויף די פיס. זיך געלאָזט לויפן און גלייך גענומען גיין גע־לאַסענער.

אַז ער איז צוגעקומען נאָענט, האָט בעסי געזען בלייכקייט

אין זיין פנים. די בלייכקייט איז געלעגן הינטער דער פארברוינטער הויט, האָט דאָרט שטיל געברענט ווי ווייס פייער. אין האַרץ איז איר ליכטיק געוואָרן. דערזען אין זיינע אויגן, אַז ס'איז גאָר אַן אַנדערער דזשאָ, אַז ער איז גרייט אַלץ צו טון פאַר איר, האָט זי געשמייכלט :

— דזשאָ.

ווידער אַזוי ווייך און נאָענט.

— טו מיר אַ טובה... גיב אַ קוק צו די קינדער זענען.

— שוין.

גלייך געוואָלט זוכן די קינדער. און זי :

— וואָס זשע מאַכסטו, דזשאָ ?

— ווייס איך ? —

אַראָפּגעלאָזט די אויגן. געפילט, אַז ער קאָן נישט איינהאַלטן דאָס געשריי און געזאָגט :

— כ'גיי געפינען די קינדער.

— גיי, גוטער דזשאָ.

מאַריס האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט. דזשאָ איז אַוועק געפינען די קינדער. בעסי האָט זיך אויסגעדרייט. מאַריסן נישט געזען, צוריק אַריין אין האָטעל מיט געמאָסטענע, אַ ביסל שווערלעכע טריט...

* *

*

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען איבער דערבייאיקן באַרג איז שוין געדיכטער שאָטן געלעגן און ווייטע בערג זענען געשטאַנען אין נעפּל, איז דער נעגער אָנגעקומען מיט זיין מאַשין פון נאָענטן שטעטל פון באַן-סטאַציע און געבראַכט צו פירן איזראַעלן מיט זיינע פעקלעך.

דער נעגער האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן. געזעסן שטיל, פאַרשטאַרט און געשמייכלט מיט דעם שמייכל פון אַ מענטש, וואָס ווייסט אַ סך, זעט אַ סך, נאָר מאַכט זיך נישט וויסן.

איזראַעל האָט אויך נישט גערעדט צו אים. איינמאָל נאָר האָט ער אַ פרעג געטון:

— „סעי", דזשים! פאַ־האַן געסט אין האָטעל?

— „יעס, סיר"! — האָט דזשים אויסגעקלאַפּט מיט זיינע האַרטע, שווערע ליפּן, ווי אויף אַ פּייקל.

— און אַזוי? — אַלץ איז אָלרייט?

— „אָלרייט, סיר"!

און מער נישט. איזראַעל האָט שווער געפּראַכט פון דער היץ, וואָס איז געלעגן איבער האַלז און אַקסלען. ער האָט איצט געטראַכט וועגן זיין פּלאַן אויפצוגעבן די שטעלע און בלייבן זיצן דאָס גאַנצע יאָר אין האָטעל. האַלטן אָפּן דאָס „געשעפט" דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר און נישט דאַרפן זיך פּייניקן מיט לויפן אין שטאָט און פון שטאָט.

אָנגעקומען. זיך אָפּגעשטעלט. איז איזראַעל אַראָפּ פון דער מאַשין אַ פאַרשוויצטער, אַ קויטיקער. האָט גלייך אויסגעטון דעם הוט, דעם קאָלנער, וואָס איז געווען פייכט און ברודיק, דאָס אַלץ אַוועקגעלייגט אויף דער מאַשין. געזאָגט דעם נעגער ער זאָל אַריינטראָגן די פּעקלעך און אַליין געבליבן שטיין מיט ווייכע פיס און מיט די אויגן צום האָטעל. זייער גוט געטון, וואָס מען האָט צוגעבויט די נייע טעראַסע. דער האָטעל האָט איצט גאָר אַן אַנדער פּנים... ער האָט פאַררייכערט אַ ציגאַרעטל, שטאַרק פאַרצויגן און אויף זיין שטערן און ליסינע זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּן, ווי אויפגעבלאָזענע בלעזלעך. מיט שווערע טריט, מיט שווער אַראָפּהענגענדיקע אָנגעגאָסענע הענט, האָט ער גענומען שפּאַנען אַרום האָטעל. באַטראַכט די בלומען, וואָס ער אַליין האָט געהאַט פאַרזעצט, געזען, ווי זיי זענען צעוואַקסן און געטראַכט: נאָך אַ וואָך צוויי וועט מען זיי דאַרפן אַרויסרייסן און פאַרזעצן אַנדערע. ער האָט נישט געטראַכט נאָך פון אַריינגיין אין האָטעל. נישט געאײלט זיך צו זען בעסין. אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס ער פילט זיך שטאַרק פרעמד צו איר אין דער לעצטער צייט.

די קינדער זענען אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן. פריש אַרומגעוואַשענע, ריין אָנגעטוענע און פאַרקעמטע. די בעקלעך פולע,

צעבליטע, אָפּגעבערענטע. אויף אַ ווײַלע האָט ער זײַ צו זיך צוגע־טוליעט. געזאָגט, אַז ער האָט פאַר זײַ געבראַכטע מתּנות, וועלכע ער וועט זײַ שפּעטער געבן און דערהערט:

— ביסט שוין דאָ, איזראַעל?!

אָפּגעלאָזט די קינדער, אויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ. בעסי איז געשטאַנען אויף דער נײַער טעראַסע. דאָס פּנים בלײַך. ווײַכ־קײַט האָט געקוקט פון דער הויט. זי האָט אים אויסגעזען שטאַרק פאַרענדערט.

— וואָס מאַכסטו, בעסי?

— אָלרײַט... וואָס הערט זיך אין שטאָט?

— היצן.

— און אין הויז?

— אַלץ ווי איבערגעלאָזט.

— גיי אַרײַן וועסטו זיך אַרומוואַשן... ביסט דאָך אַזוי קויטיק.

— כ'על באַלד אַרײַנגײן... ווי גייט עס מיט די געסט?

— גוט.

— איז אָלרײַט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַרונטער דעם האָטעל, געוואָלט זען, ווי עס זעען אויס די בלומען, וואָס ער האָט פאַרזעצט לעבן דער קיך. בעסי איז צוריק אַרײַן אין האָטעל.

— ישראל! ווען ביסטו געקומען?

אַזוי האָט אים באַגעגנט די אַלטע קרובה, וואָס איזג עשטאַ־נען נישט ווײַט פון קיך. זי איז געשטאַנען אָנגעטון אין אַ שבתדיק קלייד און אין אַ שייטל. זי האָט געהאַט אַ רויק פּנים. צווישן די קנייטשן איז געלעגן אַזאַ שטילקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט שבת אין דער אַלטער היים.

— נאָר וואָס.

— וואָס־זשע מאַכסטו, ישראל?

— איך שוויץ.

די אַלטע האָט פאַרפרעסט די ליפּן מיט פאַרהוילנקייט. אַ פרומע צערודערונג איז געווען אין אירע אויגן. זי האָט עפּעס

שטיל געטראַכט, צי זאָל זי רעדן מיט אים אָדער נישט... דאָ האָט איזראַעל אַ פרעג געטון גלאַט אַזוי זיך:

— וואָס הערט זיך דאָ?

— ווייס איך? — האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט מיט אַ רחמנות־זיפצל — וואָס זאָל זיך הערן?

דער אַלטערס זיפצל און דער בייג פון איר קאָפּ, האָט געבראַכט צו דעם, אַז איזראַעלס אַרויסגעשטאַרצטע אויגן זאָלן ווערן, אַזוי ווי אַ ווינט וואָלט אין זיי שטאַרק אַ בלאָז געטון. אַ ווײַלע אַזוי געקוקט און געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— וואָס זאָל פּאַסירן? פּאַסירט האָט גאָרנישט. —

— נאָר?

— די ברידערלעך גייען אַרום ווי בייזע כּלבים... קוקן זיך אָן ווי די העבער.

— וואָס עפּעס?

— ווער ווייסט זיי? און בעסי — איז עפּעס נישט מיט אַלעמען.

דאָס גאַנצע פּנים זײַנס האָט זיך אַ קנייטש געטון: זי זעט טאַקע אויס בלייך. פאַרענדערט... ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ווייטער צו זאָגן.

— אפשר איז זי צופיל אויסגעמאַטערט... נאָר זי פילט נישט גוט... עס טרעפט אָפּט און זי ווערט שטאַרק בלייך. גיט זיך אַ זעץ־אַוועק און ווערט צעשראָקן. שפּעטער ליגט זי אַ שטיק צייט באַ זיך אין צימער... זי אַליין רעדט אפילו נישט... היט זיך... נאָר איך זע דען נישט? איך זע: זי איז נישט געזונט.

— וואָס זשע שווייגט זי? — האָט זיך איזראַעל פאַרקוקט און געזען ווי דזשאָ שפּאַנט דאָרט איבער דער לאָנקע מיט דער מילך־קאַן אויפן אַקסל.

— ווייס איך? איך פאַרשטיי טאַקע נישט...

איזראַעל האָט אַלץ אַזוי געקוקט פאַרטראַכט. די אַלטע האָט

דערווייל איבערגעלאָזט אַ זיפצל און אַ פאַרבאָרגן, פאַרביסן שמיי־כעלע האָט זיך אַ קאַרטשע געטון איבער די טרוקענע ליפּן:

— היינטיקע ווייבלעך... ווער ווייסט זיי...

און איז גלייך אַריין אין קיך.

איזראַעל האָט אַלץ אַזוי געשוויגן און געטראַכט, שטייענדיק מיט אַרויסגעשטעלטן בויך. בעסיס נישט געזונטקייט און דאָס, וואָס זי פאַרשווייגט עס, איז אים נישט געפעלן. אמת: נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט ער באַמערקט, אַז זי איז פאַרענדערט. נאָר ווער האָט עס צייט זיך צוצוקוקן? ער מוז אַ סוף מאַכן מיט זיין שטע־לע אין שטאָט. גענוג! וויפיל איז דער שיעור צו אַרבעטן פאַר יענעם? מען מוז פון דעם פּטור ווערן און אין זינען האָבן זיך אַליין... אויך איצט האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן וועגן בעסין. האָט ער עס אָפּגעשטויסן פון זיך: עס טרעפט, אַ מענטש פילט נישט גוט, איז וואָס? נאָך אין שטאָט, איידער זי איז אַרויסגע־פאָרן האָט זי זיך עפּעס געקלאָגט. נאָר ער האָט זיך נישט צוגע־הערט... נאַרישקייטן... נאָר אויב דער זומער וועט זיין אַ גוטער, וועט ער אָפּצאָלן דעם צווייטן „מאָרטגעדזש"*) און וועט אָפּלאָזן די שטעלע. וועט בלייבן ווינען אין האָטעל און וועט אים האַלטן אָפן ווינטער. דער „רעציאייטער"**) איז אַ נייער. ערשט אַ יאָר, אַז מען האָט אים „איינגעפיקסט"***)... וועט מען דאַרפן דעם האָטעל אַ ביסל אויפפרישן. צוקויפן אַ ביסל ניי מעבל, נייע „ראָגס"****)... דזשאָ איז אַ טייערער פאַרמער. מאָריס ווידער — אַז ער וועט נישט וועלן בלייבן — קאָן ער זיך פאָרן אין שטאָט אַריין און מען וועט אָן אים אויך אויסקומען.

אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך דאָס לעצטע ביסל גאָלד אויס־געלאָשן. דאָס געשריי פון די פליגן האָט געהילכט. אַרום האָטעל

---

*) היפּאָטעק.

**) אַן אויוון צום הייצן.

***) אַריינגעשטעלט.

****) טעפּיכער.

האָבן די געסט געראָשט, געוואַרט אויפן קלינגען פון גלאָק. גע־
לעכטערן און געשרייען האָבן זיך געקרייצט און צונויפגעשטויסן.
ווען איזראַעל איז שוין געווען גרייט אַריינצוגיין אין האָטעל, האָט
ער אָנגעטראָפן דזשאָ'ן.

— העלאָ, דזשאָ!

אַ ווײַלע געקוקט אויף אים: עפּעס איז ער אויך אַנדערש.
דאָס פּנים ריין, גלאַט ראַזירט, נאָר אַ ביסל איינגעפאַלן... די אויגן
ברענען מיט עפּעס קרענקלעכס.

— שוין לאַנג געקומען?

— מיט אַ שטונדע צוריק.

אויף דער טעראַסע האָט זיך דערווײַל באַוויזן דער „קאָלעדזש־
באָי", דער „ווייטער" מיט די שוואַרצע האָר און שטיל־פאַרשעמטע
אויגן. געגומען שיטן מיט שווערע קלאַנגען פון גלאָק, וואָס ער
האָט געשאָקלט, דערבײַ געשמייכלט, זעענדיק פון אַלע זייטן שפּאַ־
נען געסט מיט רויקע פרומע טריט, ווי זיי וואָלטן עס געשפּאַנט
אין „טשוירטש"*) אַריין. די מיידלעך האָבן צוגעוואָרפן ווערט־
לעך:

— ביל! אַז איר רופט, גייט מען!

— עפּעס גוטע זאַכן, ביל?

— ביל איז געוואָרן אַ „ביוטי"...

די מיידלעך האָבן געלאַכט. ביל האָט געשמייכלט מיט פאַר־
שעמטקייט.

מיט מבינותדיק אויג האָט איזראַעל אַרומגעכאַפּט די צאָל
פון די געסט, וואָס האָבן געשפּאַנט צו די אָפענע טירן פון „דיינינג
רום". האָט צופרידן קוים־קוים געשמייכלט, טראַכטנדיק: „פיין...
גאָר פיין".

נאָכן „סאַפּער"**), ווען איזראַעל איז געשטאַנען אינדרויסן
אַן אַרומגעוואַשענער. אין אַ פרישן העמד און געשמועסט מיט דזשאָ'ן,

---

*) קלויסטער.

**) וועטשערע.

געוואָלט דערגיין פון אים וויפיל ווייץ מען וועט דאָס יאָר אַראָפּ־נעמען פון די פעלדער; וויפיל קאַרטאָפל מען וועט קאָנען פאַר־קויפן און צי רעכנט ער, אַז עס וועט זיין אַ גרויס גערעטעניש אויף די פעלדער, דאַן איז בעסי אַרויסגעקומען אַ רויקע, אַ שטילע, איז צוגעקומען און געזאָגט:

— דזשאָ, זיי אַזוי גוט: נאַ דיר די שליסעלעך, וועסטו אַריינגיין אין קיך און זען, וואָס מען דאַרף און וועסט אַרויס־געבן...

דזשאָ האָט זיך אַ כאַפּ־געטון:

— אָלרייט.

האָט אים דערלאַנגט די שליסעלעך. דערביי וואַרעם אַ קוק געטון אויפן יונג מיט אַזוי פיל צוטרוי, אַז דזשאָ האָט אַראָפּגע־לאָזט די אויגן און גלייך אַוועק.

דאַן האָט בעסי געזאָגט:

— קום, איזראַעל, ווילסט צוגיין צום טייך?

— זאָל זיין.

געגאַנגען געלאַסן. איזראַעל האָט אַלץ געהאַט אַרויסגע־שטאַרצטע אויגן. געקוקט אין ליידיקייט אַריין.

— וואָס טראַכסטו אַזוי כסדר, איזראַעל?

איר שטים איז געווען צוגעלאָזן, היימיש. זי האָט גלייך צו־געגעבן:

— ביסט אַזוי פאַרנומען מיט דיינע טראַכטונגען, פרעגסט מיך אפילו נישט, וואָס איך מאַך?

— אַ? וואָס־זשע? פילסט עפּעס נישט גוט?

— איך בין נישט געזונט.

— נישט געזונט?

זענען צוגעקומען ביז דער באַנק. בעסי האָט זיך די ערשטע געזעצט. איזראַעל האָט זיך שטיל געזעצט לעבן איר. אויף אַ ווייַלע האָט זי אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל. האָט זי גלייך צוגענומען און געזאָגט:

— הער אויס, איזראַעל: איך בין קראַנק.

אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן שרעק. האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר:

— וואָס איז? עפּעס ביסטו טאַקע בלייך. נישט מיט אַלעמען.

— זעסטו יאָ? און גאָרנישט?

— אַז דו זאָגסט נישט?!

— און דו האָסט געפרעגט? האָסטו איינמאָל אַפילו געפרעגט?

ער האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

זי האָט קרום געשמייכלט:

— נו, געוויס... וואָס ליגט דיר אין זינען? מיין געזונט? דו האָסט אין זינען דעם האָטעל... טראָגסט זיך אַרום מיט פּלענער... נייע טעראַסעס... אָבער וואָס בין איך?!

— אַז איך האָב דאָך גאָרנישט געוווּסט?

— נאָך איידער איך בין אַהער אַרויסגעפאָרן. האָב איך דיר דען נישט דערציילט, אַז איך בין געווען באַם דאָקטאָר?

עפּעס האָט ער יאָ געדענקט. נאָר זי האָט עס דאַן געזאָגט אַזוי צופעליק, אַז ער האָט עס כּמעט נישט געהערט.

— איז וואָס־זשע האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— איצט פרעגסטו?!

אַ ווײַלע זענען ביידע שטיל געזעסן. זי אַ ברוגזע, ער אַ צעטומלטער, איר פּנים — שטאַרק ערנסט.

— וואָס־זשע איז דיר, בעסי?

ער האָט געפרעגט אונטערטעניק, מיט צוטרוי. זי האָט אויסגעשטעלט קינדערישע אויגן מיט טרויער:

— דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען אַן אַנוווּקס אויף דער „מוטער"...

— וואָס? אַזוי גאָר?

זי האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס־זשע האָסטו ביז אַהער געשוויגן?

— וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טון? דעם האָטעל האָט מען

דאָך געמוזט עפענען. ווער וואָלט עס געטון אָן מיר? איך דאַרף דאָך גיין אין שפּיטאָל כאָטש אויף אַ וואָך צייט. —

בעסי האָט גערעדט שטיל מיט טרויעריק קול. האָט געזען איזראַעלס פּנים צעשראָקן און אים געטרייסט: שרעקן זיך איז נישטאָ וואָס. ס'איז אַ קלייניקייט, נאָר אַז מען וועט עס פאַרלאָזן ווייטער, איז אַ סכנה... זי פילט זייער נישט גוט. פאַרלאָזן עס ווייטער, טאָר מען נישט. דער האָטעל איז דאָך שוין אָפּן, אַלץ איז איינגעאָרדנט. וואָלט זי וועלן: ער זאָל איצט נעמען זיין „וואַקיי-שען"*); וועט ער דאָ זיין און וועט צוהעלפן, וועט אַכטונג געבן אויף די קינדער, וועט זי קאָנען פאָרן אין שפּיטאָל אַריין און אי-בערקומען...

איזראַעל איז געווען צערודערט. האָט געטראַכט און אַליין נישט געוווסט, וואָס ער טראַכט. אָבער איינגעשטימט האָט ער. ס'איז דאָך קיין אַנדערע ברירה נישטאָ?! ער האָט אפילו גערעכנט צו נעמען זיין „וואַקיישען" שפּעטער, ווען מען וועט אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער. נאָר פאַרפאַלן. וואָס קאָן מען מאַכן?...

ער וועט צוריקפאָרן זונטיק אינדערפרי, וועט אָפּרעדן מיטן „באָס"**). אַז ער וועט קומען פרייטיק, וועט ער שוין דאָ בלייבן און זונטיק אָדער מאָנטיק וועט בעסי קאָנען פאָרן קיין ניו-יאָרק...

* * *

אַזוי איז טאַקע געווען. דעם אַנדערן פרייטיק פאַרנאַכט איז איזראַעל געקומען אויף צו פאַרבלייבן גאַנצע צוויי וואָכן און בעסי האָט זיך געגרייט זונטיק אָוועקצופאָרן.

די גאַנצע צייט האָט בעסי אויסגעמיטן מאַריסן. זי איז אים

*) אורלויב.

**) באַלעבאָס.

פאַרבייגעגאַנגען, נישט רעדנדיק צו אים. אַז ער האָט עפּעס גע־פרעגט, האָט זי אים געענטפערט קורץ און פרעמד. נאָר מאַריס האָט אַלץ אונטערגעשמייכלט מיט זיכערקייט. געטראַכט, אַז זי וועט זיך איבערבעטן. דערווייל האָט ער געזעטיקט זיין בליק, קוקנדיק אויף דער יונגער אַלמנה, האָט אַלע מאָל געפונען, וואָס בא איר צו פרעגן, וואָס איר צו זאָגן, האָט גערעדט צו איר איידל און שוין גאָרנישט ווי איינער פון די האָטעל־באַלעבאַטים. די יונ־גע אַלמנה האָט אַלע מאָל אָוועקגעטראָגן פון אים שטילע אַ ביסל שרעקנדיקע פאַרטראַכטקייט.

אַז בעסי האָט עפּעס געדאַרפט, האָט זי זיך געווענדט צו דזשאָ'ן. ער האָט פאַר איר אַלץ געטון מיט ליכטיקע אויגן און מיט צערודערטער יום־טובדיקייט. ער איז פאַר דער צייט גע־וואָרן דינער, בלייכער און זיינע אויגן — גרעסער, פאַרטראַכ־טער.

זונטיק אינדערפרי, האָט בעסי צוגערופן דזשאָ'ן:

— זיי אַזוי גוט, דזשאָ, וועסט מיט מיר אַרויפגיין צו מיר אין צימער, מיר העלפן איינפּאַקן איין „סעטשעל".

— פאָרסט אַוועק?

זי האָט דערזען שרעק אין זיינע אויגן.

— איך פאָר קיין ניו־יאָרק... אויף איין וואָך...

ער איז אַרויף צו איר אין צימער. האָט אויפגעמאַכט דאָס גרויסע „סעטשעל". זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר דעם אויף די קניען. די פּענצטער זענען געשטאַנען אָפן, פרישקייטדיקע שטיקער זון זענען ווי גרויסע קאַסטן־צודעקן געלעגן אויפן קאַרפּעט. בעסי האָט אַרומ־געשפּאַנט. אים דערלאַנגט די זאַכן און דזשאָ האָט זיי פאַרוויכטיק איינגעפּאַקט. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. נאָר ווען דזשאָ האָט שוין געהאַט אַלץ פאַרפּאַקט און געהאַלטן אין פאַרציען די רימענס, האָט ער דערפילט ווי בעסיס האַנט האָט אַ גלעט געטון זיין קאָפּ. ער איז געבליבן זיצן פאַרשטאַרט. איינגעהאַלטן דעם אָטעם... דערנאָך דערהערט איר ציטערדיקע, ווייכע שטים:

— דזשאַ, וועסט מיך צופירן צום „טריין“*). יאָ?
— יאָ...
— מיטן נעגערס מאַשין.

נאָך „דינער“ — האָט דזשאַ אַראָפּגעטראָגן דעם שווערן טשעמאָדאַן. ער איז געווען פריש ראַזירט און אַ ליכטיקייט האָט געבליט אויף זיינע באַקן. פון אונטערן ווייסן העמד האָבן אַלע מוס־קולן געשפּילט. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט בעסי אָנגעשפּאַרט איר האַנט אויף זיין אַקסל און אַזוי איז די האַנט געבליבן ווי צו־געוואַקסן ביז זיי זענען אַראָפּגעקומען אונטן.

אויף דער טעראַסע האָט זי זיך געזעגנט מיטן מאַן. אָנגעקושט די קינדער, זיך געזעגנט מיט געסט און דינערשאַפט און אַלע האָבן געשמייכלט און געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט אוועק־געפאָרן קיינמאָל נישט צוריקצוקומען. די אַלטע קרובה האָט גע־פינטלט מיט די אויגן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַהאַלטע־נער באַדויערונג.

אויפן פּלאַץ איז מאָריס געשטאַנען בײַ זיין מאַשין און גע־וואַרט. דערזעענדיק ווי דזשאַ טראָגט דעם טשעמאָדאַן צום נעגערס מאַשין און בעסי גייט לעבן אים אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש, האָט זיך זיין פּנים אַ קרום געטון, די ליפּן האָבן זיך צוזאַמענ־געדריקט.

— „גוד באַי“, מאָריס!
ווי זי האָט עס געזאָגט צו אַנדערע פרעמדע געסט.

אין דער מינוט האָט מאָריס דערפילט, ווי די זיכערקייט אין אים האָט זיך צעריסן... דזשאַ האָט געהאַלפן בעסין אויפזיצן. ווען איר האַנט איז אין זיינע געלעגן, האָט אַ ציטער געבויערט זיין לייב... מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף נאָך איר. די מאַשין האָט אַ קרעכץ געטון. אַרויף אויפן וועג און אַוועק.

מאָריס האָט נאָכגעקוקט מיט פינצטערע אויגן, פאַרלוירן אַ

*) באַן.

האַרטן שפּיי, פאַרקלעמט די „פּייפ“ צווישן די ציין און אַוועקגע־שפּאַנט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

דער וועג איז אַוועק אַזוי שנעל, אַז זיי האָבן נישט באַוויזן צו רעדן צווישן זיך. דזשאַ איז געזעסן עטוואָס געבויגן, געטריבן די מאַשין מיט אימפּעט, קוקנדיק אַנגעשטרענגט פאַר זיך. ווען זיי זענען שוין געשטאַנען אויף דער סטאַציע און געוואַרט אויפן אָנ־קומען פון דער באַן, האָט בעסי אָנגענומען דזשאַס האַרטע, וואַר־מע האַנט:

— דזשאַ, גיב אַכטונג... גיב אַכטונג אויף די קינדער.

דזשאַ האָט דערזען פייכטקייט אין אירע אויגן, האָט זיין האַרץ געגעבן אַ שרימפּ־איין:

— וואָס איז דיר, בעסי?

זיך באַמיט צו לאַכן:

— גאָרנישט... איך בין נישט געזונט.

— נישט געזונט?

— ס'וועט מיר גאָרנישט זיין... איך וועל נאָר איבערליגן אַ פּאָר טעג אין שפּיטאָל...

אין שפּיטאָל?

דערזען ווי גרויל האָט זיך אָנגעצונדן אין דזשאַס אויגן, האָט זי זיך צעשמייכלט מיט פרייד און פאַרהוילן געוויין:

— איך וועל זיין געזונט... זאָרג נישט, דזשאַ... אין אַ וואָך אַרום קום איך צוריק...

די באַן איז אָנגעלאָפן מיט הייזעריק קלאַפּעריי און ליאַרם, זיך אָפּגעשטעלט מיט הילך פון אייזן, וואָס האָט זיך צונויפגע־קלאַפּט. דזשאַ איז אַרויפגעשפּרונגען מיט דעם טשעמאָדאַן. אַרויפ־געלייגט אים אויף דער פּאָליצע, און עפּעס אַזוי אומגע־ריכט:

— לאָמיר זיך צעקושן.

איידער נאָך ער האָט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון אירע ווערטער און דער אָטעם אירער האָט אַ פלאַם געטון זיין פּנים. הענט האָבן זיך צונויפגעקרעמפּט, פייער האָט געבריט און גע־כישופט די ליפּן. אַ ציטער האָט דורכגעבויערט דזשאַס לייב און

געבליבן אַזוי פאַרגליווערט. ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט פאַרשטאַנען, גליק האָט געליאַרעמט אין זיין בלוט.

— זיי געזונט, גוטער דזשאָ... וואַרט אויף מיר...

אים אַ שטויס געטון, ער זאָל אַראָפּגיין... לעבן וואַגאָן איינדרויסן געבליבן שטיין צעמישט מיט פאַרפרוירענע אויגן. זי האָט זיך באַוויזן אין פענצטער. געקוקט אַזוי מאָדנע. ער האָט נישט פאַרשטאַנען צי זי שמייכלט, צי זי וויינט.

— דזשאָ! ווען איך וועל צוריקקומען, וועסטו מיך באַגעגענען!

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. די באַן האָט גענומען רירן. געזען ווי די ווייסע האַנט ווינקט צו אים. ער איז געשטאַנען פאַרהילצערט.

די באַן איז אוועק. ערשט איצט האָט דזשאָ אָנגעהויבן באַגרייפן, פאַרשטיין. געפילט דאָס האַרץ צערייסט זיך אים. צו קליין איז זיין האַרץ פאַר דעם גרויסן גליק... ער איז אַרויף אויף דער מאַשין, זיך צעשמייכלט. גענומען טרייבן, געלאָפן פייל פון בויגן און איבערן וועג האָבן זיך משונהדיקע געשרייען געריסן...

ה.

— אָט איז ער! ווו קריכסטו אַרום צו אַלדי רוחות?

דזשאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. געקוקט מיט וווּנדער. נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'האָריס דערנעמט זיך אַהער. די לעצטע טעג האָט ער גאַר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אָן אים. איצט האָט ער אים דערזען און — שנאה האָט גרין געשפּרודלט אונטער דער הויט פון זיין פאַרשטייפטן געזיכט. די אויגן זענען געשטאַנען פאַררוקט אַרויף אונטער די אויגנדעקלעך.

— וואָס איז? וואָס אַזוי צעיאַכמערט?

— קוק אים אָן! ער ווייסט נישט וואָס עס איז... מען דאַרף אַרויפנעמען „קרים"*) פון קעלער!

— דיינע פיס זענען געשוואָלן?

— פערד!

— האַלט דעם פיסק!

ביידע ברידער זענען געבליבן שטיין געפרוירן. די העלזער געבויגן. פאַרשטאַרט. די ציין פאַרקלעמט און מיט צעצונדענע בליקן איינער דעם אַנדערן געשרפהט. די נאָזלעכער האָבן זיך קאָכיק באַוועגט, ווי די זשאַברעס בײַ פיש, אַרויסגעוואָרפענע אויף דער יבשה...

איזראַעל איז צוגעקומען:

— וואָס איז שוין, וואָס? מען קאָן זיך שוין מיט דער אַרבעט נישט צעטיילן?

מאַריס האָט אַרויסגעכריפּעט:

— גיב אַהער די שליסלען! פערד!

— האַלט איין די מאָרדע! — האָט דזשאָ אַ שווערן באַוועג געטון מיט די אַקסלען.

איזראַעל האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן זיי:

– פויערים! איר וועט אויפהערן, צי ניין? קוק זיי נאָר אָן! ווי די אמתע גויים! זע נאָר די רציחה?

די אַלטע קרובה איז אויך צוגעקומען. איז צו מיט דריבנע, גיכע, ווייכע טריט. דאָס פּנים איז איר געוואָרן לענגער, ווייכער:

— וואָס טוט זיך דאָ, קינדערלעך? זע נאָר, זע: ווי ווילדע הענער! אַז שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייטן האַלז אַריין! אָט אַזוי קוקט מען זיך כסדר אָן ווי שונאים?! אייגענע ברידער!

— ברידער! — האָט מאַריס דורכגעברומט דורך פאַר-

---

*) סמעטענע.

קלעמטע ציין. האָט אויסגעשפּיגן און זיך אָפּגערוקט פון אָרט.

דזשאָ האָט זיך גלייך באַרויקט.

— אָלרייט... איך גיי אַרויפנעמען „קרים".

די אַלטע האָט מוסרדיק געזאָגט:

— ביסט אומגערעכט, יוסף... מען דאַרף טאַקע האָבן „קרים"... און דו האָסט די שיסלען פון קעלער.

— איך האָב זיי נישט!

— ניין? ווו־זשע זענען זיי?

— אין קיך... אויף דער וואַנט הענגען זיי...

האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אַוועק. אין זיין קאָפּ האָט זיך שווער געטראַכט: „וואָס איז ער אַזוי צעקאָכט ווי אַ ווילדער הונט? האַ?" ער האָט בלינד געפילט, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט בעסין און מיט דעם אומפאַרשטענדלעכן געשפּרעך, וואָס ער האָט יענעם באַנאַכט אונטערגעהערט... דערפאַר האָט איצט אין אַ ווינקל האַרץ גענומען קאָכן הייסער כעס. האָט געברומט צו זיך אַליין: איך וועל אים ווייזן... איך וועל אים נאָך ווייזן...

די אַלטע איז געבליבן שטיין לעבן איזראַעלן. סודותדיק געשוויגן. ס'האָט אויסגעזען: זי ישובט זיך: זאָל זי רעדן אָדער שווייגן... איזראַעל האָט געהאַלטן פאַרשטעקט זיינע פאַרשאַרצטע ווייכע, האָריקע הענט אין די הויזנקעשענעס. געקוקט אין ליידי־קייט אַריין. ס'האָט אויסגעזען: ער זעט נישט די אַלטע, וואָס שטייט לעבן אים. געדענקט שוין נישט די ברידער, וואָס זענען גרייט געווען זיך צו וואַרפן איינער אויפן אַנדערן. ער טראַכט גאָר פון עפּעס אַנדערש.

— ישראל? און וואָס הערט זיך פון בעסין?

ער האָט אויף איר אַ קורצן בליק געוואָרפן. ווייטער געקוקט אין ליידיקייט:

— וואָס זאָל זיך הערן?

— זי האָט גאָרנישט געשריבן?

— ניין.

די אַלטע האָט אַראָפּגעשלונגען אַ ווייך קרעכצל:

— ישראל! מיר געפעלט עס עפּעס נישט.

— האַ?

די אַלטע איז געוואָרן צערודערט:

— איך מיין: מען פאָרט אַוועק. שוין אַריבער אַ וואָך און מען שרייבט נישט? זי איז דאָך געפאָרן עפּעס אין שפּיטאָל?!

ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויף איר. נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען זי ווייסט עס, אַז זי איז געפאָרן אין שפּיטאָל. בשעת מעשה האָט עס אין אים אַ ציטער געטון. אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. אַ בלינד געפיל איז געווען אין אים: עפּעס טוט זיך דאָ און ער ווייסט נישט וואָס אַזוינס...

— ווייס איך?

— וואָלסט אפשר גערדאַרפט צופאָרן אין שטאָט?... איך ווייס... מאַלע וואָס עס קאָן טרעפן...

די אַלטע האָט אָפּגעזיפצט:

— היינטיקע ווייבלעך...

— וואָס? וואָס האָט געקאָנט טרעפן? וואָס מיינט איר?

— גאָרנישט... ווייס איך?

ער האָט באַקומען אַ פאַרכמורעט פּנים. איצט איז אים עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ מענטש, וואָס האָט מיט־אַמאָל דערזען, אַז מען האָט אים גענאַרט... געקוקט אויף דער אַלטער, געקוקט מיט פאַרשנדע בליקן... די אַלטע האָט שוין געהאַט אַ פרום פּנים, געקוקט געטריי און שוין גאָר גע־זאָגט:

— און די ברידערלעך... ווי די הינט רייסט מען זיך... כ'האָב געמיינט, ווען בעסי איז נישטאָ, וועט זיין שטיל צווישן זיי...

— וואָס הייסט? וואָס האָט דאָס צו טון מיט בעסין? איך פאַרשטיי נישט!

האָט די אַלטע מיט צעטומלטקייט און מיט שטיל, ווייך שמיי־כעלע געזאָגט:

— ער פֿאַרשטייט נישט! וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין? כ'מיין נאָר: אַז בעסי איז דאָ — בייסט אייך, רייסט אייך... זי וועט שוין אַליין אַלץ אין זינען האָבן... אָבער, אַז זי איז נישטאָ...

איזראַעלס אויגן זענען געוואָרן גרעסער, קיילעכדיקער. די אַלטע האָט זיך געכאַפּט:

— אוי! איך דאַרף דאָך זיין אין קיך!

זי איז אַוועק מיט טריט פֿון אַזעלכן, וואָס האָט עפּעס אונטערגעוואָרפֿן. איבערגעלאָזט איזראַעלן מיט אַ דינער פֿאַרשטאַכנקייט אין האַרץ. ער האָט געפֿילט: די אַלטע האָט עפּעס געזאָגט און נישט דערזאָגט.

חשד האָט אין אים אַן עגבער געטון:

„הא? זאָל עס הייסן"?...

פֿאַרנאַכט האָט געקרעכצט פֿון די בערג אַראָפּ. לעצטע גאָלדפֿלעקן זענען געווען פֿאַרלאָשן. פֿון טייך האָט זיך געטראָגן געזאַנג פֿון יונגוואַרג אויף שיפֿלעך. איזראַעל האָט געקוקט מיט דערשטוינונג און גלייך אין זיך דעם חשד מבטל געווען: ווער ווייסט, וואָס די אַלטע פּלאַפּלט דאָרט... נאַרישקייטן! אָבער דער חשד איז דאָך געבליבן פֿאַרשטאָכן אין האַרץ.

דזשאָ איז פֿאַרבייגעגאַנגען.

— קום אַהער, דזשאָ!

דזשאָ האָט זיך לייכט פֿאַרלוירן. זיינע קלאָרע אויגן האָבן אַ ווײַלע אַ קוק געטון פֿאַרשלאָפֿענע.

אויף דער טעראַסע איז איצט קיינער נישט געווען. די ליידיקע וויגשטולן האָבן זיך לייכט באַוועגט.

איזראַעל האָט זיך אַוועקגעזעצט:

— זעץ זיך, דזשאָ.

דזשאָ האָט געפֿינטלט מיט די אויגן. זיך געשראָקן און זיך געזעצט.

— הער אויס, דזשאָ: כ'האָב באַשלאָסן: מען דאַרף מאַכן אַ סוף... אויפֿגעבן די שטעלע... ס'איז מיר מיאוס געוואָרן צו אַרבעטן אין שטאָט. באַ יענעם... קינדער וואַקסן אונטער... אַליין

איז מען שוין אויך נישט קיין יינגעלע... וויפיל איז דער שיער פאַרשטייסט?

— יאָ...

האָט אָפּגערוט. שווייגנדיק אַ קוק געטון דזשאַ'ן אין פּנים... וואָס שאָקלט ער אַזוי גיך צו מיטן קאָפּ און קוקט אַזוי מאָדנע?

— איז באַ מיר געבליבן: אויפגעבן די שטעלע און זיך דאָ איינגאַנצן באַזעצן... וועט מען דעם האָטעל האַלטן אָפּן אַ גאַנץ יאָר... מען וועט אים אַ ביסל אויף„פּיקס"ן*) און ס'וועט זיין „אָלרייט", רעכן איך...

— „שור".

— וואָס „שור"?

— כ'מיין. . יאָ...

— מיטן עסן איז מען דאָ פאַרזאָרגט... אייגענע בהמות, קאַרטאָפל, ברויט...

— „פּלענטי"**).

— איי טאָמער וועט מאַריס נישט וועלן? — וועלן מיר זיך באַגיין אָן אים.

— ווער דאַרף אים? אדרבה!

דזשאָ איז שוין געווען רויק. אים איז דער פּלאַן גאַר שטאַרק געפעלן. ס'האָט אין אים אויפגעוועקט ן: „אויך ווינטער וועט זי דאָ זיין..."

— ס'וועט שור זיין בעסער... איך וועל גיכער חשק האָבן צו אַרבעטן... ס'וועט זיין פאַר ווימען...

— וואָס מיינסטו: „פאַר וועמען"?

— כ'מיין: אַזוי גלוסט זיך נישט צו אַרבעטן, וואָרים: אַר־בעטסט און קיינער וואַרט נישט אויף דיין אַרבעט. עס פעלן קאַר־טאָפל אין לאַנד? ווייץ פעלט? ס'איז דאָך דאָ צופיל! גאַנצע

*) באַנייען.

**) איבערגענוג.

„סדײַנס" װײַץ װאַרפֿט מען אין ים אַרײַן, כּדי דעם פּרײַז אָנצו־האַלטן... אַרבעטסט און אַ סך גײט אין „װײסט"*). אָבער אַז דו װײסט, אַז מען דאַרף האָבן דײַן אַרבעט... מען װאַרט אויף דעם... איז אַנדערש, גלױסט זיך גיכער...

— ריכטיק — האָט איזראַעל מסכּים געװען. האָט נאָר נישט פֿאַרשטאַנען, פֿונװאַנען קומט עס צו דזשאָ'ן? עפּעס רעדט ער דאָך װי אַ גאַנצער מענטש?!

מיטאַמאָל האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— דזשאָ! פֿאַרװאָס טראַכסטו נישט פֿון חתונה האָבן?

דזשאָ האָט װידער אויפֿגעהױבן בלױע אויגן, פֿאַרשנדיק אַ קוק געטון אויפֿן ברודער, װאָס האָט דערװײַל צוגעגעבן:

— װען דו האָסט חתונה, פֿאַרשטײסט... װאָלסטו זיך בעסער צוגעבינדן צום פּלאַץ... עס װאָלט אַנדערש געװען.

דזשאָ האָט געצױגן די אַקסלען: נישט געװוּסט, װאָס צו ענטפֿערן. האָט ער געשװיגן און איזראַעל האָט דערװײַל פֿאַרלױרן דאָס געדולד צו זיצן אויף דער שטול. דער פּלאַן זײַנער צו בלײַבן אַ גאַנץ יאָר אין האָטעל — האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער איז אויפֿגעשטאַנען:

— יאָ. אַזױ װעט עס בלײַבן...

*　　　*

*

דורך אַ װאָך. פֿון בעסין האָט מען נישט געהערט. דזשאָ האָט אין דער װאָך געאַרבעט פֿלײַסיק. ער האָט אויסגעזען העכער. פֿרײלעכער. אין אים האָט עס געברענט אַזױ שטיל און ליכטיק. ער האָט מיט קײנעם נישט גערעדט. איז געװען מיט זיך אַלײן, װי זײַנע רײד װאָלט ער געזאַמלט פֿאַר עמעצן. ער איז געװאָרן אַ סך רײנער, האָט זיך אָפֿט געװאַשן און כּסדר געװען גלאַט רא־

---

*) לאַיבור.

ירט. דאָס גליק האָט אין אים געריזלט און ער האָט געוואַרט. געוואַרט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט. מיט יעדן נערוו האָט ער געוואַרט. געהאַט פאַרנעפּלט געפיל, אַז עס דערנענטערט זיך צו אים גרויס ליכטיקייט. מיט יעדן טאָג ווערט עס נענטער. די בענקשאַפט, וואָס איז געווען אין זיין בלוט, דער ווייטיק דערפון האָבן די ליכטיקייט נאָך ליכטיקער געמאַכט.

אַוועק די וואָך. פון בעסין האָט מען גאָרנישט געהערט. איז דזשאָ געוואָרן אומרויק. די אומגעדולד האָט גענומען שפּאַרן פון לייב אַרויס. נישט פאַרשטענדלעכע שרעק האָט געסמט דאָס בלוט, געקרעכצט דורך זיינע אויגן:

„עפּעס האָט מיט איר פּאַסירט . . . עפּעס האָט פּאַסירט. . .”

די ווערטער האָבן געברענט אין מוח. מער האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן. טרויער האָט זיך באַזעצט אונטער זיינע אויגן. האָט אויסגעזען ווי אַ טויט-פאַרווונדעטער הירש. געטראַכט וועגן פאָרן אין שטאָט אַריין. מורא געהאַט: טאָמער קומט דערווייל אָן אַ ידיעה פון איר און ער וועט נישט קאָנען פאָרן זי באַגעגענען. דאָס באַגעגענען איז געוואָרן דער הויפּט-ציל אין לעבן... די לעצטע נעכט האָט ער זיך געוואַלגערט אויפן געלעגער.

ערשט דינסטיק אין אָוונט האָט זיך רעשיק צעקלונגען דער טעלעפאָן. מאריס איז צוגעגאַנגען. מיט פאַרוווּנדערונג איבערגעפרעגט:

— דזשאָ'ן? דזשאָ'ן?.. אָלרייט.

אַרויסגעקומען אויף דער טעראַסע. דערזען איזראַעלן. געזאָגט:

— מען רופט צום טעלעפאָן.

— ווער רופט?

— גיי, וועסטו הערן.

געקלונגען האָט בעסי. זי האָט דערהערט דעם מאַנס קול. אַט זי דאָרט אָפּגערוט אַ ווײַלע, דערנאָך געזאָגט: זי איז „אָלרייט”... מאָרגן קומט זי אַהיים. מיט דער איינס אַ זייגער „טריין”... זאָל דזשאָ קומען צום „סטיישען” זי אָפּנעמען... וואָס מאַכן

די קינדער? אָלרייט? פֿאַרגעס זשע נישט: זאָג דזשאָ'ן ער זאָל מיך באַגעגענען: ער האָט מיך אַוועקגעפירט, זאָל ער מיך קומען אָפּנעמען...

איזראַעל איז אַרויסגעקומען, געזען ווי דזשאָ קומט אָן, פֿירט די קינדער באַ די הענטלעך אין הויז אַריין.

– דזשאָ! בעסי האָט נאָר וואָס אָפּגערופן.

– בעסי?

– וואָס זשע וווּנדערסטו זיך אַזוי?

דזשאָ האָט נישט געענטפֿערט.

— זי קומט מאָרגן מיט דער איינס אַ זייגער „טריין". האָט זי געבעטן זאָלסט קומען זי אָפּנעמען.

— אָלרייט... וואָס מאַכט זי?

— זי איז אָלרייט — האָט זי געזו אָגט.

די נאַכט איז דזשאָ אינגאַנצן נישט געשלאָפֿן. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דעם פֿינצטערן וועג, איבער די לאָנקעס. האָט אָפּט צו זיך אַליין געלאַכט. שפּעט באַנאַכט איז ער אַוועק אויף דער לאָנקע, האָט אַרומגענומען דעם פֿערדס האַלז, האָט עס געגלעט און געשעפּטשעט:

— מאָרגן! מאָרגן קומט זי...

האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּוחות און פֿאַרטאָג זיך צו־געלייגט. געדרימלט, געשמייכלט אין דרימל.

אַרום עלף דעם זייגער איז דזשאָ אַוועקגעפֿאָרן אין נעגערס מאַשין. מאָריס האָט בייז געקוקט פֿון ווייטן. נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס איילט ער זיך אַזוי, דער פֿערד? האָט געקוקט ווי זיין העמד איז נישט ריין, דאָס פּנים נישט ראַזירט, דער קאָפּ האָר ווילד צעוואַקסן און געשמייכלט אין זיך אַריין.

איזראַעל האָט געפֿרעגט:

— דזשאָ! קענסט דאָך נעמען מאָריסעס מאַשין?

מאָריס האָט אָפּגעענטפֿערט פֿון דער זייט:

— מוחל! זאָל ער פֿאָרן מיט דער „קאַטרינקע!"

דזשאָ האָט זיך געאיילט. אָנגעקומען אין שטעטל, האָט ער

זיך אָפּגעשטעלט בּאַ אַ „בּאַרבּער־שאָפּ"*), איז אַריין. זיך געהייסן שערן און ראַזירן. געזעסן אויפן טשער**) אַ צעטראָגענער, אַ צע־ליכטיקטער. דער „בּאַרבּער" האָט אים געשוירן, ראַזירט.

— וואָשן דעם קאָפּ ?

דזשאָ האָט רעכט נישט געהערט די פראַגע:

— „יעס"...

— אַ מאַסאַזש ?

— „יעס".

— „ליילעך" ?

— „יעס"...

אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, וואָס איז דאָרט געהאָנגען... ווען ער איז אַרויס פון „בּאַרבּער־שאָפּ" איז ער אַוועק אין אַ קראָם, זיך געקויפט אַ פּיין, ווייס העמד מיט אַן איבערגעלייגטן קאָלנער. געבּעטן דערלויבּניש אַרייַנצוגיין אין הויז, דאָס אָנצוטון.

אַרום האַלבּ נאָך צוועלף איז דזשאָ שוין געשטאַנען אויף דער קליינער פּלאַטפאָרם און מיט אומגעדולד געוואַרט. עס האָט אים נישט געלאָזט איינשטיין. האָט ער געשפּאַנט הין און צוריק. האָט אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער. ווען דאָס דערנענטערן פון דער באַן האָט אויפגעציטערט די רעלסן, איז ער געבּליבּן שטיל, אויסגעצויגן ווי אַ ווירע. מער ווי די „טריין" האָט ער גאָר־נישט געזען.

בעסי האָט אים דערזען דורך דעם פענצטער. דערזען און אירע אויגן נישט געגלייבּט. ס'איז גאָר אַן אַנדערער דזשאָ. דער קאָפּ איז געווען פיין פאַרקעמט, די באַקן גלאַט און איינגעפאַלן. ער האָט מיט די אויגן געזוכט און נישט געזען.

דערהערט ווי מען רופט זיין נאָמען. דערזען בעסין אין פענצ־

---

*) צירולניע.

**) שטול.

טער. האָט ער זיך אַזוי ראַפּטום אַ וואָרף געטון צום וואַגאָן, אַז ער האָט עטלעכע מענטשן אָפּגעשטויסן, איז אַרויף, געבליבן שטיין אָן לשון.

געשטאַנען פאַרפרוירן. זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. ווי אייגן, ווי נאָענט זיי זענען זיך געווען! בעסי, אַ מידע, אַ בלייכע, מיט קינדערישער שטילער פרייד, האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נענטער. אָנגענומען זיינע הענט:

— דזשאָ!

זיך צעקושט און געפילט: עפּעס שטיקט אין האַלז...

— — — — — — — —

אַרויספאָרנדיק אויפן וועג, האָט בעסי זיך געטוליעט צו אים:

— פאַר געלאַסענער.

דזשאָ האָט שווער געאָטעמט.

— אָט אַזוי... איך בין אַזוי מיד...

זי האָט איר קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין אַקסל. ער איז געזעסן פאַרשטיינערט, מורא געהאַט דעם אַקסל אַ ריר צו טון. דערנאָך האָט זי צוגענומען דעם קאָפּ פון זיין אַקסל, האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטון זיין קאָפּ:

— דזשאָ, צוליב מיר?

ער האָט אויסגעשטעלט פרעגנדיקע אויגן.

— צוליב מיר האָסטו זיך אַזוי פאַרפּוצט?

— יאָ... בעסי...

— געוואַרט אויף מיר?

ער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גוטער דזשאָ...

דזשאָ האָט געפילט: דאָס האַרץ צערייסט זיך אים פון גליק.

— איך בין אַלרייט... איך בין נאָר אַ ביסל מיד... איך וועל זיך אויסרוען... דזשאָ: דו וועסט דאָך זיין גוט צו מיר...

דזשאַ האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נישט געהאַט קיין ווער־טער פאַר זיין געפיל. האָט ער בלויז געקוקט אויף איר און ס'האָט אויסגעזען: ער שטיקט זיך...

— איך ווייס... — האָט זי געשמייכלט.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צום האָטעל, זענען אַלע אַרויס־געלאָפן איר אַנטקעגן. אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט איר. מאָריס נאָר איז געבליבן פון ווייטן, געקוקט אויף דזשאַ'ן, ווי ער זעט אויס און אין זיינע אויגן — האָבן אָנגעגליטע שאַרפע שפּיזלעך זיך געדרייט...

ו.

די גאַנצע וואָך האָט זיך בעסי געפילט שוואַך. דאָס פּנים איז איר געווען בלייך, עטוואָס קלענער, נאָר אונטער די אויגן זענען שוין נישט געלעגן אַזעלכע שוואַרצע שאָטנס. אין איר איז געווען רויקע פאַרטראַכטקייט פון אַ מענטש, וואָס קומט צו זיך נאָך אַ שווערער קראַנקייט. די ברוינע אויגן זענען איצט געווען שטאַרק לויטער. שטילער חלום האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. זי האָט אָפט געשמייכלט מיט מידן גליקלעכן שמייכל. אַז זי האָט דערזען דזשאַ'ן — האָט זיך דער שמייכל צעליכטיקט. אין „דיינינג־רום" איז זי די וואָך נישט אַראָפּגעקומען, זי האָט אַ סך גערוט בײַ זיך אין צימער, און אַז זי איז אַרויסגעקומען אויף דער טעראַסע — איז זי געקומען מיט שטילע לייכטע טריט, ווי זי וואָלט געטרעטן אויף אַ טעפּיך. האָט אויסגעזען העכער. שלאַנקער.

דזשאַ האָט די ערשטע האַלבע טעג געאַרבעט אין פעלד. אין גאָרטן. נאָך האַלבן טאָג איז ער אַהיימגעקומען, האָט זיך אַרומגע־וואַשן, זיך איבערגעטון און זיך שוין כּסדר געפינען בײַם האָטעל גרייט צו טון פאַר בעסין אַלץ, וואָס זי וועט פון אים פאַרלאַנגען.

ער האָט איר אָפּט צוגעטראָגן מילך צום טרינקען. געשוויגן און פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ געטריישאַפט, וואָס האָט אַריינגעטריבן אַ פאַרב אין בעסיס בלייכע באַקן.

— וואָס מאַכסטו, בעסי?

געפרעגט אַזוי שטיל, אינטים, אַז בעסיס אויגן זענען געוואָרן ווי צום וויינען פון גרויס פרייד.

— אָלרייט.

— פילסט בעסער?

— יאָ, דזשאָ.

געטראָפן האָט: דזשאָ — שטייענדיק לעבן בעסין — האָט פלוצלינג דערפילט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אויף אים געלאָקערט. האָט ער זיך געגעבן אַ קוק־אום און דערכאַפּט דער אַלטער קרובהס בליק, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אַראָפּצוגליטשן פון אים. האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַוועק פון דאָרט.

מאָריס האָט זיך נישט געוויזן. האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט בעסין. איצט איז שוין נישט געווען קיין צייכן פון זיכערקייט אין אים. אָנשטאָט זיכערקייט, האָט געברענט כעס און באַליידיקונג. אין אַלע גלידער איז די באַליידיקונג געזעסן, געזאָטן און זיך געשפּאַרט אַרויסצוקומען. האָט געפילט, אַז סוף כּל סוף וועט זי זיך מוזן אַרויסרייסן. דערווייל האָט ער נאָך נישט געוווסט, וואָס ער דאַרף און וואָס ער וועט טון... האָט ער אַרומגעבלאָנקעט מיט די אויגן פאַררוקט אַרויף צו די ברעמען, געשוויגן מיט צעקאָכטער פאַרביסנקייט.

איזראַעל האָט אַלץ געטראַכט וועגן זיינע פּלענער אויף ווייטער און נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דער אומרויקייט, וואָס איז געלעגן באַ אים אין האַרץ, אין אַ ווינקל פאַרשטעקט און געמרוקעט... די טעג פון זיין „וואַקיישען" זענען אויסגעגאַנגען. צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין האָט זיך זייער נישט געגלוסט. און ווי לאַנג איז פאָרט דער שיעור צו זיין פאַרוואָגלט אין אַ „פעקטערי" באַ יענעם? געפילט, אַז אָט די „פעקטערי" האָט פאַרצויגן אַ דיקן בלאָם איבער זיינע אויגן. שטענדיק איז ער

פאַרנומען. לויפט אַוועק פון הויז באַלד אינדערפרי. איז פאַרטאַ-
דעראַמט דעם גאַנצן טאָג און קומט אויף דער נאַכט אַהיים אַ מי-
דער... דערווייל האָט ער נישט קיין צייט און קיין כּוח צו וויסן,
וואָס אַרום אים טוט זיך... נו, געוויס: עס אַרט אים נישט...
זאָל זי זיך נאַריש מאַכן... אַזאַ טבע האָט זי פון זינט ער קען
זי: האָט ליב צו פלירטעווען... אָבער וויפיל איז דער
שיעור?

דעם לעצטן טאָג פון זיין „וואַקיישען”, האָט זיך די אומרו
אַרויסגערוקט פון ווינקל און האָט דאָס גאַנצע האַרץ צערודערט.
איז זיין באַשלוס דערפאַר פאַרטיק געוואָרן, ווי ער וואָלט דער-
וואַקסן און צייטיק געוואָרן: אויפגעבן די שטעלע אין שטאָט!

ס'איז געווען נאָך „דינער”. די געסט זענען זיך מיט געפּיל-
דער צעגאַנגען פון האָטעל. טייל זענען מיט מאַשינען אַוועקגע-
פאָרן אין שטעטל. טייל זענען אַוועק שפּאַצירן אין תבואה-פעלדער,
ווו די זאַנגען האָבן שוין געבלייכט. אַנדערע זענען אַוועק
„הייקען”*) אין די בערג. איז דאַן איזראַעל מיט שווערע טריט
אַרויף אינדערהייך, האָט סאָפּענדיק דורכגעשפּאַנט דעם קאָרידאָר
און אַריין צו זיך אין צימער.

בעסי איז געלעגן אויף דער קושעטקע. געלעגן אַ שטילע
און געלייענט אַ בוך. די פּיס האָט זי געהאַלטן צוזאַמענגעצויגן.
רויקע זיכערקייט איז געווען אין איר. ווען איזראַעל איז אַריינגע-
קומען, האָט זי אויף אַ ווײַלע אַרויסגעלייגט דאָס בוך פון האַנט.
האָט אַ קוק געטון אויף זיין שווייגעדיק פּנים, בשעת מעשה געהאַט
אַ געפיל, אַז דער מענטש איז איר אַ פרעמדער. געקוקט אויף דער
קיילעכדיקער ליסענע זיינער, אויף די ווייכע, האַריקע פאַרשוואַרצטע
הענט. אויף איר פּנים איז געווען אַ ביסל ווייטיק, אַ ביסל וווּ-
דער...

— וואָס קוקסטו אַזוי?

כמורנעקייט איז געווען אין זיין קול.

---

*) גייען צופוס.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. האָט זיך אַ ביסל אונ־טערגעהויבן. אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויף אַ קישעלע און געוואַרט.

לאַנגזאַם האָט ער אַריינגעשטיפּט דאָס ציגאַרעטל אין לאַנגן ציגאַרנשפּיצל, פאַררייכערט, געבליבן שטיין מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס, געקוקט צום פענצטער. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען שטייף פאַרזעצט אין קאַרק.

— שוין... היינט איז דער לעצטער טאָג.

— פון „וואַקיישען”?

— יאָ...

צופּגערוט אַ ווײַלע. בעסי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף אים.

— עס גליסט זיך נישט צו פאָרן אין שטאָט...

גלייך זיך אויסגעדרייט צו בעסין, גלייך גענומען רעדן וועגן דעם, וואָס ער האָט באַשלאָסן:

— וויפיל איז דער שיעור? דאָס „געשעפט” גייט נישט שלעכט... מען וועט עס האַלטן אויפן ווינטער... געגוג זיין פאַריאָגט באַ יענעם...

בעסי האָט געשוויגן. אין איר האָט עס פריילעך אַ זונג־געטון. נאָר געפילט האָט זי: דאָס געזאַנג דאַרף זי באַהאַלטן.

— ס'איז אָלרייט... קיין עסן וועט דאָ נישט פעלן... אַ גע־רעטעניש... מיר וועלן נאָך מאַכן אַ ביסל געלט... דער איינציקער וואָס וועט דווקא וועלן אין שטאָט אַריין — איז מאָריס... מילא. וועט זיין אָן אים.

— און וואָס וועסטו דאָ טון דעם גאַנצן ווינטער? וועסט זיך גלאַט אַרומדרייען?

— כ'האָב שוין וועגן דעם אויך געטראַכט.

— נו?

— כ'וועל קויפן אַ הונדערט „טשיקען”*)... וועל מאַכן

*) הּ נער.

אַ „טשיקען־פאַרם"... וועט זיין אַרבעט... און פאַרן האָטעל וועט זיין „טשיקענס".

— ווייסטו האָדעווען „טשיקענס"?

— איז וואָס? איך וועל נישט קאָנען? די גרויסע חכמה!

— און די קינדער?

— וואָס די קינדער?

— זיי דאַרפן דאָך גיין אין „סקול"?*)

— וועט מען זיי צופירן אין שטעטל.

בעסי האָט געשוויגן. איזראַעל האָט געקוקט אויף איר שטילן, נאָך בלייכן פנים, געזען, אַז קיין קעגנערשאַפט איז אין איר נישטאָ. האָט עס אים געוווּנדערט. פּאַראַיאָרן, למשל, וואָלט זי זיך פּשוט צעלאַכט פון אַזאַ פאָרשלאַג: ווילסט דאָ בלייבן? בלייב! איך פאָר מיט די קינדער אין שטאָט אַריין... פון די קינדער פויערים וועל איך נישט מאַכן... איך אַליין האָב אויך נישט קיין חשק צו ווערן אַ פויערטע... בוכשטעבלעך אַזוי האָט זי געזאָגט פּאַראַיאָרן. איז וואָס־זשע איז איצט? אַ?... אָבער דאָס שפּעטער... ער וועט נאָך צייט האָבן זיך אַרומצוקוקן... דערווייל דאַרף מען באַשליסן.

— איז וואָס־זשע זאָגסטו?

— ווייס איך? אפשר... איבעריקנס: ס'איז נאָך דאָ צייט צו טראַכטן וועגן דעם.

— וואָס הייסט צייט? איך וויל מאַכן אַ סוף צו מיין שטעלע.

בעסי האָט זיך פאַרטראַכט, כאָטש איזראַעל האָט געפילט, אַז זי איז מסכּים, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך מיין: דערווייל דאַרפסטו נישט איבערלאָזן די שטעלע... האַלט שוין אָן דעם פּאָסטן ביזן סוף סעזאָן... דאָס געלט

---

*) שול.

וועט מען דאָך דארפֿן... זאָגסט דאָך אַליין: מען וועט דארפֿן אויפֿ„פּיקס"ן דעם האָטעל... קויפֿן טשיקענס...

— אַ? אפשר גערעכט... אָבער מיר בלייבן אויף ווינ־טער.

— מיר וועלן זען. אפשר...

איזראַעל איז אַרויס פֿון האָטעל. געווען זיכער, אַז דאָס מאָל בלייבט זיין פּלאַן אַ פּלאַן... אַ פֿאַקט. האָט זיך ערשט די אומ־רויקייט צעגאָסן איבערן גאַנצן האַרץ מיט געשריי:

— וואָס זשע פּלוצלינג האָט זי גלייך מסכים גע־ווען? אַ?

ער האָט זיך איצט דערמאָנט: ווען בעסי איז געקומען צו פֿאָרן, איז דזשאָ געווען אַזוי אויסגעפּוצט. איצט געדענקט ער: אין צימער זענען געווען די קינדער, די אַלטע קרובה, ער אַליין... דזשאָ האָט אַרויפֿגעבראַכט דעם טשעמאָדאַן. דאַן האָט די אַלטע זיך פֿאַרוווּנדערט:

— ווי אויסגעפּוצט דו ביסט, יאָסעלע! ווי אַ כראַביע זעסטו דאָך אויס!

דזשאָ האָט אָפּגעשוויגן. איז באַלד אַרויס.

איצט האָט ער אויך געדענקט וועגן דעם, וואָס די אַלטע האָט געהאַט מיט אים גערעדט:

— און די ברידערלעך! ווי די הינט בייסט מען זיך... איך האָב געמיינט, אַז ווען בעסי איז נישטאָ, וועט כאָטש זיין שטיל צווישן זיי...

און ווידעראַמאָל:

— היינטיקע ווייבלעך...

און איצט האָט זי גלייך איינגעשטימט צו בלייבן אין האָטעל ווינטער...

פֿון אַלע זייטן זענען קליינע שטראָמלעך געלאָפֿן. זיך צו־זאַמענגעקומען צו אַן אָבבראָך און גערוישט, פֿאַלנדיק אין טיפֿן תּהום...

איינער אַליין, ווי אַן אָפּגעזונדערטער, פֿאַרטריבענער, האָט איזראַעל אַרומגעשפּאַנט איבערן גראָז לעבן האָטעל און נישט קלאָר,

אָבער דאָך פֿאַרשטענדלעך זענען אים אַ סך זאַכן געוואָרן... אַן אומעט, אַ שוואַרצער, אַן אויפֿגעגרימטער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין אים. אַן אומעט, וואָס האָט זיך געזאַמלט פֿאַר די לעצטע יאָרן און געדרימלט אין זיין לייב, האָט זיך איצט אויפֿגעכאַפּט און זיך צעווינט... אַז ער ליגט כּסדר אין „שאַפֿ", איז כּסדר פֿאַרנומען און איבער די אויגן איז די גאַנצע צייט אַ דיקע בלאַם...

לעבן טייך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. געפֿילט: ער איז עלנט און פֿאַרלאָזט. איינער אַליין איז ער אויף דער וועלט. איז פֿאַריתומט, אויסגעלאַכט... סאַר אַ רחמנות ס'איז אויף זיין אָרים לעבן...

איצט האָט ער שוין פֿאַרביסן געטראַכט:

— אויס! מער וועט ער בלינד נישט זיין! ער גיט אויף די שטעלע און וועט דאָ בלייבן. איצט וועט ער שוין זען... אַלץ וועט ער זען... וואָס־זשע וועט זיין, אַז ער וועט זען? וואָס־זשע וועט ער דאַן טון? דאָס ווייסט ער נאָך נישט. אָבער בלינד וועט ער מער נישט זיין...

* *
*

דער זומער איז געווען אין פֿולער אויסוואַקסונג. די טעג האָבן גאָלדענע גערעשט. פֿון די בערג איז געזאַנג גערונען. פֿון די פֿעלדער איז אויפֿגעגאַנגען זאַטע פֿרייד. ביימער האָבן קרעפּטיק געשטרעקט זייערע צווייגן און יונגע פֿייגל האָבן נישט אויפֿגעהערט שרייען און שניידן די ליידיקייט. בעסי האָט ווידער געשפּאַנט מיט קרעפּטיקע עלאַסטישע טריט, די שליסלען האָבן געקלונגען פֿאַרשטעקט אין גאַרטעלע. דאָס פּנים האָט געבליט און די ליכטיקייט פֿון די אויגן האָט געגילדט די באַקן. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די טישלעך אין „דיינינג־רום", געפֿילט: אויגן באַגלייטן זי, בליקן יאָגן זיך נאָך איר, קלעפּן זיך, טוליען זיך און זי האָט געשמייכלט. האָט אָפּט געלאַכט הילכיק מיט קלינגעדיק קול, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט זון און פֿרישקייט פֿון

פעלד. אין די פאַרנאַכטן איז זי אָפּט געזעסן לעבן דזשאָ׳ן, גע־
זעסן נאָענט צו אים און דזשאָ האָט געקוואָלן מיט קינדעריש גע־
לעכטער. די גלידער זיינע האָבן זיך קרעפּטיק באַוועגט, קאָכיקע
זאַפטן האָבן געריזלט אין זיי. און מאַריס האָט זיך געגנבעט דורך
די ווינקלען, טראַגנדיק מיט זיך זיין כּעס, וואָס האָט שוין איצט
געברענט אין אַלע אבֿרים. האָט פון פאַרשטעלטע ווינקלען געקוקט
אויף בעסין מיט דזשאָ׳ן און געבײַלט די פויסטן.

בעסי האָט זיך צעבליט. ס׳האָט אויסגעזען: קומענדיק צו־
ריק פון שטאָט נאָך דער אָפּעראַציע, האָט זיך איר לעבן אָנגע־
פאַנגען פון דאָס ניי. איצט איז די יוגנט געווען מיט איר, האָט
געשפּילט אין איר לײַב ווי יונגער ווײַן. זי איז געוואָרן לײַכטער,
באַוועגלעכער, האָט געטראָגן ברייטערע קליידער און אַז זי האָט זיך
געגעבן אַ דריי־אויס, האָט דאָס קלייד זיך צעשריגן אַרום איר, מיט
אַזאַ מין געשריי, אַז מען האָט זיך אומגעקוקט און די בליקן גע־
לאָזט אויף איר פּאָלן...

איינמאָל באַטאָג, ווען דזשאָ איז צוריקגעקומען פון פעלד
האָט אים בעסי אָנגעטראָפן בײַ דער טעראַסע און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך, דזשאָ?

— שוין צייט די תּבֿואה צו שניידן!

— ווען הייבט מען אָן?

— איך רעכן מאָרגן, איבערמאָרגן.

דאַן האָט בעסי געזאָגט מיט אַ שטיל ווייך קול:

— דזשאָ, איך וואָלט געוואָלט אַ קוק טון אויף די פעלדער,
וואָס שטייען שוין צייטיקע.

— אָלרייט. ווען ווילסטו גיין?

— טאָקע שוין... איך וועל זיך נאָר איבערטון, וועלן מיר גיין
אַ ביסל אין פעלד אַריין.

— אָלרייט. איך וועל זיך נאָר אַרומוואַשן.

מאַריס איז געשטאַנען הינטער דער טיר, וואָס האָט געפירט
אויף דער טעראַסע. ער האָט זיך גלייך אָפּגערוקט, אַוועק פון דאָרט.
האָט געוווּסט, אַז דער לעצטער פונק פון זיין האָפענונג לעשט אויס
און האָט געקריצט מיט די ציין פון כּעס. דאָס פייער אין אים האָט

זיך איצט צעבערענט מיט ווילדקייט, האָט זיך געריסן פון לייב, פאַרטעמפּט דעם קאָפּ און ער האָט שווער געאָטעמט. האָט זיך אַרומ־געדרייט אַרום האָטעל מיט טריט פון אַ גנב. אים איז אַנטקעגנ־געקומען די יונגע גויע, די אַלמנה. איצט איז שוין נישט געווען קיין צייכן פון טרויער אויף איר פאַרבּרוינט געזיכט. אונטער די אויגן האָט אַ פרעכער שמייכל געלויכטן. זי האָט זיך אָפּגע־שטעלט מיט דעם שמייכל. נאָר מאַריס האָט איצט אַ קוק גע־טון אויף איר מיט פאַרדראָס, ווי ער וואָלט זי נישט גע־קענט.

— דערקענסט מיך נישט?

— אַ! — ער האָט זיך באַמיט צו שמייכלען.

— וואָס ביסטו אַזוי צערודערט? אַ?

— איך בין נישט צערודערט.

די יונגע גויע האָט שעלמיש געלאַכט: „אויפגערעגט? וואָס איז דיר?" זיך דערנענטערט צו אים. געזען ווי זיין פּנים איז אַלץ פאַרגליווערט, האָט זי זיך גלייך אָפּגערוקט פון אים, האָט אים נאָר אָנגעקוקט אַ ביסל ברוגז און איז אַוועק.

מאַריס האָט געלאָקערט מיט פאַרשפּיזטע אויגן.

דזשאָ איז אַרויסגעקומען. אַרומגעוואָשן, צוגעקעמט. גלאַט ראַזירט. דאָס העמד האָט אַראָפּגעבלאַנקט פון זיינע שטייפע פּליי־צעס. זיך אַרומגעקוקט און זיך געלאָזט גיין צום וועג. מאַריס האָט געקריצט די ציין: „פויער, אַ גאַנצער מענטש געוואָרן"...

שפּעטער אַ ביסל איז אַרויסגעקומען בעסי. מאַריס האָט זי דערזען און איין ווילע האָט עס דורכגעציטערט זיין לייב און אַ נעפּל געטון אין קאָפּ. זי איז געווען אין העל־ברוין קלייד, וואָס איז איינגעפאַלן באַ דער טאַליע און דערנאָך זיך שטאַרק צע־ברייטערט, געפאַלן אַרום די פיס אין פאַלדן. זי האָט זיך צו־ריקגעקערט אינעווייניק. ווידער אַרויסגעקומען און אויך אַוועק צום וועג.

מאַריס איז דעם האָטעל אַרומגעגאַנגען. אַרויסגעקומען אויף דער צווייטער זייט. געזען ווי דזשאָ לויפט איר דאָרט אַנטקעגן. קומט צו. זי נעמט אָן זיין האַנט און לאָזט זי גלייך אָפּ. אָט

שטעלן זיי זיך צו. בעסיס פינגער גלייכן אויס דעם קאָלנער פון רזשאַס העמד...

די זון האָט געקוקט פון ערגעץ ווייט. מען האָט זי שוין נישט געזען, נאָר דאָס גאָלד איז נאָך געלעגן אויף די שפּיצן בערג. דער טאָג האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגערוקט און דער פאַרנאַכט איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיינע טריט. מאַריס איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגן פּנים. האָט אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן, זיך דערמאָנט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין אים געווײן אַריינגעטריבן. און אויסגעקומען איז, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט — איז געווען שוין לאַנג, זייער לאַנג... האָט צוריק געעפנט די אויגן און האָט שוין בעסין מיט דזשאָ׳ן נישט געזען. אַריין צווישן דער תּבֿואה. אָ! ווי מען וואָלט באַ אַ חיה איר רויב צוגענומען... ער האָט גענומען שפּאַנען מיט פעסטע טריט, מיט געבויגענעם האַלז און אַראָפּגעלאָזטע, צעברענטע אויגן. דאָס געווײן אין אים האָט זיך איבערגעבראָכן, האָט ווי לויטערער שטראָם זיך איבערגעגאָסן אין מוטנער זומפּיקייט... דער כּעס האָט זיך צעשפּילט, זיך געשטופּט דורך די אָדערן, געקרעמפּט דאָס לייב, געביילט די פויסטן... גרינער שלאַנג האָט זיך אין אים אַ דריי געטון, טיף איינגעביסן און מיט ווילדקייט אים פאַרסמט.

ער האָט נישט געוווסט געניי, וואָס ס׳וועט געשען, געוווסט אָבער, אַז געשען וועט שוין עפּעס...

דערנאָך האָט ער זיך מיט די זעלבע שווערע טריט און מיט פאַרשטייפטע הענט אַוועקגעלאָזט איבערן וועג, איבער וועלכן בעסי מיט דזשאָ׳ן זענען אַוועק.

ז.

די האָבן געשפּאַנט איבערן שמאָלן געל-זאַמדיקן וועגל, צווישן הויכע גערדיכטע תּבֿואות, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעוואַקסן מיט געבויגענע שווערע זאַנגען. שטיל און פאַרשטענדלעך געזאַנג איז אויפגעגאַנגען פון זייערע טריט. בעסי האָט געשמייכלט מיט רויקער צערודערטקייט, געקוקט אַרום זיך מיט גרויסע פרייליכע אויגן. דזשאָ האָט געשוויגן, ווי אים וואָלט אין האַלז געשטיקט. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן געבויגן; געטראַכט אַזוינס, וואָס ער האָט זיך געשעמט צו טראַכטן. אין די אויערן האָבן געהילכט די האַסטיקע קלעפּ פון האַרץ. די גלידער האָבן געשטייפט זיך געריסן פון לייב. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. די פאַרנאַכטיקע פעלד-ריחות זענען געווען געדיכט און וואַרעם. פון דער ערד האָט קרעפטיקייט געשלאָגן, געוועקט די כּוחות. מיטאַמאָל האָט זיך בעסי אָפּגעשטעלט. איר האַנט איז געבליבן ליגן אויף דזשאָס פּלייצע.

— אַ געהיימעניש...

נישט געהערט קיין ענטפער. האָט זי אויסגעקערעוועט דעם בליק צו זיין פּנים. ער איז געווען בלייך, אין אים האָט געצי-טערט אַ שטילער ציטער. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט, צושאָק-לענדיק מיטן קאָפּ:

— אַ גרויס געהיימעניש.

ווייטער געגאַנגען. געזוכט וואָס צו זאָגן. זיך דערמאָנט צו פרעגן:

— בעסי... וואָס איז דיר געווען?

— רעד נישט איצט פון דעם, דזשאָ.

ער האָט געפּרוווט שמייכלען. זיך דערמאָנט אָן איזראַעלס פּלאַן צו בלייבן דאָ אויף ווינטער:

— בעסי... וועסטו בלייבן דאָ ווינטער ? האַ ?

— ווייס איך ? —

האָט שמייכלענדיק אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דזשאַ׳ן:

— דו ווילסט איך זאָל בלייבן ?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איצט זענען שוין זייערע בליקן געווען צוזאַמענגעוואַקסן.

— דזשאָ —

זי איז געשטאַנען שטאַרק נאָענט צו אים. געאָטעמט אויף אים מיט הייסקייט. אין דזשאָס אויגן האָט אַ פינצטער געטון. באַלד צוריק ליכטיק געוואָרן. בעסי האָט געקרעכצט אין זיינע אָרעמס מיט פאַרשטעמטע ציין. זיינע הענט זענען ווי רייפן אַרומגעוואַקסן אַרום איר. ווילד און קינדעריש האָט ער געאָכצט. געגעסן אירע ליפּן, האַלז און אויגן.

— בעסי... מיין בעסי...

זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אָרעמס. די פינגער פון די הענט זענען געווען פאַרפּלאָנטערט. זי האָט דערזען אַ שטיקל גרינע לאָנקע צווישן די תּבואות:

קום אַהין.

אַ קרעכץ אָדער אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דזשאָס האַלז. אַלע כּוחות האָבן אַ פלייץ געטון איבער די גלידער. ער האָט זי געגעבן אַ כאַפּ אויף די הענט ווי אַ קינד, זי געגעבן אַ הייב-אויף. בעסי האָט אַרויסגעלאָזט אַ פריידיק געשריי. האָט מיט די הענט אַרומגעוויקלט זיין קאָפּ. ער האָט זיך געשטיקט פון גבורה. גענומען מיט איר לויפן צו יענעם פּלאַץ. דאָ האָט בעסיס בליק דערגרייכט דעם אַספאַלט-וועג, וואָס ליגט באַם פעלד, האָט אַ ציטער געטון. דער גאַנצער גוף האָט זיך איר אַ וואָרף געטון:

— לאָז אָפּ... דזשאָ... לאָז אָפּ...

דזשאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, זי אַראָפּגעלאָזט, געקוקט מיט צעמישטע אויגן און שווער געסאָפּעט. די אויגן אויסגעשטעלט אויף בעסין און זי — אַ בלייכע:

— עמעצער שטייט דאָרט... אויפן וועג.. קוקט אהער.

אַ קילקייט האָט זיך דורכגעגאָסן דורך דזשאָס לייב. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געזאָגט.

אויך ער האָט דערפילט שרעק אין האַרץ.

— ווער?

— איך ווייס נישט... נאָר עמעצער שטייט דאָרט...

זי איז געוואָרן אומרויק. אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, די אומרו איז אַזוי שטאַרק. זי האָט אָנגעכאַפּט דזשאָס האַנט:

— קום...

געשפּאַנט שנעל. האַסטיק: זאָל עס זיין „ער"?

שוין געשטאַנען נישט ווייט פון וועג. אַ צי געטון דזשאָ'ן צו זיך, — די זאַנגען האָבן פאַרשטעלט — מיט ביידע הענט אַ גלעט געטון זיין קאָפּ:

— זיי רויק..

אַרויסגעקומען פון צווישן דער תּבואה, דער וועג ליגט אַ ליידיקער.

אַ ווײַלע איז בעסי געשטאַנען. זיך אַרומגעקוקט און גענומען גיין. אָפּשפּאַנענדיק אַ שטיקל וועג, האָט זי דערהערט טריט, וואָס האָבן פאַרזיכטיק אָבער שווער אָפּגעהילכט פון אַספאַלט. זיך אומגעקוקט און דערזען: מאַריס. בעסי האָט דערפילט, ווי אויף אַ ווײַלע האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. געטראַכט נישט אָפּצושטעלן זיך. אָבער דאָך שטיין געבליבן.

מאַריס איז דערווייל צוגעקומען נענטער. פינצטערע אויגן. געבויגענער האַלז. פאַלדן אויפן שטערן.

— מאַריס! ווו גייסטו דאָ אַרום? האַ?

זיין פּנים איז געבליבן פאַרשטייפט. די ציין צוזאַמענגעקלעמט און די קינבאַקן האָבן אָפּגעשטאַרט שטאַרק אָנגעצויגן. צערייצטקייט פון אַ ווילדער חיה האָט פון אים געשריגן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט. איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו זיי.

ווי אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק. וואָס האָט אַ פריר געטון דאָס בלוט.

דזשאָ האָט זיך פאַרלוירן, דערפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן באַ אַ זינד. די פּלייצע האָט זיך אים לייכט גע־בויגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געפינטלט מיט פאַרשעמטע אויגנדעקלעך.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון.

בעסי האָט זיך געשטאַרקט. געשטאַנען אויסגעשטרעקט און מיט צעמישט שמייכעלע:

— פון וואַנען גייסטו דאָס, מאָריס?

איין רגע געשוויגן. דערנאָך האָט זיך זיין מויל אַ קרום געטון:

— און ווו שלעפט איר זיך דאָ אַרום?

דער כּעס האָט געזעצט פון זיין פּנים, פון די אויגן, פון האַלז. די רציחה האָט זיך געגאָסן אונטער דער הויט:

— שוין! גע„קעטש"ט*) אַ פרישן?

אין בעסיס אויגן האָט זיך גרויל אַ שרויף געטון. בלייכקייט האָט איר פּנים באַגאָסן. זי האָט געקוקט, ווי זי וואָלט פאַר זיך דערזען אַן אָפּגרונט.

דורך מאָריסעס ציין האָט זיך דורכגעבראָכן:

— דער געזונטער פויער איז געפעלן געוואָרן...

אָפּגערוט. געזען דעם ווייטיק אויף בעסיס פּנים. די נקמה איז געלעגן אויף זיינע ליפּן ווי חזיר־שמאַלץ. האָט געררייצט דעם חיהשן אַפּעטיט. דורך די ציין האָט ווידער דורכגעקריצט:

— אָפּגעקעלבט זיך און ווידער צו אַ נייעם בוהיי!

דזשאָס בלוט אַ זיד געטון. געזען דעם צער אויף בעסיס פּנים און זיך געגעבן אַ גלייך־אויס. די מוסקולן אויפן לייב זע־נען אויפגעלאָפן מיט שטייפקייט. די קינבאַקן זענען פאַרשטיינערט

---

*) געפּאַקט.

און קאַכיק געוואָרן. דער האַלז געבויגן. די נאָזלעכער האָבן גע־רייכערט:

— העי! האַלט דעם פּיסק!

— און אַז נישט? וואָס וועסטו מיר טון?! קוק אים נאָר אָן דעם פּויער! קריכט צו דער שווערערין... צו דער קעלביקער קו!

— שווייג!

דזשאָ האָט עס אַרויסגערעוועט און אַ בייל געטון די פויסטן, אַז מאַריס איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן צעטומלט. דזשאָ האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַ בייג געטון. די הענט האָבן זיך שווער צע־וויגט, די אַקסלען זיך אַ שפּיל געטון.

בעסי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט:

— קום, דזשאָ... מיט וועמען וועסטו זיך דאָ שטעלן?! קום... ער איז דאָך משוגע געוואָרן... קום.

מאַריס האָט געשרפעט:

— משוגע... זע דעם אָנשטעל, וואָס זי מאַכט? אַ גע־בעכל...

בעסי האָט זיך געהאַט אויסגעדרייט, געהאַלטן דזשאָס האַנט. ער האָט זיך פאַרשטייפט, נישט געוואָלט זיך רירן. אירע אויגן האָבן אַזוי געבעטן: קום... און ער האָט גענומען גיין. זײַנע טריט זענען געווען שווערע, הייסע. בעסי האָט געאײַלט, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף קוילן.

— ענטפער אים נישט, טײַערער... קוק זיך נישט אום...

— ווי אַ הונט וועל איך אים דערשמעליען!

- קום... לאָז אָפּ... קום...

מאַריס איז זיי נאָכגעגאַנגען. בעסי האָט געהערט זײַנע טריט. ווי האָבן שווער אין איר קאָפּ אָפּגעהילכט.

עפּעס האָט ער געמורמלט און ס'האָט שווער געקאָכט אין אים. דזשאָ האָט זיך אַלע ווײַלע געוואָלט אויסדרייען, נאָר בעסי האָט זײַן האַנט נישט אָפּגעלאָזט. געשעפּטשעט בעטנדיק:

— קום, דזשאָ... קום, טײַערער...

שוין געשטאַנען נישט ווייט פון האָטעל און — די גאַנצע באַלײדיקונג, דער גאַנצער כּעס האָט זיך אַרויסגעריסן פון מאַרי־סעס לייב. האָט גענומען ברענען די הויט און געשלאָגן מיט ה׳ץ אין קאָפּ אַריין.

מיטאַמאָל איז ער אונטערגעלאָפן, אַרײַנגערעוועט דזשאָ׳ן אין פּנים אַריין:

— פויער דו! פערד! דו לאָזסט דיך אַרײַננאַרן!...

דזשאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פיס זיינע זענען איינגע־וואַקסן געוואָרן אין דער ערד. בעסי האָט געפילט, ווי דער וועג וואַקלט זיך אונטער די פיס.

— גיי אַוועק! — האָט דזשאָ אַרויסגעכריפּעט.

דאַן האָט שוין שגעון געשלאָגן פון מאַריסעס אויגן. דאָס מויל האָט זיך געקרומט. שוואַרצע שטיקער סמאָלע זענען געפאַלן פון זיינע פיבערדיקע ליפּן:

— נעמסט זיך אָן פאַר איר! נאַרישער הונט! נאָר צו דיר קריכט זי? צו אַלעמען קריכט זי! צו נעגערס קריכט זי דאָך!... פריער איז זי דאָך צו מיר געקראָכן... אין שטאָט פון מיר אַ קינד אָפּגעוואָרפן... אַ קינד אָפּגעוואָרפן!... נאַרי־שער הונט!

די לעצטע ווערטער האָט דזשאָ שוין כּמעט נישט געהערט. אַ רגע געשטאַנען צעמישט. נישט געגלייבט, אַז ער הערט די ווער־טער... געזען ווי בעסי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ פאַרן האַרץ, גע־הערט דעם שווערן קרעכץ, ווי מען וואָלט אַ מעסער אין איר אַרײַנ־געשלאָגן. האָט ער זיך אַ ריס געטון. צוגעשפּרונגען. אַ זעץ פון דער פויסט האָט אָנגעשלאָגן אָן מאַריסעס פּנים. די ציין האָבן אַ קלונג געטון. דער קאָפּ האָט זיך אַ וואַקל געטון. מאַריס איז אָפּגעשפּרונגען, אַרויסגעלאָזט אַ משונהדיקן טעמפּן קלאַנג, זיך צוריק געוואָרפן אונטער דזשאָס פויסט. אַ שווערער אָכץ, הענט אַרום לייבער האָבן געדריקט. אַ ווילדער געראַנגל. זיי זענען זיך צונויפגעוואַקסן, זיך אָפּגעריסן און די קלעפּ האָבן געהאַמערט מיט שווערע זעץ. זעץ נאָך זעץ. אַ רעוועץ האָט געכאָרכלט פון פאַרשטייפטע העל־זער, קרעכצן האָבן זיך געריסן און צעפּלאַצט געוואָרן. ווידער איז

מען צונויפגעפאַלן, זיך ווידער אָפּגעריסן, העגט אַרום קער-פער האָבן זיך ווי בייטשן געפּלאָכטן. די שטייפע פיס האָבן זיך איבער אַספאַלט געגליטשט. איינגעקלאַמערט האָט זיך איי-נער אין צווייטן, די לייבער האָבן געברענט, די ציין גע-קריצט.

בעסי האָט אויפגעהויבן אַ ווילד געשריי: מיט באַנו-מענע קולות האָט זי געליאַרעמט. מען האָט אָנגעהויבן לויפן פון אַלע זייטן. מיט געשרייען און מיט קוויטשערייען איז מען געלאָפן.

— ראַטעוועט!

— רייסט זיי פונאַנדער!

— זיי דערהרגענען זיך!

— שטייט נישט!

ביידע זענען געלעגן אויפן האַרטן וועג. איינער אין אַנדערן איינגעגראָבן, זיך געוואַלגערט איינער איבערן צווייטן. די הענט האָבן געקרעמפּט, די פּנימער געקאָכט. שוים האָט געזעצט פון די מיילער. מיטאַמאָל — שטילער. דזשאָ איז געלעגן אויף מאַריסן. אַ רגע געלעגן פאַרשטאַרט. באַלד האָט אַ פּוס זיך אַ קאָרטשע געטון, אַ קני האָט געגעבן אַ קנעט אַריין אין מאַריסעס בויך און אַרויסגעשטויסן אַ ווילדן אָכץ. דזשאָס הענט האָבן זיך אַ גליטש געטון און אַרומגעכאַפּט מאַריסעס האַלז. די פינגער האָבן ווי האָ-קעס זיך געגעבן אַ גראָב-איין. מאַריס איז געבליבן ליגן מיט אַן אָנגעגאָסן פּנים. די אויגן האָבן זיך געגעבן אַ הייב-אַרויס פון די לעכער.

— רייסט אים אַראָפּ!

— ער דערשטיקט אים!

מען האָט גענומען שלעפּן און רייסן דזשאָ'ן. די געשרייען פון די יונגען, דאָס קוויטשעריי פון די מיידן האָבן זיך גע-טראָגן איבער פאַרנאַכטיקן וועג. פון האָטעל זענען שוין אַלע געוואָ געקומען, די אַלטע קרובה האָט געבראָכן די הענט:

— ווי איז מיר!... ווי איז מיר!...

דזשאָ האָט נישט אָפּגעלאָזט דעם האַלז. מען האָט אים גע-

ריסן בא די הענט. געשלאָגן איבער די פּיס. ענדלעך האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם האַלז און זיך געלאָזט אויפשטעלן. ער האָט שווער געסאָפּעט, געהאַט איבערגעקערטע אויגן. אַלע האָבן זיך געשטופּט אַרום אים. בעסי איז געשטאַנען לעבן אים מיט אַ וויינענדיק פּנים.

— ער האָט דיר עפּעס געטון? עס בלוטיקט דיין נאָז... קום... קום צום האָטעל... וועסט זיך דאָס בלוט אָפּוואַשן...

מאַריס האָט זיך אויפגעזעצט. געבליבן אַזוי זיצן. געדרייט מיטן האַלז, אים געטאַפּט מיט די פינגער און אים נישט געפילט. געאָטעמט גיך און שווער... געגרעוועט פון פאַרקאַכטן כּעס, וואַרפנדיק שווערע שוואַרצע ווערטער, רופנדיק בעסין מיט די שענדלעכסטע נעמען.

די אַלטע קרובה האָט זיך געבראָכן די הענט:

— מאַריס, וואָס רעדסטו?... וואָס טוט זיך מיט דיר?... מאַריס...

און דערביי זיך צוגעהערט צו זיינע רייד...

מיטאַמאָל איז מאַריס שטיל געוואָרן. האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס, נישט אומגעפאַלן און גענומען שפּאַנען נענטער צום האָטעל.

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אַרום דזשאָ׳ן. מאַריסן דעם געשלאָגענעם האָט קיינער נישט געהיטן. ס׳איז שוין געווען טונקל און דזשאָ איז געשטאַנען לעבן דער טעראַסע, געסאָפּעט און אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג און מיט נייגיריקע אויגן.

דזשאָס פּנים האָט געבלוטיקט.

— וואַסער!

— גיט וואַסער!

— ברענגט אַרויס אַ ביסל וואַסער!

— אָט איז וואַסער!

בעסי איז אַרויסגעקומען, טראָגנדיק אַ שיסל מיט וואַסער.

זי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים די שיסל. ער איז געשטאַנען אַ מידער. אַלע אויגן האָבן געשטאָכן אין זייערע פּנימער.

ווען דזשאָ האָט זיך איינגעבויגן צו דער שיסל און אומגעריכט — מאריס איז אונטערגעלאָפן. פאַרמעסטנדיק זיך מיט זיין לעצט ביסל כּוח, האָט ער מיט אַ שווערע זאַך אַ זעץ געטון איבער דזשאָס קאָפּ. אַ שווערער קרעכץ האָט זיך אויפגעריסן, און איידער מען האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, און אַ צווייטער זעץ האָט אָפּגעהילכט איבער דזשאָס קאָפּ. דזשאָ האָט זיך אַ וואַקל געטון און געפאַלן. . .

— — — — — — — —

ס׳איז געוואָרן אַ ליאַרם. אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויף מאַריסן. ער האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות. דעם שטיין פעסט געהאַלטן מיט ביידע הענט און געבריקעט מיט די פיס: ער מוז אים דערהרגענען... ער וועט אים דערהרגענען... און זי... דער אויסגעלאַסענער... זי אויך...

אַ שווער סאָפּעריי. ווי אַ קופּע וואָלקנס וואָלטן זיך צונויפגעשלאָגן. ביז מען האָט מאריסן ענדלעך אומגעוואָרפן אויף דער ערד און אַרויסגעריסן דעם שפּיציקן שטיין פון זיינע פאַרשטייפטע הענט.

דזשאָ איז געלעגן באַוווסטלאָז. בעסי האָט אים געריסן. געגאָסן אויף אים וואַסער. באַגאָסן זיין קאָפּ, דאָס פּנים, דעם האַלז. די אַלטע קרובה האָט נישט אויפגעהערט ברעכן די הענט.

בעסי איז געזעסן אויף די קניען, געמינטערט דזשאָ׳ן. געפילט ווי אַלע בליקן שטעכן זיך אין איר לייב אַריין — נאָר דאָס האָט זי נישט געאַרט. . .

ח.

דאָס מורמלען פון פרימאַרגן האָט זי אויפגעוועקט פון דרימל. בעסי האָט געעפנט די אויגן. גלייך אָפּגעזויפצט. אויפן האַרץ איז געלעגן שווערקייט, געבליבן פון חלום. ווידערקול פון מוראדיקע געשרייען איז געשטאַנען אַרום איר ווי רויך. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט טעמפּע שווערע קלעפּ.

„דזשאָ".

פרייד האָט אַ מורמל געטון, נאָר אין דער פרייד איז געווען פאַרהאַרטעוועטע שרעק.

זיך דערמאָנט פונוואַנען די געשרייען קומען: דזשאָ האָט אַזוי ווילד געררעוועט. ווען דער דאָקטאָר פון נאָענטן שטעטל האָט זיך געפּאָרעט באַ זיינע טיפע וווּנדן אין קאָפּ. ער האָט געהאַלטן די אויגן פאַרדריקט, געקאָרטשעט דעם האַלז צווישן די אַקסלען. האָט דעם דאָקטאָר נישט געשטערט, נאָר דאָס רעווען האָט זיך געגאָסן דורך פאַרקלעמטע ציין, ווי שוואַרצער שטראָם. שפּעטער איז ער איינגעשלאָפן.

— וואָס-זשע טוט ער איצט, דזשאָ?

אין איר איז געווען וואַרעמע שרעק. שרעק פון אַ מאַמע איבערן גורל פון איר איינציק קינד.

זי האָט שטיל זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ קליידל, זיך אַרומגעקוקט: די קינדער זענען געשלאָפן אין אַנ-דערן בעט. געלעגן מיט געבויגענע קעפּלעך, מיט פולע צוואַרעמ-טע בעקלעך און געאָטעמט שטיל און רעגלמעסיק. אויף די שויבן איז געלעגן גרויער פרימאַרגן, האָט אַריינגעאָטעמט מיט רויער פרישער קילקייט. פייגל האָבן זיך איבערגערופן. האָט בעסי פאַר-מאַכט דאָס פענצטער, וואָס איז געשטאַנען אָפן לעבן בעט, וו-

די קינדער זענען געשלאָפֿן און איז פֿאַרזיכטיק אַרויס פֿון איר צימער.

דער האָטעל האָט שטיל געגולמט. זי האָט דורכגעשלייכט דעם אָפּיס, אַריין אין קאָרידאָר, שטיין געבליבן אונטער דער טיר פֿון דזשאָס צימער. געשטאַנען, ווי פֿאַר דער טיר, אונטער וועלכער עס רוט איר האָפֿנונג. זיך געשראָקן אַריינצוגיין, מורא האָבנדיק, טאָמער וועט זי איר האָפֿנונג נישט טרעפֿן מער.

פֿאַרזיכטיק געעפֿנט די טיר. מיט שטילע טריט אַריבער די שוועל. זיך דערנענטערט צום בעט, אויף וועלכן דזשאָ איז געלעגן אַ בלייכער מיט אַ ווייס־פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ער איז נאָך גע־שלאָפֿן. דאָס פּנים באַדעקט מיט מידקייט. מידקייט פֿון אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך און שווער געוואַנדערט, ביז ער איז געקומען צו אַן אָרט, וווּ ער קאָן זיך אָפּרוען. אויף די ליפּן איז געלעגן עפּעס אַזוינס, געמישט פֿון שמייכל און ווייטיק. בעסי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער שטול לעבן בעט. האָט געקוקט אויף אים מיט טרויעריק־פֿאַרבענקטע אויגן. אין האַרץ איז געווען שטיל געוויין. ער האָט געאָטעמט רעגלמעסיק. זיין פּנים איז געווען עפּעס פֿאַרענדערט, ווי ער וואָלט דערפֿילט, אַז עמעצער זיצט לעבן אים... זיין שווערע האַרטע האַנט איז געלעגן אויף דעם צודעק. בעסי האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן: האָט שטיל צוגעלייגט די ליפּן צו זיין האַנט. ווען זי האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זי גע־טראָפֿן זיינע בלויע אויגן אָפֿן. בלייכער שמייכל האָט געלויכטן פֿון זיינע ליפּן.

— דזשאָ... ווי פֿילסטו?

אַ ווײַלע נישט געענטפֿערט.

אין בעסיס אויגן האָט שרעק געוויינט.

— איך פֿיל בעסער...

— בעסער?

— דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי.

דאַן האָט בעסי געזען ווי פֿאַרטראַכטקייט גיסט זיך אָן אין זיינע אויגן. האָט זי אויסגעצויגן די הענט, זיי אַרויפֿגעלייגט אויף

ויין פנים, געהאַלטן אַ ווײַלע און אַראָפּגענומען. נאָר די פּאָרטראַכט־קייט האָט זיך נישט אויסגעווישט פון זײַנע אויגן.

ער איז געלעגן רויק, שווייגנדיק, נאָר דער שטערן זײַנער האָט זיך גענומען קנייטשן. די ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן. ס'האָט אויסגעזען: ער וויל זיך עפּעס דערמאַנען. פאַנגט דעם אָנ־פאַנג פון דער דערמאַנונג, וואָס גליטשט זיך תיכף אַרויס פון זײַן זכרון און ער כאַפּט אים ווידער אָן...

— דזשאָ... אַרײַנברענגען דיר עפּעס צו טרינקען?

און ער האָט גאָר געפרעגט:

— וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?

— דער דאָקטאָר? וועסט זײַן אַלרייט. דאַרפסט איבערליגן אַ פּאָר טעג אין בעט.

— אַ פּאָר טעג?

ער האָט אַ שמייכל געטון.

— יאָ, וועסט ליגן... איך וועל דיך פון בעט נישט אַראָפּ־לאָזן...

מיטאַמאָל אַ פרעג געטון:

— ווער האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר?

— דזשים האָט אים געבראַכט... איך בין מיט אים גע־פאָרן...

אַ מאָדנע געפיל, אַזאַ געפיל האָט דזשאָ אַמאָל געהאַט אינ־דערהיים נאָך, ווען די מאַמע איז געזעסן לעבן זײַן בעטל, ווען ער איז קראַנק געווען...

אַ קרעכץ פון אַ טיר האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן. אין פענצטער האָט גאָלד־גלאַנץ זיך אַ בייג־געטון: די זון האָט זיך באַוויזן. בעסי האָט געזאָגט:

— איך וועל איצט אַרויסגיין.

— גוט.

— איך וועל זיך אײַנגאַנצן אָנטון, וועל איך אַרײַנ־קומען.

האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אָנגעבויגן. אַ קוש געטון אים

אין פנים אַזוי שטיל, מיט אַזאַ פרומקייט, ווי מען קושט אַ הייליקייט.

זי איז אַרויס.

דאַן האָט זיך דזשאָ מיטאַמאָל דערמאַנט דאָס, וואָס ער האָט זיך געוואָלט דערמאַנען. איצט האָט ער געדענקט, ווי מאָריס האָט אים אַריינגערעוועט אין פנים:

— צו אַלעמען קריכט זי דאָך... צו מיר איז זי דאָך אויך געקראָכן... אין שטאָט פון מיר אַ קינד אָפּגעוואָרפן...

ער האָט עס זיך אַזוי קלאָר דערמאַנט, ווי מאָריס וואָלט עס נאָר־וואָס אויסגעשריגן, דערפילט — אַן אייזיקע קעלט האָט אַ גאָס־געטון איבער זיין לייב. ער האָט געגעבן אַ פאַרמאַך די אויגן און מיט די ציין פאַרביסן דעם קרעכץ.

איצט איז אים אַלץ קלאָר געווען. איצט האָט ער מיטאַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען. אי די באַדייטונג פון די ווערטער, וואָס ער האָט אונטערגעהערט באַנאַכט אויף דער לאַנקע, ווי ער איז גע־לעגן, אי דאָס צעשראָקענע אויסזען בעסיס, ווען זי איז אַוועק־געפאָרן...

אַ ווייטיק האָט זיך פאַרשטאָכן אין האַרץ. דער יום־טוב, וואָס האָט געזונגען אין אים די לעצטע וואָכן, האָט זיך איבערגעריסן, זיך אַריינגעגאָסן אין טרויעריקער וואָך. דערפילט, ווי ער וואָלט געווען שטאַרק אָפּגענאַרט.

— אַזוי הייסט עס... אַזוי גאָר ?! —

האָט זיך עס אין אים מיט צער געחזרט.

די ליכטיקייט אין אים האָט זיך אויסגעלאָשן. נאָר ווייטיק איז געבליבן.

דער כעס, וואָס האָט ביז אַהער געקאָכט אין אים אויף מאָ־ריסן, האָט געהאַט אינגאַנצן אויסגעוועפּט. איצט האָט ער אָן אים גע־דענקט אַזוי רויק. טרויער האָט אין אים געבליט...

* * *

שפעטער איז בעסי אַריינגעקומען שוין אַן אָנגעטוּענע, אַ צוגעקעמטע. אין האַנט האָט זי געטראָגן אַ גלאָז מילך און אַ טע־לער׳ל מיט עטלעכע „קרעקעס״. האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויסגעצויגן אַ פרומען בליק אויף דזשאָ׳ן און די שרעק אין איר האַרץ האָט זיך אויפגעקנוילט, זיך אַ גאָס געטון איבער אַלע גלידער.

דזשאָ האָט געשוויגן. האָט געקוקט אויף איר און אין די אויגן איז געווען שאַרפּס, פאַרשנדיק׳ס.

— וועסט טרינקען אַ גלאָז מילך ?!

— אַ ?

— יאָ... וועסט טרינקען.

זי האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן איר שרעק. האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מילך מיט די קרעקעס. איז צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט. געשטאַנען אַ ווײַלע אַ ריינע, געלייטערטע און געזאָגט :

— איך וועל דיר העלפן זיך אויפזעצן.

— כ׳וועל אַליין.

נאָר זי האָט אַרונטערגערוקט אירע הענט אונטער זיין פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ. זיי אַראָפּגעגליטשט ביזן האַלז. אים געהאָלפן אויפזעצן זיך. אָבער זיין האַלז האָט זיך איצט נישט אַזוי וואַרעם געטוליעט צו אירע הענט.

זי האָט אים דערלאַנגט די מילך מיט די קרעקעס. ער האָט געלאָזן געטרונקען, מאָדנע געקוקט. דער בליק זיינער האָט גע־בלאָנדזשעט. בעסי איז געווען צערודערט. געפילט : עס דערנעג־טערט זיך דאָס, פאַר וועלכן זי שרעקט זיך אַזוי זינט דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען. זי האָט אויך געשוויגן. מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצוברענגען. נישט געוווּסט וועלכעס וואָרט זי מעג פון די ליפּן

אראַפּלאָזן. געשטאַנען מיט עטוואָס געבויגענעם קאָפּ, בעוואַרט אויף אורטייל.

— פאַרוואָס שווייגסטו אַזוי, דזשאָ?

איר קול האָט טרערנדיק געציטערט.

ער האָט זיך פאַרקוקט אין פענצטער. געקוקט און גאָרנישט געזען, נאָר בלויז געפילט: דאָס געזאַנג איז מער נישטאָ אין זיין לייב. עס ווערט טונקל און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט די ליכטיקייט זאָל נישט אַוועק... אַ בלייכע האָפנונג האָט זיך געשאַרט פון אַ ווינקל: און אפשר... אפשר איז עס נישט אמת... ער האָט אויסגעקערט די בליקן צו בעסין.

— פאַרוואָס רעדסטו נישט, דזשאָ?

געלייטערטקייט איז אין איר געווען. זי איז גרייט געווען זיך אַראָפּלאָזן פאַר אים אויף די קני, זיך מתוודה זיין פאַר אים... איצט איז ער דער איינציקער, וואָס איז איר געבליבן. זי טאָר אים נישט פאַרלירן... דאָס גאַנצע לעבן האָט זי געזוכט. איצט ווייסט זי: אים האָט זי געזוכט... נאָר אים... זי קאָן אים נישט אָנווערן... ווי פינצטער איר לעבן וועט ווערן... אויף אייביק פינצטער...

— דזשאָ...

געבעט איז געווען אין איר קול.

דאַן האָט דזשאָ שטיל און פינצטער געפרעגט:

— איז עס אמת?

בעסיס פנים האָט פאַרגליווערט אין אַ ציטער.

— איז עס אמת, וואָס מאריס האָט געזאָגט?

בלאַסקייט האָט פאַרטרונקען בעסיס פנים. די אויגן זענען אויך בלאַס געוואָרן. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, נישט געוואָגט לייקענען און אַזוי שטיין געבליבן.

— אַ קינד פון אים אָפּגעוואָרפן!... צו אים... —

אַרויסגעלאָזט אַ שטילן קרעכץ און דער קאָפּ איז אים צוריקגעפאַלן אויפן קישן.

אויסגעלאָשן.

בעסי איז געשטאַנען פאַרגליווערט. געוואָלט עפּעס זאָגן און

נישט געקאָנט. מיטאַמאָל זיך אַ וואָרף געטון פאַר דזשאָס בעט. טרערן זענען אָנגעלאָפן אין די אויגן. זי האָט געציטערט, זיך גע־שטיקט מיט די אייגענע טרערן.

זי קען דזשאָ׳ן נישט פאַרלירן... איר לעבן איז פּוסט... נאַריש... די גאַנצע צייט האָט זי געבלאָנדזשעט... אים האָט זי דאָך געזוכט... איצט ווייסט זי... ווי־זשע קען זי איצט בלייבן אַליין...

פון דזשאָס אויגן האָט געקוקט שטומער, ביטערער צער. צער פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן, וואָס איז געבליבן אָן אַ וועג.

זי האָט אירע הענט געקלאַמערט אָן זיינע אַקסלען. אירע ליפּן האָבן זיך געדריקט צו זיינע. זיינע האָבן זיך נישט באַוועגט, נישט געוועדט, געבליבן קאַלט.

בעסי האָט עס גלייך דערפילט. האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דערזען אין זיינע אויגן גרויס רחמנות. און אַ שווייגנדיקע האָט זי זיך אויפגעשטעלט.

דאָ האָט זיך מיטאַמאָל שטיל געעפנט די טיר. בעסי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען די אַלטע קרובה. אירע אויגן האָבן זיך געגעבן אַ גיס־אָן מיט בייזקייט. די אַלטע קרובה האָט זיך גע־מאַכט נישט פאַרשטייענדיק און געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכט ער?

געקוקט אויף בעסין, וואָס האָט געשוויגן. געזען ווי זי איז צערודערט, האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען, די אויגן זענען געוואָרן קליין, שאַרף. זי האָט אָפּגעזיפצט צוגייענדיק צום בעט:

— נו, יאָסעלע? וואָס מאַכסטו, יאָסעלע? האַ?

דזשאָ האָט געקוקט אויף איר מיט ווייטיק.

— וואָס זשע שווייגסטו?

— בעסער.

— בעסער? גאָט צו דאַנקען...

ווידער אָפּגעקרעכצט. געשטאַנען מיט אַ ביסל אַ געהוי־קערטער פּלייצע. שטיל אָפּגעמאָסטן בעסין מיט אַ דינעם בליק.

— אוי, ווי איז מיר... אָט אַזוי שלאָגט מען זיך ? ווי די אמתע רוצחים!... און פאַרוואָס ? וואָס קאָן מען דאָ נישט אויס־קומען ?... צוויי ברידער... אייגן בלוט און פלייש... אַזוי זיך ממית זיין ?... ער האָט דיך דאָך געקאָנט דערהרגענען... ווי איז מיר... און צוליב וואָס ? פאַרוואָס ?

בעסי האָט מער נישט געקאָנט דאָ אייַנשטיין. האָט זי זיך אויסגעדרייט און שטיל אַרויס פון צימער.

— איז דיר בעסער, זאָגסטו ? אַ ?

דזשאָ האָט געשוויגן. דאָס רחמנות האָט געדריקט דאָס האַרץ... און וואָס וויל נאָך די אַלטע ? פאַרוואָס לאָזט זי אים נישט אַליין ?

— יאָ... בעסער...

די אַלטע האָט גענומען קוקן אויף אים מיט באַדויערונג. מיטאַמאָל אַ זאָג געטון:

— נו, און ישראל ? וואָס וועט זאָגן ישראל ?... דאַכט זיך, ברידער... פון איין טאַטע־מאַמע און אַזוי־אָ!... וואָס דאָ וועט זיך נאָך טון...

דזשאָ האָט געשוויגן. געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: די אַלטע זאָל אים פאַרלאָזן.

— נו ? האָסטו עס געדאַרפט ? האַ ?

דזשאָ האָט אַ קרעכץ געטון:

— וואָס ווילט איר פון מיר ?

— איך ? וואָס זאָל איך וועלן ? איך וויל עפּעס ? ס'איז נאָר אַ ווייטיק... אייגענע ברידער... און ישראל ? וואָס וועט ישראל זאָגן ?

דזשאָס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אומגעדולד און מיט בלייכקייט. האָט פאַרקלעמט די ציין און געוואַרט די אַלטע זאָל אַרויס.

ווען די אַלטע איז אַרויס, האָט ער פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. געלעגן אַזוי אַ ווײַלע. געוווּסט, אַז דער יום־טוב איז פאַרשוועכט. די ליכטיקייט — פאַרפינצטערט. וואָס וועט איצט זיין ?

צונויפגעדריקט די ברעמען אויף די אויגן. און אונטער זיי האָבן טרערן זיך געשפּאַרט און געזוכט אַן אויסגאַנג...

ט.

צוויי טעג איז דזשאָ געבליבן באַ זיך אין צימער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. ער איז געווען אויסגעבלייכט און צו זיין פּנים האָט זיך אומגעקערט די איידלקייט פון אַמאָל, מיט יאָרן צוריק איידער ער איז געוואָרן אַ פאַרמער. ער איז געווען אויסגעליידיקט פון דעם, וואָס בעסי האָט געהאַט אַריינגעבראַכט אין זיין לעבן, און פוסטקייט איז איצט אין אים געווען. צוזאַמען מיט דעם יום־טוב איז אויך אַוועק פון אים די צוגעבונדנקייט צו דער ערד און די פרייד פון דער ערד, וועלכע ער האָט די לעצטע יאָרן אַזוי פלייסיק באַארבעט. איצט האָט ער זיך געפילט אַזוי אַליין, ווי אַן איינציק ביימל אין פאַרשנייטן גלאַטן פעלד. האָט מער נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון זיין לעבן דאָ הינטער דער וואַנט פון היכּלע בערג, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און מענטשן. פאַר ווען און צוליב וואָס האָט ער די לעצטע יאָרן אַזוי שווער און אַזוי אימפּעטיק געאַרבעט? ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ שווערן היץ־שלאָף און פאַרשטייט: אַלץ איז געווען חלום און איצט — איצט ווייסט ער נישט ווו ער געפינט זיך...

די פאַרגרעבטקייט, וואָס די אַרבעט אין פעלד און באַ די בהמות, האָט אויף אים אַרויפגעצויגן ווי אַ דיקע הויט און פאַרשווערט דאָס טראַכטן פון זיין מח, האָט זיך איצט געהאַט פון אים אָפּגעשיילט. זיין זכרון האָט זיך אויסגעלייטערט: אין די טעג האָט ער אַ סך געטראַכט פון זיין קינדהייט אין יידישן שטעטל אין ליטע. האָט קלאָר געדענקט דאָס געשטאַלט פון פאָטער, וואָס איז

שוין געשטאָרבן און פון דער מוטער, וואָס איז דאָרט עלנט אין שטעטל פאַרבליבן. האָט דערפילט דעם ריח פון זיין יוגנט און פון צווישן די געשטאַלטן האָט אַרויסגעקוקט אַ יונג לענגלעך פנים מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געוואָלט געדענקען און נישט געקאָנט... איצט איז זי קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן: מאַשע... און נאָך אַ נאָמען האָט זי געהאַט: ראַפּעפּאָרט... צוזאַמען אין איין שול האָבן זיי געלערנט... אָפט האָבן זיי זיך געטראָפן... איצט איז צוריקגעקומען די אומרו פון יענע נעכט, ווען ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן און מיט קינדערישער פאַרשעמטקייט גע־טראַכט בלויז פון איר.

מאַשע... מאַשע ראַפּעפּאָרט...

דזשאָ האָט שטיל געשעפּטשעט דעם נאָמען. געפילט זיין טעם אויף די ליפּן און געקוקט מיט דעם פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ אין פענצטער אַריין. געקוקט מיט שטייענדיקע אויגן. געדענקט יענעם אָוונט, ווען ביידע האָבן זיך די הענט געדריקט און געשווירן איי־ביקע ליבע... ער האָט איצט נישט געשמייכלט פון דער קינדעריש־קייט פון יענעם אָוונט. די בענקשאַפט צו איר איז אויפגעגאַנגען לויטער און ליכטיק, האָט געריזלט אין לייב און די שוואַרצע צעפּ האָבן זיך אַזוי געוויגט איבער די שמאָלע פּלייצעס. דאָס גרינע גימנאַזיע־קליידל מיט דעם ווייסן קעלנערל האָט געזוונגען פון איר דינער פיגור אַראָפּ.

זיין געפיל האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דער דערמאַנונג און אַזוי געבליבן.

אין יענע טעג האָט דזשאָ אָפט געהאַלטן אויף זיינע קניען דאָס ציגאַרעטן־קעסטל, אין וועלכן ער האָט געהיטן זיין יחוס: דעם טאַטנס צוואה, וואָס מען האָט איבערגעשיקט אַהער צו די ברידער. די לעצטע בריוו פון פאָטער, אַ בריוו פון דער מוטער און אַ בילד פון דער שוועסטער, וואָס איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע. ער האָט לאַנג־זאַם געלייענט די צוואה. דעם פאָטערס קלוגע, שאַרפע אויגן האָבן אַרויסגעשמייכלט פון צווישן די שורות.

און אָט איז אַ פּונקט אין דער צוואה:

„אויב עס וועט זיך געפינען אַ שוטה אָדער גלאַט אַ נאַר, וואָס וועט הייסן מען זאָל מיך מספּיד זיין, זאָל מען אים נישט פאָלגן"...

דזשאָ האָט געשמייכלט און איצט פאַרשטאַנען דעם זין פון די ווערטער: וואָס ס'איז געשען, איז פאַרפאַלן. קלאָגן העלפט נישט. צו וואָס-זשע דאַרף מען זיך נאַריש מאַכן? איצט האָט ער געדענקט: דעם טאַטן האָט מען אין שטעטל גערופן משכּיל. געהאַלטן אים פאַר זייער אַ קלוגן, עפּעס אַ קליינקייט: ר' אברהם הערש! האָט ער טאַקע פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס עס איז אָפּגעטון — איז פאַרפאַלן...

דערנאָך האָט ער געלייענט דעם טאַטנס בריוו. אים איז אויסגעקומען, אַז דאַן, ווען די בריוו זענען אָנגעקומען, האָט ער זיי געלייענט און גאָרנישט פאַרשטאַנען. איצט ערשט פאַרשטייט ער דעם טאַטנס שאַרפקייט און דעם סאַרקאַזם זיינעם: „איר פאַרמאַגט אַ האָטעל, מיט לאַנד, מיט בהמות, נאָר איר — אַזוי שרייבט איר — מאַכט שווער אַ לעבן... אַ סברא, אַז אַמעריקאַנער מיליאָנערן דאַרפן אָנקומען נאָך צדקה... נאָר כּדי אָראָפּצונעמען פון אייך די שרעק, בין איך אייך מודיע: קיין געלט דאַרף איך נישט. קיין שטיצע פאַרלאַנג איך נישט..."

דזשאָ האָט געלייענט די בריוו און געפילט: עס פאַרוועבט זיך דער ריס, וואָס איז געווען צווישן די גאַנצע יונגע יאָרן און זיין איצטיק לעבן. און דאָס האָט אים געטרייסט. גרינגער געמאַכט...

בעסי איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען צו אים אין צימער. מיט שטילע טריט, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פון אַ זינדיקער איז זי צו אים אַריינגעקומען. האָט אויסגעזען רייַנער, פאַרטראַכטער. און מיט ליכטיקן צער אין די אויגן. דזשאָ האָט געפילט ווי דאָס האַרץ דריקט זיך אים צונויף פון רחמנות. געזען, אַז זי איז דערשראָקן, פאַרלוירן. נאָר זיין רחמנות האָט ער אין זיך געהאַלטן געפאַנגען, געבליבן שטיל און רויק.

— וואָס מאַכסטו דזשאָ?

— אַ דאַנק... איך בין אָלרייט.

— ביסט בלייך.

— דאָס איז גאָרנישט... ווען וועל איך שוין קאָנען אַראָפּ־נעמען דעם באַנדאַזש פון מיין קאָפּ?

— דער דאָקטאָר האָט געהייסן: כאָטש דריי טעג.

— צו וואָס? מיר טוט נישט וויי...

— פאָלג, דזשאָ.

— אָלרייט.

געבליבן מיט פריינדשאַפט און פרעמדקייט. ביידע האָבן גע־שוויגן. בעסי איז געווען צערודערט. געזוכט וואָס צו זאָגן און קיין ווערטער זענען נישט געווען. דאָס, וואָס האָט אין דזשאָ'ן געבערנט אַזוי שטאַרק מיט צוויי טעג צוריק, איז געווען פאַרלאָשן. עס האָט נאָך אין אים געררויכערט, אָבער דאָס איז געווען שטילע פריינד־שאַפט.

איז בעסי אַזוי געשטאַנען און די ברוינע אויגן האָבן גע־גלאַנצט מיט נאַסקייט פון טרערן. דזשאָ האָט עס געזען, האָט זיך געשטאַרקט, שטייף פאַרפרעסט די ליפן און גאָרנישט געפרעגט, ביז בעסי האָט זיך אויסגעדרייט, אַרויס פון צימער אָן ווערטער, זיך שטיל געשטיקט...

דזשאָ האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

דעם ערשטן טאָג נאָכן געשלעג, איז מאָריס נישט געווען אין האָטעל. מען האָט אים אין ערגעץ נישט געזען און קיינער האָט זיך אויף אים נישט געפרעגט. דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ פאַרשוואַרצט, נישט ראַזירט פנים, איבערן רעכטן אויג איז געשטאַנען אויפגעלאָפן אַ פאַרבלויטע בייל, אונטער די אויגן און אויפן האַלז זענען געלעגן שיניאַקעס, ווי פאַרבלויטע, דרימלענדיקע „גוסעניצעס". די אויגן — קליין, פאַרלאָשן. ער האָט זיך געשאַרט אין די ווינקלען, אויסגעמיטן מענטשן, גע־טראָגן די בושה ווי אַ האָרב אויף די פלייצעס, האָט מיט שרעק געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטון. איצט האָט ער עס נישט פאַרשטאַנען: ווי אַזוי? ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? און וואָס וועט ווייטער זיין? איזראַעל וועט קומען, וועט זיך פון אַלעם דערוויסן...

דזשאַ האָט נישט געפילט קיין שנאה צו מאריסן. איצט איז זיין בלוט געווען איינגעשטילט און ער האָט געפילט אַ מאָדנע דאַנקבאַרקייט צו מאריסן: איצט וועט ער דאָך קאָנען קוקן איזראַעלן אין פנים אַריין... און זיינע ביינער איז איצט קיין בושה נישט געווען. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אומעט... געפילט האָט ער זיך ווי אַ מענטש, וואָס איז שטאַרק מיד נאָכדעם, ווי ער איז אַנטרינען געוואָרן פון אַן אומגליק... און מאָדנע: אויסגעקומען איז, אַז פון אומגליק האָט אים אָפּגעראַטעוועט מאריס... ער האָט אויך געוווּסט: אַן איינגעפונדעוועט לעבן האָט זיך איבערגעבראָכן. איצט וועט אַלץ אַנדערש זיין. עפּעס וועט מיט אים פּאַסירן... ווייטער אַזוי לעבן, ווי ער האָט געלעבט, וועט ער נישט קאָנען. עפּעס וועט ער דאַרפן טון. וואָס אַזוינס? דאָס האָט ער נאָך נישט געוווּסט... דערווייל דאַרף מען זיך נעמען צו שניידן די פעלדער. אַלץ דאַרף זיין אין אָרדנונג... מיט די קאַרטאָפל האָט מען נאָך צייט, די תבואה אָבער מוז מען גלייך אַראָפּנעמען.

אויפן דריטן טאָג — נאָכן געשלעג — האָט זיך דזשאַ אויפגעכאַפּט באַגינען, דערהערנדיק אַ שטאַרק מרוקען פון די בהמות. מיט ווייטיק האָט זיך דאָס מרוקען געטראָגן פון דער לאָנקע און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען: די בהמות שטייען מיט פולע שווערע אייטערס, די מילך שפּאַרט שטאַרק. וואָס זשע? האָט מען זיי נעכטן פאַרנאַכט נישט געמאָלקן?

דאָס מרוקען איז איבערגעגאַנגען אין אַ מוראדיק רעווען, וואָס האָט זיך געריסן הייזעריק, מיט שטום געוויין אין באַגינען אַריין. ער איז אַראָפּ פון בעט. האָט גלייך אויסגעוויקלט דעם קאָפּ פון די באַנדאַזשן, געכאַפּט אַ קוק אין אַ קליין שפּיגעלע און געזען: זיין פנים איז אַן אַנדערס. דאָס פנים פון אַמאָל... האָט דערפילט דעם ריח פון זיין פריער יוגנט... געזען ווי אויפן קאָפּ איז אים אויפגעמאָלט צוויי רעדלעך און אויף זיי ליגן גרויסע פלאַסטערס. האָט ער אָנגעטון דאָס היטעל און איז אַרויס פון האָטעל.

דאָס רעווערײַ פון די בהמות האָט געריסן די לופט. ווי טונקעלע שטראָמען האָט עס געפליצט און דערגרייכט דעם האָטעל.

איז ער גלייך אוועק אויף דער לאַנקע, געפונען דאָרט די מילך־קאַן אַ ליידיקע. די בהמות אים דערזעענדיק האָבן זייער רעווען איינגעהאַלטן, זענען געשטאַנען מיט הינטערשטע צענומענע פיס און די אייטערס זענען געווען אויפגעבלאָזן צום פּלאַצן...

* *

*

פרייטיק פאַרנאַכט איז איזראַעל געקומען צו פאָרן און האָט גלייך דערפילט: עפּעס האָט דאָ פּאַסירט: די געסט, וואָס זענען געזעסן אויף דער טעראַסע האָבן אים באַגעגנט מיט שטילע מאָדנע בליקן. מיידלעך גייענדיק פון טייך, האָבן אויפגעהערט צו לאַכן, זיך אָפּגעשטעלט מיט נייגיריקייט און מיט וווּנדער. וואָס זשע קוקן זיי אַזוי אויף אים? עפּעס אַ מין רחמנות איז אין זייערע בליקן!

אויפן פּלאַץ איז געשטאַנען מאַריס. אַ פאַרבייפאָרנדיקע מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט צו נעמען גאַזעלין. איזראַעל האָט אים כמעט נישט דערקענט: עפּעס איז עס יאָ מאַריס און נישט מאַריס. ווי ער זעט דאָס אויס! וואָס זשע? האָט זיך מיט עמעצן געשלאָגן?...

מאַריס איז געשטאַנען ווי ער וואָלט איזראַעלן נישט געזען. פאַרלוירנקייט האָט פון אים געשריגן.

— עפּעס האָט פּאַסירט...

איזראַעל האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן פּנים צום האָטעל. אים באַטראַכט מיט בליק פון אייגנטימער, וואָס וויל אויסגעפינען צי זיין אייגנטום זעט אויס פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט. אַ טראַכט געטון: איצט דאַרף מען דעם האָטעל שוין גוט אין זינען האָבן. ס'איז שוין נישט מער קיין ווייטיקע פּרנסה... ווען ער האָט זיך דערנאָך אויסגעדרייט און דער רוף: „מאַריס" איז אים שוין געלעגן גרייט אויף די ליפּן — האָט ער שוין מאַריסן נישט געפונען.

די בליקן פון די געסט זענען נאָך אַלץ געווען אויף אים.

צערודערונג האָט אויפגעשאַרכט אין זיין לייב. אין האַרץ האָט אַ קילקייט דורכגעבלאָזן ווי האַרבסט־ווינט און דערפאַר האָט ער זיך דווקא נישט געאיילט... ס׳וועט נישט אַנטלויפן... אַן עקשנות איז אין אים געווען צו בלייבן רויק, זייער רויק... ער האָט זיך בלויז דערמאָנט דער אַלטער קרובהס ווערטער:

„אייגענע ברידער... און בייסן זיך ווי די הינט"...

ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער טעראַסע מיט די פעקלעך אין די הענט, גרייט אַריינצוגיין אין הויז, איז אים די אַלטע קרובה אַנטקעגנגעקומען. ס׳האָט אויסגעזען: זי איז געשטאַנען הינטער דער טיר און געוואַרט, ווי נאָר ער וועט צוקומען זאָל זי אים אַנטקעגנגיין. זי האָט געהאַט אַ פּנים ווי זי וואָלט געקומען צו אַ באַקאַנטן מענטש אים מנחם אבל זיין. טרויער איז געלעגן אויף די ליפּן און פאַרבאָרגענער רחמנות אין די אויגן.

— העלאָ.

— העלאָ, ישראל!

די אַלטע האָט דורך אַזאַ מאָדנע שטיל זיפצל נעגעבן צו וויסן, אַז עס איז נישט גוט. אַז ס׳איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט...

האָט שוין ישראל אַ פרעג געטון:

— און וואָס הערט זיך דאָ?

גלייך האָט אים באַנג געטון זיין פרעגן. מחמת די אַלטע האָט זיך שטיל אַרומגעקוקט און אויפסניי אָפּגעזיפצט, האָט די עקשנות אין אים אַ געשריי געטון און ער האָט פאַרענדיקט די פראַגע מיט:

— וואָס מאַכט איר?

— איך? וואָס זאָל איך משטיינסגעזאָגט מאַכן?

— ס׳איז שבת... זיפצט נישט.

און ער איז אַריין אין האָטעל, איבערלאָזנדיק די אַלטע מיט איר שפּיציקער פאַרטראַכטקייט.

אים האָט פאַרוואונדערט צו טרעפן בעסין אין צימער. זי איז נעזעסן אַ שטילע, אין שטול, אַ צונויפגעקאָרטשעטע, און געקוקט

אין פענצטער. געקוקט מיט פאַרגליווערטן יאוש. פון איר פנים האָט די זאָרג אָן קול אַראָפּגעוויינט. אים דערזעענדיק, האָט זי זיך נישט אויפגעשטעלט. די שטילקייט אין איר האָט זיך נישט פאַרענדערט.

— העלאָ.

ער האָט נישט געהאַט קיין ענטפער. זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ ביסל וווּנדער, ווי אַ פרעמדער וואָלט עס אַריינגעקומען.

האָט אַרויסגעלייגט די פעקלעך פון די הענט, אָפּגעצויגן דעם אָטעם, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זי אָנגעקוקט מיט אַ דינעם, לאַנגן בליק. גלייך צוריקגענומען די אויגן און זיי זענען געבליבן אויסגעשטעלט אין ליידיקייט.

מען דאַרף זיין רויק... זייער רויק...

— וואָס מאַכן די קינדער

— אָלרייט.

— און ווי פילסטו אַליין?

— אָלרייט.

— און וואָס הערט זיך דאָ?

זי האָט געשוויגן. נישט געוווּסט צי דאַרף זי ענטפערן און וואָס ענטפערן. די ברעמען האָבן זיך געקאָרטשעט. די אויגן זענען געוואָרן אומרויק. האָט ווידער דערזען זיין שאַרפן, דינעם בליק און זי האָט לייכט אָפּגעהוסט.

— ווילסט מיר נישט ענטפערן?

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן?

— וואָס הערט זיך דאָ?

— וואָס ווילסטו זאָל זיך הערן?

ער האָט אָפּגעשוויגן. אין אים האָט עס אַ טראַכט געטון: סאַר אַ פרעמדקייט... ער האָט איצט נישט פאַרשטאַנען נאָכוואָס ער איז אַהערגעקומען. נאָכוואָס ער האָט די פעקלעך געבראַכט. וואָס האָט ער דאָ צו טון? ער האָט פאַררוקט די הענט אין די הויזקעשענעס, דעם קאָפּ אַ ביסל געבויגן, נאָר דעם זיפץ האָט ער פון האַלז נישט אַרויסגעלאָזט: רויק... זייער רויק...

— די תבואה האָט מען די וואָך שוין געשניטן?
— ניין.
— פאַרוואָס זשע?
— ווער האָט געזאָלט שניידן?
— ווער? וואָס הייסט ווער? דזשאָ האָט דאָך געזאָגט, אַז די וואָך שניידט מען?

בעסי האָט זיך געגעבן אַ שטעל-אויף. דאָס פּנים איז פאַרלאָפן מיט בייזקייט און וואַגונג:

— דזשאָ איז נעכטן אַראָפּ פון בעט.
— וואָס? וואָס הייסט?

אַזוי הייסט. האָסט דאָך אַ ברודער מאריס? יאָ, צי ניין? נו, האָט ער אים דעם קאָפּ צעלעכערט... האָר אים שיער דערהרגעט... אַ דאָקטאָר געבראַכט...

איזראַעל איז געשטאַנען מיט גרויסע פאַרפרווירענע אויגן, די באַקן זענען אים געוואָרן ווייכער, נאָכגעלאָזטער: וואָס זשע? וואָס זשע האָלט זי אַזוי שטאָל און אייזן פאַר דזשאָ׳ן?

בעסי האָט גערעדט מיט ביטערניש. אָפּגעהאַקט, שטיקנדיק זיך:

— ווי אַ רוצח... ווי אַ כוליגאַן איז ער אים באַפאַלן.... האָט אים שיער געטויט... בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער... זי קאָן אים נישט אָנקוקן דעם רוצח! זאָל ער אַוועקגיין פונדאַנען! אַ ווילדע חיה איז ער... אָ-אָ-אָ!

זי האָט צונויפגעדריקט די פויסטן. געציטערט.

— אָבער... פאַרוואָס? ס׳מוז דאָך זיין פאַר עפּעס?

איינגעהאַלטן מיט עקשנות זיין רויקייט.

איין ווײַלע איז בעסי גרייט געווען אַלץ צו דערציילן, אַלץ — און אַ סוף זאָל עס נעמען. אין איר האָט נאָך אָבער געצאַנקט אַ שטילע האָפנונג אויף דזשאָ׳ן און זי האָט דעריבער געענטפערט:

— פאַרוואָס? וואָס ווייס איך?
— דו ווייסט גאָרנישט?

זי האָט אַ בליק געוואָרפן צו זיין פּנים. האָט זיך נישט

דערשראָקן. • חייטיק האָט אַ שווערן סאָפּע געטון פון איר. דאָס הארץ האָט אין צוואַנגען אַ צאַפּל געטון מיט רחמנות צו זיך אַליין. חרטה האָט געזאָטן אין אירע גלידער: ווי אַזוי האָט זי גאָר געקאָנט אפילו רעדן צו אָט דעם רוצח... די אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן: וואָס קאָן זי וויסן וואָס? זי ווייסט נאָר, אַז מאריס איז אַ חיה... אַ ווילדע חיה... שוין צוויי יאָר, אַז ער פּאַרפאָלגט זי... אַז ער גייט איר נאָך ווי אַ רוצח... האָט זי דען נישט דערציילט איזראַעלן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק? איז ער דאָך אָבער שטענדיק פאַרנומען מיט ביזנעס און מיט פּלענער ווי אַזוי רייך צו ווערן... איז נישטאָ קיין צייט זיך צוצוהערן... האָט ער דאָך נישט געגלייבט... האָט זי אויפגעהערט צו דער־ציילן... רעד, אַז יענער האָט פאַרשטאָפּטע אויערן?!... אָבער פאַר דעם רוצח האָט זי זיך גענומען היטן... האָט די רציחה זיך צעקאָכט אין אים און —

זי האָט געגעבן אַ פאַרשטעל דאָס פּנים מיט ביידע הענט. פּיין און חרטה האָבן געשריגן פון איר אַרויס. צו וואָס האָט זי גאָר געדאַרפט קענען דעם רוצח?... צוריק אַראָפּגענומען די הענט פון פּנים. אין די ווינקלען פון די אויגן זענען געלעגן נאַסע פלעקן. איזראַעל איז געשטאַנען אַ פאַרפרוירענער אין שרעק. נישט געהאַט קיין כוח צו פאַרשטיין, וואָס מען רעדט צו אים.

— — — האָט זיך איר פאַרגלוסט צו זען די צייטיקע פעל־דער... איידער מען שניידט... גאַנצע טעג איז מען פאַריאָגט... פאַראַרבעט... האָט זי פאַרנאַכט געוואָלט אַרויסגיין אין פעלד... איז זי געגאַנגען מיט דזשאָ׳ן... צוריקגייענדיק איז דער רוצח זיי אַנטקעגנגעקומען. האָט גענומען זידלען, באַליידיקן... זי גערופן מיט די שענדלעכסטע נעמען... האָט זיך דזשאָ אָנגענומען... נישט געקאָנט צוהערן... איז געוואָרן אַ געשלעג...

— דזשאָ האָט זיך אָנגענומען?

צי האָט ער עס גלאַט געפרעגט אָדער האָט זיך געוווּנ־דערט? געשטאַנען איז ער אַ פאַרלוירענער. געפילט, אַז ער איז דערטרונקען אין בלינדקייט ביזן האַלז, אַז ער ווייסט נישט, וואָס

עס טוט זיך אַרום אים... אַז מען נאַרט אים כּסדר... אַז מען פֿאַר־רעדט אים.

ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געפֿרעגט. דער חשד, וואָס איז אין אים איינמאָל דערוועקט געוואָרן איז שוין איצט געזעסן אין גאַנצן לייב. זיך געשפּאַרט פֿון אַלע זייטן צום האַרץ, וואָס קאָרטשעט זיך אין ווייטיק.

— אַזוי...

דאָס וואָרט האָט ער אַרויסגעזיפּצט. ווידער איז נישט געווען צו פֿאַרשטיין צי דאָס זיפֿצט ער סתם אָפּ אָדער דאָס איז אָפּגע־חוזקט. געקוקט מיט אַזעלכע בליקן, אַז בעסי האָט געפֿילט: זיי שטעכן איר הויט.

— האָט מען זיך צעשלאָגן... מילא...

בעסי האָט שווייגנדיק געקוקט אויף אים. אונטער דער הויט פֿון זיין פּנים איז בושה געווען אויסגעגאָסן. זיינע ווייכע ליפּן זענען געווען צונויפֿגעלייגט מיט פֿאַרביסנקייט.

בעסי האָט דערפֿילט אַן איבל. קיינמאָל נאָך איז ער איר נישט געווען אַזוי פֿרעמד און מיאוס ווי איצט.

לסוף האָט ער אַ זאָג געטון:

— פֿון איצט אָן, וועל איך שוין דאָ זיין.

זי האָט אים גאָרנישט איבערגעפֿרעגט. ער האָט אַליין צו־געגעבן:

— כ'האָב אויפֿגעגעבן די שטעלע.

האָט געקוקט אויף איר און נישט באַמערקט אין איר קיין ענדערונג. זי איז געבליבן אַזוי, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט גע־הערט, וואָס ער האָט געזאָגט...

י.

[illegible] שטילער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, האָט דושאַ גאַנצע טעג געאַרבעט אין פעלד. די זון האָט כסדר געברענט אין פּנים, באַר די איידלקייט, וואָס איז אויף דעם אויסגעוואַקסן אין דער לעצטער צייט, האָט זי נישט אַראָפּגעברענט. ער האָט כסדר געטראַכט וועגן די קומענדיקע טעג. געפילט, אַז די ערד טוליעט אים שוין נישט צו זיך. געווען צופרידן מיט דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט און געוווסט: ער דאַרף פאַרענדיקן מיט דער אַרבעט אין פעלד. און דערנאָך? דערנאָך וועט ער שוין דערזען זיין וועג. אין זיך האָט ער שוין געפילט דעם וועג, כאָטש מיט די אויגן האָט ער אים נאָך קלאָר נישט געזען.

אין פעלד מיט אים איז אויך געווען איזראַעל, וואָס איז אין שטאָט אַריין שוין נישט צוריקגעפאָרן. ער האָט צוגעהאָלפן בינדן די סנאָפּעס און אויסגעזען שרעקלעך מיד. ער האָט אויך געשוויגן, באַר אין זיין שווייגן איז געווען די פאַרביסנקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך באַשלאָסן מער פון זיין וועג נישט אָפּצוטרעטן. אויסגעזען האָט: דער צער פון זיין לעבן איז אין אים פאַרגליווערט געוואָרן און ער ווייסט: אייביק וועט ער שוין דעם צער טראָגן. קלאָגט ער זיך נישט פאַר קיינעם. רעדט נישט אַרויס זיין ווייטיק. ער האָט שטאַרק געשוויצט בא דער אַרבעט. זיין העמד איז געווען באַדעקט מיט גרויסע נאַסע פלעקן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. די געדוּנגענע אַרבעטער האָבן שמייכלענדיק זיך איבערגעווונקען, צוקוקנדיק ווי שווער ער באַוועגט זיך, בייגט זיך לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט זיך געבראָכן. רוט אַלע ווײַלע אָפּ, ווישנדיק דעם שווייס פון שטערן, אַרויסלאָזנדיק שווערן אָטעם.

דערפאַר, וואָס איזראַעל האָט זיין צער געטראָגן אין זיך פאַרגליווערט, האָט ער דזשאַ׳ן נישט געפרעגט גאָרנישט וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט. דערפאַר טאַקע איז ער דזשאַ׳ן נענטער געוואָרן און ער האָט מיט רחמנות געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס רעדן מיט דעם אומגליקלעכן ברודער. געהאַט אַ באַדערפעניש אים גרינגער צו מאַכן זיין צער. נאָר וואָס זאָל ער אים זאָגן?

איינמאָל פאַרנאַכט, צוריקגייענדיק פון פעלד, האָט איזראַעל, אַלץ קוקנדיק אין ווייטקייט, אַ זאָג געטון:

— דאָ פאַרבלייב איך שוין.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. איזראַעל האָט געזען ווייכקייט, היימישקייט אין ברודערס אויגן. זיי האָבן געקוקט אויף אים ריינע, קלאָרע, פול מיט מיטגעפיל. האָט ער דערפאַר אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— גענוג שוין צו זיין אייביק פאַרנומען און אַרומגיין ווי אַ צעדולטער.

דזשאָ האָט דערפילט אַ שרעק דערפון:

— בלייבסט דאָ אויפן ווינטער?

— יאָ... איך בין דאָך שוין נישט אויף דער שטעלע.

— כ׳ווייס...

אין אַ ווײַלע אַרום, האָט איזראַעל צוגעגעבן:

— מאריס וועט דאָ נישט בלייבן... ער פאָרט אַוועק.

דזשאָ האָט שטיל אַ זאָג געטון:

— ער איז אַן אויסוואורף! זאָל ער גיין...

מער האָבן זיי נישט גערעדט. ביידנס בליקן האָבן זיך נאָך אַ פּאָר מאָל צוזאַמענגעשלאָגן, נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו רעדן.

מאריס האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום האָטעל, ווי אַ פרעמדער, וואָס באַהאַלט זיך כּסדר אויס מען זאָל אים נישט כאַפּן. ער האָט זיך וואָס ווייניקער געוויזן אויף די אויגן, האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און ס׳האָט אויסגעזען: ער האָט פאַרטראַכט עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך.

אין האָטעל איז שטומע פרעמדקייט געוואַקסן. בעסי האָט

זיך שוין זעלטן געוויזן אין „דיינונג-רום“ צווישן די געסט. אז זי איז יאָ אַהין אַריין, האָט זי מיטגעבראַכט אַ שטיל-לײַדנד פּנים. האָט גערעדט מיט עפּעס אַן אַנדער קול און קיין געלעכטער האָט מען פֿון איר נישט געהערט. זענען די געסט אויך שטיל געוואָרן און נייגיריקע בליקן האָבן זי נאָכגעפאָלגט.

אין די פאַרנאַכטן, ווען איזראַעל איז אַריין אין צימער, האָט ער זי געטראָפן זיצן אַ שטילע, ווי זי וואָלט ביזן האַלז געזעסן אין געדיכטן שאָטן און געוואַרט אויף דערלייזונג. איינמאָל האָט ער די געטראָפן אַ פאַרוויינטע, איז ער געבליבן שטיין, געקנייטשט דעם שטערן, געפילט: אין האַרץ בויערט טעמפּער ווייטיק.

— האָסט געוויינט?

זי האָט נישט געענטפערט.

— ענטפערן מעגסטו דאָך?!

באַלד דערפילט: איר בליק איז אַ פרעמדער. שטעכט אים דאָס לייב. כּעס האָט אויף אַ ווײַלע אַ קאָך-אויף געטון, האָט זיך געגעבן אַ שפּאַר צום האַלז, נאָר ער האָט פאַרביסן די ציין און דעם כּעס צוריקגעשטויסן.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

— כ'האָב נישט וואָס צו ענטפערן.

האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און אַרויס פון צימער.

איזראַעל האָט איר נאָכגעקוקט. געשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט געוווסט וועמען ער באַדויערט, בעסין, וואָס איז אַ תּל געוואָרן לעצטנס, צי זיך אַליין...

מיט דזשאָ'ן האָט זי זיך אָפּט צוזאַמענגעטראָפן. געקוקט אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן. זיין פּנים איז געווען מיטפילנדיק, אָבער יענע ליכטיקייט און יענער יובעל איז אין זיינע אויגן נישט געווען. זי האָט געזוכט זיך צו טרעפן מיט אים אַליין, ס'האָט אויסגעזען אָבער, אַז דזשאָ היט זיך דערפאַר. מיידט ער זי אויס.

אין האָטעל האָט די שטילקייט, צעריסנקייט שווער געדריקט זענען די געסט געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. איז די שטילקייט געוואָרן אַלץ געדיכטער און שווערער.

*

*

דער זומער איז שוין געשטאַנען אַן איבערגעוואַקסענער. האָט זיך געבויגן צו זיין אויסגאַנג. די אַרבעט אויף די פעלדער איז געווען פאַרענדיקט. ליידיקייט האָט פון זיי געטריבן ריח פון האַרבסט, וואָס דערנענטערט זיך אַהער פון ווייטע וועגן. די טעג זענען געוואָרן קירצער, שטילער. די פאַרנאַכטן זענען געקומען קילע, געטראָגן מיט זיך פרעמדע עכאָס. די מערסט געסט זענען זיך צעפאָרן. די, וואָס זענען געבליבן, זענען געווען עלטערע מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט שווייגנדיקע געלאָשענע אויגן. די שטילקייט אין האָטעל האָט שוין געלאָקערט פון אַלע ווינקלען און דאָס געשריי פון די לאָנקעס איז געוואָרן איינגעהאַלטענער, טעמפּער. דער טייך איז שוין געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, זיך געגרייט איינצודרימלען. דזשאָ איז די טעג שעהן לאַנג געזעסן באַם טייך אָדער אויף דער טעראַסע. געזעסן אַ שטילער, אַ פאַרבענקטער. געפילט: ער איז אויסגעוואָרצלט פונדאַנען. מיט דער ליכטיקייט, וואָס איז געווען אין אים אויפגעגאַנגען און זיך אויסגעלאָשן — איז ער דאָ פרעמד געוואָרן. דאָ קאָן ער מער נישט בלייבן. בעסיס צער לייגט אַרויף אַזאַ שווערקייט אויף זיינע אַקסלען...

ער האָט געקוקט אויף דעם הויכן פאַרשטיינערטן באַרג, וואָס איז געשטאַנען באַם וועג און אים איז אויסגעקומען: ער איז פאַרשלאָסן הינטער אַ הויכער וואַנט, וואָס האַלט אים שוין יאָרן אָפּגעטיילט פון דער וועלט און פון זיין פריידיקער יוגנט...

אין יענע פאַרנאַכטן האָט ער געפילט זיין נאָענטקייט צו יענע יאָרן, פון וועלכע דער באַרג האָט אים פאַרשטעלט. דאָס ליכטיקע געשטאַלט, וואָס ער האָט מיט זיך די גאַנצע צייט געטראָגן אַליין נישט וויסנדיק דערפון — האָט זיך צוריק באַוויזן פאַר די אויגן:

— מאַשע!...

און איינמאָל פאַרנאַכט. איז ער געזעסן באַם טייך פאַרזונקען אין זיין טראַכטן, איז בעסי אַרויסגעקומען פון האָטעל, זיך געלאָזט גיין צו אים מיט שטילע טריט און פול האַרץ. געוואָלט אויסהייבן פאַר אים איר לעבן, בעטן פון אים, טענהן פאַר אים. . . צוגעקו- מען, געבליבן שטיין. דזשאָ האָט אויפגעהויבן די אויגן, געפילט דאָס געבעט, וואָס גייט-אויף פון איר. זיין האַרץ האָט זיך צוזאַ- מענגעקאַרטשעט. געפילט דאָס לייב ציטערט. דערפאַר האָט ער זיך דערשראָקן און גאַרנישט געזאָגט.

— דזשאָ. . . פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט צו מיר ?

זי האָט זיך געזעצט לעבן אים. ער האָט געהערט דאָס גע- וויין פון איר לייב, געדענקט ווי איזראַעלס פּנים איז שטום און טויט, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— איך. . . איך בין נישט שלעכט. . .

דאַן האָט זי געזאָגט:

— ווייסט, דזשאָ: מיר בלייבן דאָך דאָ אויף ווינטער. . .

האָט דזשאָ אַ ווײַלע געשוויגן, געפילט, אַז ער דאַרף זיך אין בעסין ראַטעווען, האָט ער אַ זאָג געטון:

— און איך גיי אַוועק.

ערשט אין דער מינוט איז אים קלאָר געוואָרן דער וועג, אויף וועלכן ער דאַרף גיין. געוווסט: דער באַשלוס איז שוין לאַנג אין אים.

— גייסט אַוועק? וווהין?

— איך ווייס נישט. . . פונדאַנען גיי איך אַוועק.

בעסי איז געבליבן ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון. די לעצטע האָפנונג איז פאַרלאָשן. פינצטערקייט לאָזט זיך אַראָפּ און הילט איין דאָס לעבן. קיינמאָל אין לעבן האָט זי אַזוי נישט געפילט. . .

זי האָט גאַרנישט גערעדט. פון האָטעל האָט זיך דערהערט אַ קינדעריש געשריי: האָט גערופן די מוטער. בעסי איז אויפ- געשטאַנען, אָפּגעקרעכצט, זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס, מיט געלאַסענע טריט זיך גענומען דערווייטערן.

דזשאָס האַרץ האָט געציטערט פון ווייטיק. נאָר געוווסט האָט

ער: ער וועט שוין דאָ נישט בלייבן. נאָך די וואָך גייט ער אוועק פונדאַנען...

— — — — — — — — — — — — — — —

דעם טאָג ווען דזשאָ האָט צונויפגעפּאַקט זיינע זאַכן, איז בעסי געווען רויק. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן דעם גורל. זי האָט דזשאָ'ן געהאָלפן איינפּאַקן זיינע זאַכן, האָט אים אַלץ צוגעגרייט אין וועג אַריין. איזראַעל איז אַרומגעגאַנגען צערודערט. געפילט, אַז מיט דזשאָ'ס אוועקגיין וועלן זיינע פּלענער צעפאַלן. אַז מיט זיין אוועקגיין ווערט אַלץ חרוב. נאָר גערעדט האָט ער גאָרנישט. נישט געפּרוּווט ווירקן אויף אים ער זאָל בלייבן. האָט אים געגעבן אַ סומע געלט און געוווּסט: אַלץ טונקלט...

ווען בעסי איז אַ ווײַלע געבליבן אַליין מיט דזשאָ'ן אין זיין צימער — איז זי פּלוצלינג צו אים צוגעגאַנגען, האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, אים צוגעטוליעט צו איר ברוסט. געשוויגן. דערנאָך אים אַ קוש געטון אין פּנים. מיט פרומקייט אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך וועל דיך נישט פאַרגעסן... קיינמאָל נישט.

און געוווּסט: דאָס איז איר ערשטע און איינציקע ליבע.

דזשאָ האָט געזען ווי אין אירע אויגן שטייען טרערן. האָט ער זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות צו בלייבן אָפּגערוקט פון איר.

באַטאָג האָט דער נעגער דזשים אָפּגעפירט דזשאָ'ן צו דער נאָענטער באַן-סטאַנציע.

פילאַדעלפיע, 1926

פרעמדקייט

שטיל געעפנט די טיר. איבערגעטרעטן די שוועל און גע־טראָפן פרעמדקייט אין אייגענעם צימער... די ווענט זענען גע־שטאַנען טונקעלע, אומבאַקאַנטע. אין די פענצטער איז איינגעהוי־קערט געזעסן גרויער אָוונט. ריח פון נישט־באַוווינטקייט האָט שאַרף געאָטעמט פון קילער ליידיקייט, און די זינגערין סניעגורינאַ האָט מיט דינעם פאַרביסענעם טרויער אַ טראַכט געטון:

— דאָ וווין איך.

אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען אין מאַנטל און אין דער מיד־קייט, פון גאַס מיטגעבראַכט. דער פאַרנאַכט האָט הינטיש, שווער סאָפּענדיק אַרומגעשמעקט איר גלייכן, שלאַנקן גוף. אין די טריט איז געזעסן די פייכטקייט פון רעגנדיקן דרויסן: זי זאָל זיך נאָר נישט האָבן פאַרקילט.

האָט אָפּגעהוסט, און פון צימער האָט עס צוריקגעהוסט. אַ דריק געטון דאָס קנעפּל אין וואַנט, און דאָס עלעקטרי־לעמפּל אויפן שווערן, שוואַרצן טיש האָט זיך געגעבן אַ זופּ־אָן מיט ליכ־טיקייט. דער גרויער אָוונט אין פענצטער האָט אַ ציטער געטון און שוואַרץ געוואָרן. דער ריח פון נישט־באַוווינטקייט איז געוואָרן שאַרפער.

זי האָט אויסגעטון דאָס מאַנטל, נאָר די מידקייט איז גע־בליבן שווער ליגן אויף די אַקסלען. דאָס צימער איז אַלץ ברוגז

און פרעמד. ווי אומגעלומפּערט הויך און קאַלט די ווענט שטייען; די טונקלקייט אין די ווינקלען שעפּטשעט פּאַראַכטונג. און דאָס בעט — אַ פרעמד־בעט, אַ האָטעל־בעט, שטייט מיט אַ פאַרביסן שמייכעלע: קאָנסט זיך אַוועקלייגן, אויב דו ווילסט; איך שטעל זיך נישט אַנטקעגן, אָבער איך וואַרט נישט אויף דיר... איך טראַכט נישט פון דיר... איך בין קיינעמס נישט און יעדערער קאָן זיך מיט מיר באַנוצן...

לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפן איבער דער פּלייצע: נישטאָ צו וואָס זיך צוצוטוליען.

סניעגורינאַ האָט זיך אַריינגעזעצט׳אין דער ברייטער שוואַרץ־סעראַטענער שטול. אַ ריח פון פאַרעלטערטקייט און פאַרהוילענער אָרימקייט גייט־אויף פון דער שטול. סניעגורינאַ האָט זיך צונויפ־געקאַרטשעט, מיטן האַלז געפילט די אייגענע אַקסלען, און דער רחמנות צו זיך אַליין איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל־ציטערדיק געוויין, ווי עס וויינט גאָר שטיל אַ באַליידיקט, צעפּיעשטשעט, פאַרבלאָנדושעט קינד.

— וואָס-זשע וועט פון דעם ווערן?

וווהין גייט זי דאָ, אין דעם פרעמדן, איבערגעזעטיקטן קאַלטן לאַנד? צו וואָס וועט דער וועג דערפירן? זי איז אַנטלאָפן פון דאָרט, ווו הונגער האָט געלאַכט איבער גאַסן... און דאָ — מאָרגן וועט זי גיין זינגען אין אַ „לאַדזש־האָל". וועט זי שטיין פאַר קיי־לעכדיקע, גלאַנציקע פּנימער און זינגען... דער מענעדזשער האָט עס איר אַזוי באַרימעריש אונטערגעטראָגן:

— איך האָב פאַר אייך אַן אויפטריט...

האָט דערביי געהאַלטן דעם קאָפּ עטוואָס געבויגן און זייער איידל אונטערגעשמייכלט:

— ס'איז אַ פיינע „לאַדזש"... רייכע לייט...

— אין אַ „לאַדזש" גאָר?

זיין שמייכל איז געוואָרן אַ באַדויערנדיקער און מיט באַהאַל־טענער גיפטיקייט:

— זיי באַצאָלן... נו, אין אָפּערע איז געוויס אינטערע־סאַנטער.

יאָ, זי וועט זינגען: די באַלעבאָסטע, באַ וועמען זי וווינט איז דאָך לעצטנס געוואָרן אַזוי אויפמערקזאַם צו איר; אָט באַלד װעלן זיך דערהערן די ווייכע געלאָסענע טריטעלעך, ווי זי וואָלט אָפּ־געציילט די צאָל זייערע... וועט אָנקלאַפּן אין טיר און אַריינ־קומען מיט אַן ערנסט רחמנות־פּנים און מיט איידל־דערצויגענער פאַרביסנקייט אונטער דער ריינער הויט און וועט פרעגן:

— ווי פילט די מיס? וואָס הערט זיך עפּעס?

און וועט באַלד רויק מעלדן:

— קיינער האָט צו דער מיס נישט געקלונגען.

און די אויגן אירע וועלן איצט דערציילן: עס קומט דירה־געלט... פּאַר גאַנצע פיר וואָכן קומט שוין...

זי וועט זינגען. עס שרעקט זי אַזוי דער באַלעבאָסטעס ערנסט רחמנות־פּנים. וועט זי אָפּצאָלן דער באַלעבאָסטע — און דערנאָך? וועט זי ווידער אַרומגיין מיט איר שלאַנקן גוף און קיי־נער וועט זי נישט זען. קיינער ווייסט גאָרנישט, ווער עס איז די, וואָס בלאָנקעט אַרום איבער שרייענדיקע האַרטע גאַסן און טראָגט אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון ליכטיקע זינגענדיקע טעג... קיינער ווייסט עס נישט...

זי האָט איצט דערזען: די ליכטיקע טעג אירע זענען גע־בליבן דאָרט אין איר היימלאַנד, נאָר זי אַליין איז פון די טעג פאַרטריבן. דאָס געזאַנג פון איר יוגנט, די ליכטיקייט פון אירע גרוי־ברוינע אויגן, די שמייכלענדיקע, דרימלענדיקע ליפּן און ווייַ־סע געוואַשענע ציין — דאָס אַלץ גליווערט אין די פאָטאָגראַפיעס פון איר גרויסן אַלבום, וואָס ליגט אַ שטילער באַ דער שוועסטער אין קאָמאָד... די שוועסטער מיט דעם שטילן, פרומען פּנים פון אַ יונגער מאַמען, באַ וועלכער די קינדער זענען געשטאָרבן, קער איצט זיצן באַם פענצטער, אַרויסקוקן אויף דער צעוויגטער גאַס אין מאָסקווע און טראַכטן: נישטאָ סאָניע, און קיינער באַאומרויקט נישט די שטילקייט אין צימער... אָרימע שוועסטער! דו ביסט אַליין דאָרט געבליבן און איך — איך זיץ דאָ אין אַ פרעמדן, קאַלטן צימער.

אין טיפעניש הייבט זיך אויף א פאַרהאַנג און סניעגורינאַ זעט דורך פאַרמאַכטע אויגן:

די לאַמפּן לעבן מאַסקווער אַפּערע־הויז וויגן זיך אין שניי־איקן נעפּל. עס רעשן יונגע טריט, און מען טוליעט זיך אין די מאַנטלען. יונג געלעכטער שטראַמט, און דריבנע טריט שפּאַרן זיך צו די אָפענע טירן. אַט איז זי! די הויפּט־זינגערין. די לאַמפּן בלענדן, קעפּ הייבן זיך, העלזער שטרעקן זיך, אויגן בליקן שאַרף, איבערן ליכטיקן טעאַטער־זאַל כוואַליעט יום־טובדיקע וואַרעמקייט. געפאַלן דער פאַרהאַנג, און עס יובלט די אַנטציקונג. אויף דער סצענע שטייט די הויפּט־זינגערין. נאַר קיינער ווייסט נישט, אַז דאָס איז שוין אַן אַנדערע... זי שטייט מיט ליכטיקע אויגן, צע־פלאַמט פּנים און אָפן מויל מיט בלענדנדיקע ציין. זי באַ־וועגט מיטן שטאָלצן קאָפּ אונטערן רעגן פון פרייד און באַגייסטע־רונג...

— בראַוואָ! בראַ—אַ—וואָ!

סניעגורינאַ האָט אַ ציטער געטון. האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך און שוין געטראַכט:

— און וואָס איז ווען דער אונטערשיד? איז עס נישט סניעגורינאַ... וואָס איז אייגנטלעך אַ נאָמען? אַ נאָמען איז גאָר־נישט. אָט האָט דאָך איר אייגענער פאָטער געהייסן שניימאַן... אַלע אין כערסאָן האָבן אים געקענט: פּסח שניימאַן... און זי — סניע־גורינאַ...

דאָס געוויין אין האַרץ איז געוואָרן שווערער, ווייטיקדי־קער...

— אַז איך אַליין האָב זיך פון מיינע ליכטיקע טעג אַרויס־געגנבעט; אַז איך אַליין האָב זיך פון זיי פאַרטריבן... מורא געהאַט...

אין קאָרידאָר האָבן אויפגעטויכט שטילע, ווייכע טריט, אהאַ! זי גייט שוין.

סניעגורינאַ האָט זיך אויסגעגלייכט אין שטול. האָט אויפ־געצויגן דעם קאָפּ, און דאָס פּנים איז געוואָרן ערנסט, זיכער.

האָט באַקומען צוריק דאָס באַוווסטזיין פון אייגענער דערקענונג.

— אַריין.

אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע פרוי מיט אַ פולוויטער פנים פון אַ רויקער מאַנאַשקע. זי איז געווען פריש געוואַשן, אָנגעטון אין אַ טונקל־בלוי קלייד, און די ליפּן האָבן זיך איר געבויגן אין מויל אַריין. דאָס שפּיציקע גאָמבעלע האָט אַרויסגעשטאַרצט מיט איידעלער אָפּשטאַמונג.

— „העלאָ, מיס שנעגורינאַ".

— העלאָ.

— די מיס איז שוין לאַנג אין צימער ? כ'האָב גאָרנישט געהערט קומען.

— נישט לאַנג.

— ווי פילט די מיס ?

— כ'פיל „אָלרייט"... אַ דאַנק...

— אַ שלעכטער דרויסן... אין הויז איז אָנגענעמער צו זיצן איצט...

— יאָ... אַ שלעכטער דרויסן.

סניעגורינאַ האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט. געשטאַנען אין איר מאַיעסטעטישער שלאַנקייט, וואָס איז איר נאָך געבליבן פון די ליכטיקע טעג. זי האָט אַ טראַכט געטון : אין הויז צו זיצן... אין הויז...

די באַלעבאָסטע האָט דיך נישט פאַרגינען קיין שמייכל און מיט וויל־געגייגטקייט געזאָגט :

— ס'האָט קיינער נישט געקלונגען.

— קיינער האָט מיך נישט אָפּגערופן ?

— דער מענעדזשער אייערער האָט אויך נישט גערופן.

— נישט גערופן ?

ציטער איז געווען אין סניעגורינאַס שטים. די באַלעבאָסטע האָט באַקומען אַ ביסל גרעסערע אויגן. האָט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. נאָר די פאַרביסנקייט, וואָס איז איר געלעגן אונטער דער

הויט, האָט זיך אַרויסגעהויבן און געבליבן אויף דער הויט. אין די אויגן האָט זיך אָנגעגאָסן פֿאַרשפּיצטקייט.

— איר ווייסט, מיס... וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן...

סניעגורינאַ איז איר גלייך פֿאַרלאָפֿן דעם וועג:

— דעם מענעדזשער מיינעם האָב איך געזען... איך זינג דאָך מאָרגן... מאָרגן אין אָוונט זינג איך.

— איר זינגט מאָרגן, „דעטס פֿיין".

די פֿאַרביסנקייט איז שוין נישט געווען. די ערנסטקייט איז אויך צערונען.

— זייער פֿיין... איר האָט מאָרגן אַן אויפֿטריט?

— יאָ... אין אַ רייכן „לאדזש".

— אָך, איך בין זייער צופֿרידן, זייער צופֿרידן.

— אַ גרויסן דאַנק אייך.

— אפֿשר וויל די מיס טיי?

זי וועט איר גלייך אַריינשיקן... זיצן האָט זי קיין צייט נישט. זי דערוואַרט געסט אין שטוב... אפֿשר וועט די מיס אַריינגיין אין „דייניג־רום"? זייער פֿיין... מאָרגן זינגט זי... דאָס איז פֿיין.

און האָט זיך שוין פֿאַרגונען אַ שמייכעלע.

זי איז אַרויס. סניעגורינאַ איז אַלץ אַזוי געשטאַנען מאַיעסטעטיש שלאַנק. מיט אַ שטאָלצן קאָפּ, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעוויזן איר גוטהאַרציקייט צו דעם, וואָס האָט עס נישט פֿאַרדינט. ווען די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, האָט זי אויך געגעבן אַ פֿאַרמאַך אירע אויגן. אונטער די אויגן־דעקלעך איז אָנגעלאָפֿן ביטערקייט. אויף איין רגע האָט זי דערזען די אמתע סניעגורינאַ — די אָפּערע־זינגערין, געזען דעם צימער אירן, געזען די וואַזעס מיט די פֿרישע בלומען, און זי האָט גענומען שאָקלען באַדויערנדיק מיטן קאָפּ...

* *

*

אינמיטן דער נאַכט האָט סניעגורינאַ דערפילט אַן עקבערדיקן ציטער אין גאַנצן לייב, האָט זי זיך איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע און אַ ווײלע נישט פאַרשטאַנען: ווער ווײנט עס אַזוי שטיל און קרעכצנדיק? סאַראַ וואָיען עס דערטראָגט זיך פונווייטן!

זי האָט געעפנט די אויגן, האָט אַרײַנגעקוקט אין פינצטערקייט: מען וואָלט געדאַרפט פאַרמאַכן דאָס פענצטער... פאַרמאַכן דאָס פענצטער...

נאָר די אויגנדעקלעך זענען פון זיך אַליין צוריקגעפאַלן. דער נעפל האָט זיך צוריק אַראָפגעלאָזט און פאַרגליווערט אַרום איר. די שוועסטער יעלענאַ שטייט מיט דעם פרומען־פאַרזאָרגטן פנים, די אויגן זענען איר מאַמיש גרויס. די הענט האַלט זי פאַרלייגט אויף דער ברוסט:

— וואָס איז דיר, סאָניעטשקאַ? וואָס האָסטו געזאָגט, שוועסטער מיינע?

— איך האָב געזאָגט: פאַרמאַך דאָס פענצטער... דאָס פענצטער פאַרמאַך...

דאָס קול איז אויסגעוועפט געוואָרן נישט ווייט פון אירע ליפן. יעלענאַ איז געבליבן אין הויז. די גאַס איז ווייס און שטיל. זי איילט מיט אַלע כוחות. זי קאָן דאָך פאַרשפעטיקן... „איזוואָשטשיק! איזוואָשטשיק!“ נאָר זי אַליין הערט נישט איר שטים. דער „איזוואָשטשיק“ זיצט געבויגן אויף דער קעלניע און דרימלט. קיין לעבעדיקן מענטש זעט מען נישט אין גאַס. אַ ליידיקע גאַס. דער שניי איז נישט צוזאַמענגעטרעטן. ס׳איז אַזוי שווער צו לויפן. עס פאַרכאַפט דעם אָטעם, און די קעלט וויקלט זיך אַרום נאַקעטן האַלז... אָט איז זי שוין באַם טעאַטער. וואָס־זשע איז אַזוי ליידיק באַם טעאַטער? אָ! מען שפילט שוין! דאָס גערויש פון טראַמוויי האָט זיך אַוועקגעטראָגן, און אינעווייניק שטורעמט עס מיט אַפלאָ־

דיסמענטן. פּאַרשפּעקטיקט! ווער־זשע שפּילט דאָרט אויף איר אָרט? ביין, זי וועט נישט אַריינגיין. זי וועט נישט אַריינגיין! מען האָט נישט געוואַרט? — דאַרף מען נישט... אויף סניעגורינאַ דאַרף מען וואַרטן!...

איצט איז דער וועג נאָך שווערער. וואָס שווערט אַזוי דער מאַנטל די אַקסלען? ווי טיף דער שניי איז, די באָטן זינקען, גליטשן זיך פון די פיס... זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און דער שלאַנקער, שטאָלצער גוף בייגט זיך, ווערט נידעריקער, ניי־דעריקער... וואָס־זשע טוט מען איצט? אַ? אָט שטייט דאָך דאָס הויז.

שווער צו שפּאַנען איבער די גליטשיקע טרעפּ... פונוואַ־נען האָבן זיך עס דערנומען אַזויפיל טרעפּ? זי האַלט זיך אָן באַם פּאָרענטש, דער אָטעם איז שווער, אָפּגעהאַקט, אַ קעלט וויקלט זיך אַרום די פיס... זי וועט זיך פאַרקילן...

— עפן! גיכער עפן, יעלענאַ!

— ווער איז דאָרט? איך בין איצט פאַרנומען...

האָט אַליין געעפנט די טיר. געבליבן שטיין און זיך גענומען בייגן אונטער אַ פרעמדער שווערקייט: יעלענאַ שטייט אויף די קניען, ציט אַראָפּ די באָטן פון דער זינגערינס פיס. שלעפּט אַראָפּ די שיכלעך, גלעט דאָס קליינע פיסל אין זיידענעם זאָק: „קאַלט? אַ? קאַלט?"

ס'צימער איז פול מיט ווייסע, גרויסע כריזאַנטעמעס. סאַראַ וווּנדערלעכע כריזאַנטעמעס... קלאָרע מאַנסבילשע יונגע פנימער. ווי זיי שמייכלען! שמייכלען מיט די אויגן, מיט די נעז, די אויערן שמייכלען, די קעפּ גלאַנצן און שמייכלען... די זינ־גערין פאַרוואַרפט דאָס מידע בלאָנדע קעפּל און שמייכלט צעפּיעש־טשעט...

— איר האָט היינט וווּנדערלעך געזונגען!

— נאָר מלאכים זינגען אַזוי...

— ס'איז געווען צויבער...

דאָס פּנים פון דער זינגערין איז צעפלאַמט. גליק לאַכט פון אַלע גלידער. פרייד אָטעמט פון איר.

זאָל זיין! סניעגורינאַ האָט זיך אויסגעגלייכט, צוריק דער־פילט די שטייפע שלאַנקייט פון איר גוף, די ליפּן זענען צונויפ־געפּרעסט, דער קאָפּ — באַפעלעריש אויפגעהויבן. דאָס געשריי איז אָבער געבליבן פאַרשטעקט אין ענגשאַפט, אין האַלז.

— יעלענאַ!

...די מאַשינען לויפן. אַמעריקאַנער מאַשינען — אַט־אַט און זיי לויפן איבער איר. ווי ווילד! עס גייט סניעגורינאַ! די אָפּערע־זינגערין! נאָר די, וואָס טרייבן מאַשינען, רייכערן זייערע גראָבע ציגאַרן און זעען זי נישט. זענען זיי בלינד? פאַרוואָס זעען זיי נישט? נאָר דער הוסט לאָזט נישט שרייען. זיך אַרומגעוויקלט אַרום האַלז און לאָזט נישט אַרויס דאָס געשריי.

דאָס הוסטל האָט אָפּגעקלונגען אין די אויערן מיט הייזע־ריקייט און הוילקייט. זי האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט און גע־פאַנגען דעם עק פון באַוווסטזיין:

— כ'בין פאַרקילט.

אין צימער איז געווען פרימאָרגן. גרויער, פאַרוווּנדעטער. ער האָט אויף איר געקוקט און זי נישט געזען.

דער הוסט האָט זיך נישט איבערגעחזרט. נאָר אין קאָפּ איז געווען שווערקייט. אין די אויגן — ביטערקייט. דער אָטעם קורץ און אויך שווער.

— יאָ, פאַרקילט.

די אויגן זענען געוואָרן גרויס. ווייטיק האָט זיך אין זיי אָנ־געגאָסן:

— וואָס־זשע וועט איצט זיין? זי וועט נישט זינגען. זי קאָן דאָך נישט ריזיקירן מיט איר שטים! און די באַלעבאָסטע?

„איר זינגט מאָרגן? „דעטס פיין".

וואָס־זשע וועט איצט זיין?

געלעגן און געשוויגן. מורא געהאַט צו דערהערן דאָס איי־גענע קול, וואָס קער איצט פרעמד זיין. אַן אָפּגעשטאַנענע שויב האָט נישט אויפגעהערט ציטערן. וואָס ציטערט אַזוי די שויב? אַזאַ ווינט אינדרויסן? ווו נעמט מען איצט אַ פאַרערער, אַ פריינט... כאָטש איין פריינט?...

שפעטער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. אין סניעגורינאַס האַרץ האָט עס אויסגעהוילט. ווידער די באַלעבאָסטע?

— אַריין.

ס׳איז עטוואָס לייכטער געוואָרן: די שטימע איז דערוויילן ריין, רויק.

אַריינגעקומען איז די דינסט. די ברייט־צעוואַקסענע נעגערטע, ווי פון שווארץ טייג אויסגעקלעפּט. זי האָט אָפּגעציילט עטלעכע שווערע טריט פון שוועל. די הענט זענען אַראָפּגעהאָנגען ווי אויף זאַוויעסעס. דערזען די מיס איז נאָך אין בעט, האָבן די שוואַרצע ברעמען זיך אויפגעהויבן. די גרויסע ווייסלען האָבן אַ בליאַסק געטון, ווי אַ גאָס פון מילך איבער אַ שוואַרצן טיש.

— וואָס איז, פּרענסיס?

שווערע ליפּן האָבן זיך פונאַנדערגעקלעפּט, זיך געקאַרטשעט, ווייסע געזונטע ציין האָבן ווערטער צעקייט:

— מען רופט די מיס צום טעלעפאָן... נישט געוווסט... געמיינט די מיס איז אָנגעטון... געהייסן וואַרטן... ווי פילט די מיס?

— אָלרייט.. זייער גוט... ווער רופט עס?

— די מיסעס נאָריס.

— אַ! מיסעס נאָריס... אָלרייט!

סניעגורינאַ האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אויף. טונקל־בלאָנדע גלייכע פּאַסמעס זענען געפאַלן אויף ווייסע, גאָר־ווייסע אַקסלען, און באַלד רויקע, בעטנדיק־באַפעלערישע ווערטער:

— פּליעז... זאָל זי גלייך אַריבערקומען... איך דאַרף זי נייטיק... איך טו זיך אָן...

פון אונטער די רויט־שוואַרצע ליפּן האָט זיך אַרויסגעקאָלערט אַ געפלעכט פון ריגגלעך:

— אָל־ל־רייט.

זיך גענומען אָנטון. גיך, פלינק, רירעוודיק, מיט ציטערנדיקע פינגער, ווי געאיילט צו אַ ראַנדעוווּ... אינמיטן אָנטון שטיין געבליבן. זיך צוגעהערט צום אייגענעם בעפיל: זעט אויס היץ... יאָ... היץ...

שוין לאַנגזאַם פאַרענדיקט דאָס אָנטון. די שטייפקייט פון שלאַנקן גוף לאָזט נאָך. די אַקסלען שווערן אַראָפּ. זי וועט היינט נישט קאָנען זינגען... סניעגורינאַס שטים איז נישט אַזעלכע, מיט וועלכער מען ריזיקירט צוליב עפּעס אומגליקלעך דירה־געלט...

מען דאַרף געבן צו וויסן דעם מענעדזשער... מען דאַרף אים געבן צו וויסן. סניעגורינאַ האָט נאָך קיינמאָל נישט געזוונגען אַ צוגעקילטע... אָן אָפּערע האָט מען אָפּגעלייגט... ווו איז די מיסעס נאָריס ? זי איז דאָך אירס אַ פאַרערערין...

אַ ליכטיקער פאָדים פון האָפנונג האָט זיך צו איר געצויגן פון אָט דער מיסעס נאָריס...

* *

*

אַריינגעקומען איז מיסעס נאָריס מיט גיכע טריט און מיט אַן ערנסט־פריינטלעך פּנים פון אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער, וואָס קומט אַהין, ווו מען דערוואַרט איר הילף. זיך באַגריסט, געקוקט אויף סניעגורינאַס שטאָלץ־ליידנדן פּנים, האָט זיך אַ ביסל דער־שראָקן :

— וואָס האָט פּאַסירט, סאָניאַ וולאַדימיראָוונאַ?

— כ׳בין קראַנק.

— וואָס רעדט איר? ס׳קאָן נישט זיין! ?

— כ׳בין פאַרקילט. כ׳האָב פיבער.

— פיבער ?

איר זיצן האָט דערציילט זייער איידל : באַ מיר איז דאָס הויז גרויס און היימיש. די קאַרפּעטס גיבן שוין אַכטונג, זאָפן איין זיך גלייך איין די טריט און דערלאָזן נישט קיין געדודער. די „סעטס“ שטייען היימיש און מיט ווירדע. היטן אָפּ דעם כבוד פון מיין הויז. יעדער שטול וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיר. דאָ איז נישט מיין שטול. דאָ בין איך נישט זיכער. מיין מאַן, דער דענ־טיסט, ווייסט, וואָס פאַר אַ שטולן איך „גליין״.

— וואָס־זשע וועט זיין מיט אייער אויפטריט?

סניעגורינאַס אַקסלען האָבן זיך אַ הייב געטון און גלייך נאָכגעלאָזט. דער ליכטיקער פאָדים פון האָפנונג, וואָס האָט זיך געצויגן צו איר פון אָט דער מיסעס נאָריס, האָט געבלייכט, האָט זיך שוין באַלד נישט אָנגעצען.

— איך וועל נישט זינגען.

— איר וועט נישט זינגען?

— ווי קאָן איך? איך וועל דאָך נישט ריזיקירן מיט מיין שטימע?

איצט האָט זיך מיסעס נאָריסעס קאָפּ שטאַרקער צעוויגט:

— ס'איז שרעקלעך... אַזוי גוט „אַדווערטייזט"... איך האָב אויף היינט געלייגט גרויסע האָפנונגען... איינגעלאַדן מיינע פריינט... ליבהאָבער פון רוסישער קונסט... פיינע פאַרבינדונגען... וועט איר טאַקע נישט זינגען?

סניעגורינאַ האָט געקוקט מיט מאַרטירער־אויגן. אין זיי האָט געברענט כעס און איבל... אין קאָפּ זיצט אַלץ דער פרעמדער געדויש. צו דער פּלייצע גנבעט זיך אונטער אַ ווייטיק מיט שטילע טריט. אָבער: — — —

— דאָס ערגסטע פון אַלעם איז: כ'האָב צוגעזאָגט דער באַלעבאָסטע אויף היינט... שולדיק פאַר פיר וואָכן דירה־געלט...

דערזען אַ שרעק אין מיסעס נאָריסעס אויגן, און דאָך זיך נישט אָפּגעשטעלט:

— ווען איך האָב די אומגליקלעכע עטלעכע טאַלער... וויפיל איז עס דאָן איינגאַנצן? אַזאַ נאַרישע סומע...

מיסעס נאָריס האָט באַקומען צעטומלטקייט אין פנים. האָט אַראָפּגעשלונגען פאַרהוילענעם זאַפּט... האָט געשוויגן. אָן אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן. דער פאָדים איז געווען אויסגעלאָשן. סניעגורינאַ האָט געהערט פון זיך אַרויס אַ פּיעשטשענדיק דינן געלעכטערל. „זייער אָן אינטעליגענטע „אָסאָבע"... נו, געוויס... זי האָט אַמאָל גערעדט רוסיש און געהאַט געניג כוח אוועקצוגיין פון אַ מאַן, וואָס איז פאַר איר נישט געווען באַקוועם, און גענומען

אַ צווייטן, אַ באַקוועמערן... אַ דענטיסט... ער האָט צו טון מיט ציין... איצט אינטערעסירט זי זיך מיט אַ זינגערין, אַן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד און זי האָט זייער ליב „מיוזיק“...

סניעגורינאַ האָט זיך דערמאָנט:

„איר וועט מיר פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן, אַז איר וועט זיין בײַ מיר אויף סאַפּער“.

זי האָט זיך קרום צעשמייכלט.

אַ שווערע שטילקייט איז געוואַקסן. מיסעס נאָריס האָט באַקומען זייער אַ טרויעריק פּנים. ווען זי וואָלט נישט געווען אריינגעקומען!... דאָ איז אַריינגעקומען דער מענעדזשער און צעריסן די שטילקייט. ער האָט אַריינגעבראַכט זיין בריהש שמייכעלע און געאָטעמט, ווי אין דרויסן וואָלט געשטאַנען אַ טרוקענע פראָסט. די גלאַנציקע אויגן זיינע, וואָס זענען דאָך נישט ריין געווען, זענען געלאָפן אין די אויגן-לעכער, ווי פלינקע זשוקעס. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו סניעגורינאַ, איר דערלאַנגט די האַנט, איינבויגנדיק זיך פאַר איר מיט דער עלעגאַנטקייט פון אַ קעלנער. זיך באַגריסט מיט מיסעס נאָריס, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, געבליבן זיצן מיט צענומענע קניען און אויסגעבויגן דעם אויבערשטן טייל קערפּער:

— וואָס הערט זיך?

— כ'בין פאַרקילט.

— פאַרקילט? ס'איז יעצט אַזאַ איבערגאַנג... ס'מאַכט נישט... אַ סך ליידן איצט פון „קאָלדס“. עס גייט איבער...

ער האָט גענומען רעדן וועגן אַנדערע אויסזיכטן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון הייניקן אויפטריט... אַזאַ לאַנד איז אַמעריקע... מען מוז דורכשלאָגן... ס'וועט זיין אָלרייט... ער האָט עס אַראַנזשירט אַמבעסטן. עס וועלן זיין אייניקע רייכע לייט, וואָס אינטערעסירן זיך מיט זינגען... ער וועט דאָרט האָבן אַ קריטיקער... דאָס איז זייער וויכטיק... ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דעם קריטיקער... זייער וויכטיק...

האָט גערעדט רויק, און מיסעס נאָריס האָט זיך צוגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ... מיינע פריינט. מענטשן מיט גרויסע פאַרבינדונ־גען... אינטערעסירן זיך מיט קונסט, וועלן אויך זיין...

סניעגורינאַ האָט געפילט, ווי ס׳וואַרט איר ענגער אין האַרץ.

— אָבער איך קאָן דאָך נישט זינגען היינט!

דעם מענעדזשערס פּנים איז געוואָרן פאַרוואונדערט און שמייכ־לענדיק:

— פאַרוואָס דען?

— איך בין דאָך צוגעקילט. ווי אַזוי וועל איך קאָנען אַרויס־גיין פון הויז?

— אין אַמעריקע קאָן מען... ס׳איז נישט ווייט פונדאַ־נען... דאָס היינטיקע זינגען איז זייער וויכטיק פאַר אייער קאַריערע...

סניעגורינאַ האָט באַקומען אויגן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַוונט. די ליפן זענען איר צוזאַמענגעפרעסט געוואָרן.

— איך קאָן דאָך מיין שטים פאַרלירן!

— אָ, דאָס איז שוין צופיל... פאַרוואָס עפּעס?

דער מענעדזשער האָט זיך צעשמייכלט און זייער רויק צו־געגעבן:

— און הונדערט דאָלאַר... ס׳איז געלט...

און דאַן האָט מיסעס באַריס זייער פריינטלעך און מיט אַ בעטנדיק קול געזאָגט:

— איך וועל אייך צושיקן מיין „פּאַרקאַרט"... מיין מאַן וועט אייך צופירן אין אונזער מאַשין... ס׳עט זיין אַלרייט...

סניעגורינאַ האָט באַקומען כמעט אַ וויינענדיק פּנים. אין איר איז אויפגעגאַנגען אַ געשריי. זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף. אין אירע אויגן האָט געגעבן אַ פלאַם־אויף עקל און שנאה. מיסעס באַריס האָט לייכט אַ קנייטש געטון דאָס געעלטערטע פּנים. דער מענעדזשער אָבער האָט זיכער אין זיך אַריינגעשמייכלט.

באַר סניעגורינאַ האָט דערזען דער באַלעבאָסטעס פּנים, גע־דענקט, אַז אין איר האַנט־בייטל וואַלגערן זיך פערציק סענט. האָט זי אויף אַ רגע בעגעבן אַ מאַך־צו די אויגן, זיי גלייך געעפנט,

געשטאַנען אַלץ אַזוי שלאַנק, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, און זאָגט רויק געזאָגט:

— גוט, איך וועל זינגען... שיקט מיר צו דעם „פּאַר־קאָוט".

— ס'וועט גאָרנישט זיין... איר וועט זינגען און וועט האָבן גרויס דערפאָלג... איך וועל אייך גלייך צושיקן דעם קאָוט.

— אָלרייט.

מיסעס נאָריס האָט באַקומען אַ ליכטיק פּנים: זיך אַרויס־געפּלאָנטערט פון פאַרבלאָנדזשעניש. זי קאָן ווייטער גיין אויף איר אויסגעטרעטענעם וועג. דער מענעדזשער האָט זיך אויפגע־שטעלט צום אַוועקגיין.

סניעגורינאַ האָט אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין. אין האַרצן האָט שטיל געוויינט. אָבער אויף די ליפּן האָט זיך געבויגן אַ שטילער שמייכל.

* *

*

אומרויק געשטאַנען אין ליידיקן קליינעם צימערל. זיך גע־טוליעט אין פוטערנעם מאַנטל, געקוקט מיט עפּעס אַ פאַרהוילע־נער באַליידיקונג צו דער טיר, וואָס פירט אַרויס אויף דער סצע־נע, און נישט געהערט, וואָס מיסעס נאָריס רעדט צו איר. אַ טרוקענע וואַרעמקייט איז געזעסן אין לייב, און די ברעמען זענען געלעגן שווער איבער די אויגן. מיסעס נאָריס האָט איר פאָרגע־שטעלט אייניקע דאַמען: גלאַטיקע פּנימער, געפאַרבטע ליפּן, רויקן שווייגנדיקע אויסגערוטע אויגן. דער מענעדזשער איז צוגעקומע־מיט זיין נצחון־שמייכעלע: דער קריטיקער איז דאָ... אַ פיינער עולם... און זי האָט נישט געזען, ווי ער איז אַוועק אַזוי פּלוצ־לינג ווי ער האָט זיך באַוויזן.

אין די אויערן איז געשטאַנען פאַרטויבט געשריי.

ס'האָט זיך געעפנט די שמאָלע טיר. זי האָט געלאָזט אַראָפּ־

נעמען פון זיך דעם מאַנטל. אַ קעלט איז צוגעפאַלן צו די נאַקעטע אָרעמס און נאַקן און באַלד אָפּגעטרעטן. אין איר האָט אויפגעוואַכט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געשטראָמט פון יענע טעג, וואָס זענען געבליבן אין ווייטן לאַנד. זי האָט צוריק דערפילט די שטייפקייט און שלאַנקייט פון איר גוף. מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט רויקע דריבנע טריט איז זי אַרויף אויף דער סצענע.

די פיס האָבן עטוואָס אַ ציטער געטון, אָבער באַלד געוואָרן רויק. הוילקייט פון גרויסן פינצטערן זאַל האָט קיל געאָטעמט אין פּנים אַריין. שטיל שעפּטשעריי. פון ערגעץ אַ הוסט. נאָך אַ הוסט. שטיל. פון די קלאַווישן האָבן גענומען שפּרינגען קלאַנגען. לאַנגע, קורצע, איילנדיקע און לאַנגזאַמע, שפּרינגען איינס איבערן אַנדערן, פלעכטן זיך צוזאַמען, צערייסן זיך און לויפן ווידער אָן אויף איין פונקט. זי האָט זיך צוגערוקט צו דער פּיאַנאָ, זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר, געוואָרן זיכערער מיט דער שלאַנקייט, האָט פאַרמאַכט די אויגן, אָנגעשפּאַרט איין האַנט אָן שוואַרצגלאַנציקן פּיאַנאָ-ברעג. האָט גענומען זינגען. שטיל, רויק, העכער און העכער. די שטים גיסט זיך ריין מיט טונקעלן טרויער, ווי דער גלאַנץ פון שוואַרצן מאַרמאָר... דאָס געוויין אין האַרץ ווערט ווייכער, גיסט זיך אין האַלז, אין דער שטים אַריין. עס ציטערט דאָס האַרץ און די רייַנע שטימע ציטערט אויך.

זי האָט געזונגען אַ ליד פון טרויער. די שטילקייט אין זאַל איז פאַרגליווערט געוואָרן. אָטעמס זענען פאַרפרוירן געוואָרן. קעפּ שטערקן זיך. בליקן קלעפּן זיך אָן באַלויכטענער סצענע. די צוהערער האָבן די פרעמדע ווערטער נישט פאַרשטאַנען, אָבער דער טרויער האָט דערגרייכט זייערע הערצער.

און —

שטורעם האָט אויפגעריסן די טירן און אַריין אין זאַל. דער טייך האָט זיך צעוויגט און אַהער אַרייַנגעפלייצט. סניעגורינאַ האָט שווער געאָטעמט. דאָס קלאַפּן פון האַרץ האָט אָפּגעהילכט אין די שלייפן. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען הונדערטער הענט באַוועגן זיך און קלאַפּן... זי איז געשטאַנען גלייך אָנגעשפּאַרט אָן פּיאַנאָ און נישט געפילט, צי זי שטייט אויף אייגענע פיס.

שטיל געוואָרן, פינצטער.

ווידער האָבן די קלאָווישן גענומען שפּריצן מיט קלאַנגען. און דאָס געוויין, וואָס איז ביז אַהער געווען אין האַרץ, האָט זיך צעגאָסן אין אַלע גלידער. איר נשמה האָט געוויינט. די הויט אירע האָט געוויינט. און זי האָט ווידער גענומען זינגען: געזונגען פון נויט און עלנט. פון פאַרלאָזטקייט און פאַרטריבנקייט. פון אייגענער נויט און עלנט האָט זי געזונגען. אין פרעמדן לאַנד פייניקט זיך, אין עלנט, די בענקשאַפט נאָך גליק. זי האָט געפילט טרערן אין האַלז. זי האָט אויסגעשטרעקט די בלייכע הענט, וואָס האָבן זיך שוין געעלטערט. דאָס געבעט האָט זיך געטראָגן צום ווייטן לאַנד, צו דער אייגענער שוועסטער. דער ווייטיק האָט געשריגן, געמאָנט — באַלד מיד געוואָרן, דער פאַרדראָס האָט געבוירן דעם יאוש: אַלץ שטאַרבט, די זון פאַרגייט. עס קומט שוואַרצער אָוונט און דערנאָך נאַכט. . .

די נויט האָט געוויינט איבערן פינצטערן זאַל, זיך געטוליעט צו מענטשלעכע הערצער. ווען די געעלטערטע ווייכע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט מיט ווייטיק און פּיין — האָט איבערן זאַל אַ ציטערניש זיך דורכגעטראָגן. און ווען די שטים האָט זיך אַראָפּגע-לאָזט און שטילער דערוויינט דאָס ליד, שטילער און שטילער ביז דאָס ליד איז אָפּגעשטאָרבן, און זי האָט אירע הענט אָפּגעלאָזט — איז געוואָרן אַ ליאַרם אין זאַל. מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיפצנדיקע קלאַנגען האָבן אויפגעטויכט, און דאָס קלאַפּעריי איז געוואָרן אַזוי הילכיק, צום פּאַרטויבן. איר נאָמען האָט מען נישט גערופן. דאָ אין פרעמדן לאַנד האָט זיך דער נאָמען נישט גע-קאָנט באַזעצן אויף די ליפּן. נאָר די ווענט האָבן געציטערט פון איבעררעשונג.

זי איז אַראָפּ פון דער סצענע. דאָס קלאַפּעריי האָט זיך נישט איינגעשטילט. עס האָט טרויעריק-טומלדיק געשטראָמט אי-בערן זאַל, נאָר זי איז נישט מער אַרויסגעקומען.

דער מענעדזשער האָט געהאַט אַ צעפּלאַמט פּנים:

— ווונדערלעך. . . געטלעך. . . דער זאַל איז באַצויבערט. . . גייט אַרויס.

— איך קאָן נישט מער... איך קאָן נישט.
— אָבער גייט אַרויס, פאַרנייגט זיך...

זי איז אַרויס אויף דער סצענע. דער זאַל האָט געשטורעמט. זי האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן די טרוקענע היץ אין איר לײַב. זי איז געווען אַזוי גערירט, ווי זי וואָלט ווידעראַמאָל דער־יען דעם אויפפלאַקער אין געליבטנס אויגן: זי וועט זינגען נאָך אַ קורץ לידל.

איצט האָט זי געזונגען אַ ליד פון אַ פאַרבענקטער, פון ליבע פאַרצערטער, וואָס האָט אַלץ פאַרלוירן. געשטאָרבן די עלטערן. זי איז אַליין נאָר — דער געליבטער איז שוין ווײַט אַוועק און טײַלט שוין זײַן גליק מיט אַן אַנדערער. זי האָט געזונגען שטיל, בעטנדיק. געבעטן די פייגל און די ביימער. צום סוף האָט זי אויס־געשטרעקט די הענט, אויפגעהויבן די שטים און געשיקט איר גע־שריי צו ווײַטער היים. דאָס קול האָט שטאַרק געציטערט. ס'איז געווען דער העכסטער געשריי פון פאַרצווייפלטן קינד. דער זאַל איז געבליבן אָן אָטעם און אָן פאַרשטאַנד. ערשט, אַז זי האָט גע־מאַכט די ערשטע טריט אַראָפצוגיין פון סצענע, האָט אויסגעבראָכן דער זעלביקער שטורעם, ווי פריער.

זי איז אַראָפּ פון דער סצענע. האָט גאָרנישט געזאָגט. האָט מיד געשמייכלט, און דער מענעדזשער האָט איר געדריקט די האַנט. מיסעס גאָריס איז געווען צעפלאַמט, און די אויגן זענען געווען מיט טרערן. פאַרשידענע דאַמען האָבן איר געדריקט די האַנט, נאָר סניע־גורינאַ האָט געפילט, אַז זי איז באַזיגט... זי האָט דאָס לעצטע אַוועקגעגעבן: איר אייגענע נויט האָט זי פאַר זיי אויסגעוויינט... דערפאַר זענען זיי פאַר איר אַזוי אַנטציקט — ווײַל זיי אַלע ווייסן נישט דערפון...

די טרוקענע וואַרעמקייט האָט זיך שטאַרקער צעברענט אין איר לײַב. דער קאָפּ איז געוואָרן שווערער, זי האָט זיך געטוליעט אין מאַנטל און געציטערט:

— פירט מיך אַהיים.

מיסעס גאָריס האָט זי צערטלעך געפירט אונטערן אָרעם... זי איז אַרויסגעקומען אין גאַס. אַ פײַכטער ווינט איז זי באַפאַלן.

זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין מיסטער נאָריסעס מאַשין. יענער האָט זי צוגעפירט צום הויז.

זי איז אַרויס פון מאַשין א דערשלאָגענע, א צעווייטיקטע. דאָרט איז מען געבליבן מיט דער אַנטציקונג פון אירע ליידן, וואָס זי האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט. מיסעס נאָריס איז זייער צופרידן... אָבער זי אַליין — זי איז זיי אַלעמען פרעמד געבליבן... די באַלע־באָסטע האָט איר געהאָלפן אַרויפגיין. זי איז אויך געווען זייער צופרידן...

סניעגורינאַ איז אַריין צו זיך אין פרעמדן צימער. האָט פאַר־שלאָסן די טיר, אויסגעטון דעם מאַנטל. ווידער האָבן די ווענט געקוקט אויף איר, שטומע, קאַלטע, פרעמדע. די גלידער האָבן געבראָכן. זי האָט זיך נישט געקאָנט אויספּלאָנטערן פון איר קלייד און אין קלייד האָט זי זיך געלייגט אויפן בעט.

וואוהין פירט איר וועג? פאַרוואָס־זשע? פאַרוואָס האָט זי זיך אַליין פאַרטריבן פון אירע ליכטיקע טעג, וואָס זענען דאָרט גע־בליבן? זי איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין. געקומען אָהער אַנזעטיקן איר גוף. נו, און וואָס? איינע אַליין בלאָנדזשעט זי אַרום אין פרעמדקייט און הייבט — האָט זי שוין דאָס לעצטע — איר גוף אויך פאַרקויפט..

זי האָט געוויינט שווער און טיף און געוווסט: זי זינקט אין יאוש, פון וועלכן מען קאָן זיך שוין נישט באַפרייען...

פילאַדעלפיע, 1925.

דער שטראם

מייַן טאָכטער מרים צו
איר 3-יעריקן געבורטסטאָג
אָדעס, 1-טן מאַי 1919.

I

אין ערגעץ אַ לאַנד, אַמאָל אין אַ צייַט, ווייַט פון אַן אור-אַלטן געדיכטן וואַלד, וואָס האָט ווי אַ וואָלקן געהויערט און אויף דעם דאָרף געלאָקערט, — באַם ברייטן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט אין צווייטן דאָרף אַריין, — איז אַ הייַזל געשטאַנען.

אין געווען איז דאָס הייַזל קליין און נידעריק; דאָס דעכל צו דער ערד געבויגן, מיט שטרוי באַדעקט און מיט מאָך באַוואַקסן. די קליינע פיר-שויבנדיקע פענצטערלעך האָבן ווי פאַרטרערטע אויגן פון אַ זקן צום וועג געקוקט. — נאָך פאַרגאַנגענע יאָרן געבענקט. אין דעם הייַזל האָט דער יונגער קרעפּטיקער יוחן מיט זיין אַלטער מוטער געוווינט.

און געווען איז יוחן שלאַנק און קרעפטיק ווי די ווערבע, וואָס איז פאַר זיין הייַזל געשטאַנען. דאָס פּנים ברוין — ווי זאַמד אין זון-פאַרגאַנג. די אויגן שוואַרץ — ווי שוואַרץ ס'איז די פעטע ערד באַם דאָרף. אויף זיינע פאַרשנורעטע ליפּן איז אַ פאַרהוילן שווייגן פאַרגליווערט געלעגן, ווי פאַרגליווערט עס שווייגט אַ פעלז באַם ים אין אַ כמורנעם נאָך-מיטאָג. זיין טריט איז גע-

ווען געמאָסטן, זיכער און לייכט. יעדער בייג פון זיין קערפּער האָט געוואָרנט און נאָך אַמאָל געוואָרנט...

און באַם צווייטן עק דאָרף, — דאָרט, וווּ אַ שטיל טייכל האָט אין די מאָרגנס מיט זילבער־בלויקייט געשפּעטשעט און באַנאַכט אַ שוואַרץ־שפּיגל־טרוים געוועבט, — איז אַ גרויסע מיל געשטאַנען: לאַנגע פענצטער און ברייטע טירן — אַלץ אין זיך איינשלינגען און אַלץ אין זיך פאַרהוילן. — און נישט ווייט פון דער מיל, — צווישן גרינע ביימער און הויכע גראָזן איז אַ ווייס הויז געשטאַנען.

און געווען איז דאָס הויז גרויס און הויך, דער דאַך מיט שינדלען געדעקט און די לאָדן גרין געפאַרבט, די קלאָרע גרויסע שויבן האָבן אין גרינקייט געגלאַנצט און לוסטיק צום טייכל געווונקען. אין דעם הויז האָט דער רייכער בועז דער מילנער — געוווינט.

און געשראָקן האָט זיך דאָס דאָרף, הערנדיק בועזס טריט. און בלייך זענען יונג און אַלט געוואָרן, ווען ער איז דאָס דאָרף דורכגעגאַנגען. די דאָרפס־טעכטער האָבן זיך באַהאַלטן און די מוטערס האָבן שטיל צו גאָט אַ געבעט געשעפּטשעט. ווייל בייז און שלעכט איז דער רייכער בועז געווען. פון פרי באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער מיט זיינע קנעכט געאַרבעט און זיי קיין אָפּרו נישט געגעבן. און ווי איז געווען צו זיי, אויב דאָס געלויף פון די מיל־שטיינער איז שוואַכער געוואָרן. זיין אויער האָט עס באַלד פאַרנומען און זיין כעס האָט אין אים אויפגעוואַכט. דאַן איז ער אַ ווילדער און אַ רויקער פון זיין הויז געלאָפן, אין מיל געקומען, און שווייגנדיק, און ווילד, און צערויטלט האָט ער מיט דעם פוס געטופּעט. זיין האַנט מיטן רימען האָט זיך מוסקלדיק געביילט, און דער רימען האָט זייערע לייבער געשניטן. און באַרויקט האָט זיך נישט זיין ווילד געמיט, ביז זיין אויג האָט קיין רויט בלוט־שפּריצן נישט דערזען. און שפּעטער, אין די פאַרנאַכטן, איז ער אויף זיין ווייסן באַניק געשטאַנען און געלאָקערט. גלאַנציק און שאַרף האָבן זייַנע אויגן זיך באַוועגט און אויף וועלכע פון די יונגע דאָרפס־

טעכטער זיין אויג איז געפאַלן — דידאָזיקע האָט ער באַצוואונגען. און ווי איז געווען צו דער, וואָס האָט ווידערשפּעניקט און זיין ווילן בישט געוואָלט דערפילן...

און אַ שמאָל וועגל האָט זיך געצויגן פון אָרימען הייזל צו דער מיל. ווי אַ גרויער שלאַנג האָט זיך עס אין גראָז געשלענגלט און רויק די מידע טריט דערוואַרט. יוחנס פיס האָבן דאָס וועגל אויסגעטרעטן, גייענדיק יאָרן־לאַנג אַלע פרי־מאָרגן צו דער אַרבעט און אַלע פאַרנאַכט — צו זיין אָרים מאָלצייט אין זיין נידעריק הייזל.

און שווער איז געווען יוחנס אַרבעט: פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג האָט ער שווערע זעק אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן, פון שפּייכלער אין מיל און צוריק אין שפּייכלער. זיין פוס האָט זיך אויף קיין ווילע נישט פאַרהאַלטן און זיין בליק האָט ער אין קיין זייט נישט געווענדט. ווייל אַזוי האָט פאַרזאָגט בועז: „יוחן דער יונג דאַרף אַרבעטן אַזוי, אַז דער שווייס זאָל נישט אויפהערן פון זיין שטערן רינען און זיין קערפּער זאָל זיך אויסגלייכן נישט קאָנען“... ווייל פיינט געהאַט האָט דער רייכער בועז דעם יונגן, קרעפּטיקן יוחן דערפאַר, וואָס יוחן איז געווען שענער פון אַלע און שטאָלצער פון אַלע. ווען בועזס רימען האָט זיינע אַקסל געשניטן — האָט יוחן זיך אויסגעגלייכט, די ציין פאַרביסן און געשוויגן. . און ווען בועז האָט באַפוילן, ער זאָל פאַר אים קניען און פאַרצייאונג בעטן — האָט יוחן די אויגן פאַרמאַכט און ווי טויב געשטאַנען.

און געטראָפן האָט: באַ יוחן האָבן זיך די פויסטן געביילט און די מוסקולן ווי סטרונעס זיך געצויגן, אַ רויטלעך פייער האָט זיך אין זיינע שוואַרצע אויגן געצונדן און מיט פונקען געשיט, האָט ער דאַן די ציין אין דער אונטערשטער ליפּ איינגעשניטן, אַ רויט פאַסיקל האָט זיך איבער דער גאָמבע אַ גאָס געטון און, ער האָט ווייטער געשוויגן... ביז — מיד איז בועזס האַנט געבליבן. האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווילד אַ ברום געטון און דאָס אָרט פאַרלאָזט.

און אַזוי פלעגט דער טאָג פאַרביי. פאַרנאַכט האָט יוחן צוריק

צו זיין הייזל געשפּאַנט, עטוואָס געבויגן געווען און שווער גע-אָטעמט. די אונטערגייענדע זון האָט זיין פּנים מיט קופּער-גלאַנץ פאַרגאָסן און דער פאַרנאַכט האָט זיך אין זיינע אויגן שוואַרץ אָפּגע-שפּיגלט... מיד איז זיין טריט געווען און זיינע קינבאַקן שטייף פאַרפּרעסט. די הענט האָט ער שטאַרק אין די קעשענעס געשטופּט און ער האָט זיך אין די זייטן נישט אומגעקוקט...

• •
•

און ס'האָט אַמאָל געטראָפן: ס'איז געווען אַ שטילער פאַר-נאַכט, די דאָרפסלייט נאָך דער אַרבעט זענען אויף די פריזבעס פאַר זייערע הייזלעך געזעסן אין די ווייסע אַרבל מיט באָרוועסע פיס, לאַנגזאַם גערעדט און מיט אויפגעצויגענע שטערנס פון אַלטע צייטן דערציילט. און פלוצלינג האָט זיך יוחן באַוויזן, ער איז שטיל זיין וועג געגאַנגען און אין די זייטן זיך נישט אומגעקוקט. זענען אַלע מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, די אויגן אויסגעשטעלט און מיט זאָרג אים נאָכגעקוקט; ווען זיינע טריט זענען פון געסל פאַרשוווּנדן, האָט ווער אָפּגעזיפצט:

— דער עלנטער יוחן.

שפּעטער האָט דער גרייז פון דאָרף דערציילט צום הונ-דערטסטן מאָל דאָס, וואָס אַלע אין דאָרף האָבן שוין לאַנג גע-וווּסט:

— „יאָ... אַן עלנטער איז יוחן. אַ שטילער איז ער און אַן אומגליקלעך מזל האָט ער... אין פּיין איז ער געבוירן געוואָרן און די נויט האָט אים דערצויגן... איך האָב זיין פאָטער גע-קענט... ערלעך און אַרבעטזאַם זיין גאַנץ לעבן... דאָס האָט ער צוזאַמען מיט דעם פאָטער פון דעם רייכן בועז די מיל געבויט. אָך... איך געדענק עס ווי היינט... שווער האָט ער גע-אַרבעט, יוחנס פאָטער... ער האָט אַזוי געאַרבעט, אַז זיין העמד האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעטרוקנט און די אָדערן אויף זיינע הענט זענען ווי שטריק הארט געוואָרן. די נעכט איז ער נישט

געשלאָפן און די טעג האָט ער נישט גערוט... אָן אויפהער האָט ער געאַרבעט און זיין פלייס האָט פון קיין אָפּרו נישט געוווּסט. אַזוי האָט ער געאַרבעט — ביז זיין אויער האָט נישט פאַרנומען דאָס גערויש פון די מילשטיינער...

און נישט אַזוי האָט געטון דער פאָטער פון רייכן בועז. יענער האָט באַטאָג גערוט און די געכט אין ווילטאָג פאַרברענגט; רייך איז ער געוועז און קנעכט האָט ער געהאַט צו דינגען. נאָר ווי אַזוי די מיל צו בויען האָט יוחנס פאָטער — נאָר יוחנס פאָטער — ער איינער געוווּסט... ווען די מיל איז שוין פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך באַוויזן און אָן בושה באַפוילן: „עמנואל זאָל באַ מיר אויף ווייטער אַ קנעכט פאַרבלייבן! ביז אַהער האָט ער ערלעך געאַרבעט, נאָר איך האָב אים ברויט געגעבן! אַ געטרייער קנעכט וועט ער מיר זיין!"

און אַז דער אָרימער עמנואל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך צום ערשטן דערשראָקן, דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט — האָט אָבער דער רייכער געלאַכט, האָט ער זיך פון ווייטיק די האָר פון קאָפּ געריסן... און, אָך... שווער צו געדענקען... ער האָט געערעכטיקייט געמאָנט און מען האָט אים מיט ריטער באַצאָלט... האָט ער די אויגן אויסגעוויינט און זיך געוואָלט פון דער וועלט אומברענגען, האָט אָבער דאָס ווייב זיינס אים געוואָרנט און געשראָקן:

„און אויב דו וועסט אומקומען, ווער זשע וועט דיין איינציק קינד שפייזן און דערציען?"

און דער גרייז האָט זיך פאַרטראַכט, אַלע האָבן שטיל געהערט. מיט אַ זאָרג אין די אויגן, מיט די קעפּ צוגעשאָקלט און אַ שרעק האָט איבער זייערע בעזיכטער געשוועבט. האָט זיך דאָ און דאָרט צווישן די צונויפגעקליבענע אַ זיפץ געריסן. און דער גרייז האָט פאַרענדיקט:

— „און ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט די אויגן אויסגעוויינט, שטיל געוואָרן און אַ קנעכט פאַרבליבן... האָט שטיל געאַרבעט און שטיל געקרענקט... דער ווייטיק האָט ווי אַ וואָרעם זיין האַרץ גענאָגט.. זיין בלוט אויסגעטריקנט... פון טאָג

צו טאָג איז ער בלייכער געוואָרן. די טריט זיינע זענען שווערער געוואָרן, האָט עסן נישט געקאָנט און איבער די נעכט קיין שלאָף זיך נישט דערוואַרט. זיין פלייצע האָט זיך איינגעבויגן און דער טויט האָט זיך אין זיינע אויגן באַזעצט. און ווען יוחן איז געווען אונטערגעוואַקסן — איז ער פלוצלינג אַוועקגעפאַלן... שוין נישט געווען צו וואָס צו לעבן... האָט ער דעם זון זיינעם נאָר צוגע־רופן און אים אַזוי געזאָגט:

— „זון מיינער, באַ אַ קנעכט ביסטו געבוירן געוואָרן און אַ קנעכט ביסטו שוין אַליין. פאַר גערעכטיקייט צאָלט מען מיט שמיץ און פאַר אַרבעט — מיט הונגער. געדענק מיין צוואה — אויב דו וועסט נישט קאָנען פריי לעבן, זאָלסטו פריי אומקומען".

אַזוי האָט ער געזאָגט, זיך אומגעקערט צו דער וואַנט און געשטאָרבן...

און די נאַכט איז איבערן דאָרף שוין געלעגן, ווי אַ שווערע כמאַרע וואָלט זיך איבער די קעפ אַראָפּגעלאָזט. און פון נאָענטן שוואַרצן וואַלד האָט אָפּגעקלונגען דעם אַלטנס שטים, צו וועלכער יונגע האָבן זיך מיט קלאַפּנדיקע הערצער צוגעהערט:

„און אויב דו וועסט נישט קאָנען פריי לעבן, זאָלסטו פריי־אומקומען. אום—קו—מ—מען!!!"

* *

*

און אַזוי האָט יוחן לאַנגע יאָרן שווער געאַרבעט און שטענדיק געשוויגן. פאַרחתמעט האָט ער דעם פיין אין זיין ברוסט און זיין צאָרן צווישן זיינע ליפּן. ער האָט נישט געוווסט פון קיין פרייד, ווי עס ווייסט נישט דער שטראָם פון קיין רו. זיינע נעכט זענען געווען פּייניקנדיקע, ווי די טעג שווערע. שטום האָט ער זיין אַרבעט געטון און שטום זיין מאָלצייט גע־געסן. האָט די אַלטע מוטער מיט פאַרטרערטע אויגן אויף אים געקוקט, שטיל מיטן קאָפּ אויף אים געשאָקלט און נישט געהאַט קיין וואָרט צום אַרויסברענגען. נאָר ווען דאָס האַרץ האָט איר

שטאַרק פאַרקלעמט, האָט זי אַ זיפץ אַרויסגעלאָזט. דאַן האָט יוחן אַ ציטער געטון, ווי אַ פליג וואָלט אים אין אויג אַריין, האָט ער געלאָזן דעם קאָפּ אויפגעהויבן און באַזאָרגט געפרעגט:

— וואָס זיפצסטו, מאַמע?

און געענטפערט האָט די אַלטע:

— וואָס איך זיפץ? — כ׳זיפץ אויף דעם לעבן, וואָס איז אַזוי שווער און אויף דעם מזל אונזערן, וואָס איז אַזוי ביטער. זון מיינער! אָרים איז אונזער מאָלצייט און צעריסן איז אונזער קלייד.

— יאָ.. שווער צו לעבן...

— און דער רייכער בועז... ער פּאַשעט זיין בויך... פאַרברענגט באַ ווייַן זיינע נעכט... דאָס פּאַשעט ער זיך פון רויב... ער האָט אונז פאַר קנעכט געמאַכט און דיין פאָטער פון דער וועלט געבראַכט...

— כ׳ווייס... גענוג... אַלע, אַלע וועלן מיר פון דער וועלט אומקומען!...

און די אַלטע האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי דאָס איז געשען. אירע אויגן האָבן זיך אין טרערן געוואַשן און דאָס קול אירס האָט געציטערט. האָט יוחן זיך אָנגעכמורעט, זיין שטערן האָט זיך אויסגעצויגן און די ברעמען איבער די אויגן זיך אָנגערוקט. איז ער בלייך געוואָרן און שווער אָפּגעאָטעמט:

— דערצייל נישט, מאַמע! דערצייל נישט מער...

און ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ נאָרע האָט אַ גריל געגרילצט, און אונטערן פענצטערל האָבן די צווייגלעך אָוונטיק זיך געשאָקלט. יוחן האָט זיין שוואַרצן קאָפּ אויף דער האַנט אַראָפּגעלאָזט, די פינגער צווישן די געדיכטע האָר פאַרזונקען און, אַזוי זי פאַרשטיינערט, זיצן געבליבן.

II

איז איינמאָל אַ יום־טוב געקומען און יוחנן איז אין צווייטן דאָרף אַוועק. געשיקט האָט אים די אַלטע מאַמע, ער זאָל דאָרט זיין פעטער אַ גרוס אָפּגעבן און פון אים אַ גרוס ברענגען. ווייל געהערט האָט זי, די אַלטע, אַז באַ איר ברודער איז דאָס ווייב געשטאָרבן און ער רוט אין צער. דער טאָג איז געווען אַ ליכטי־קער און אַ פריש ווינטל האָט יוחנס האָר געצערטלט. איז ער גע־גאַנגען אַ שטאָלצער אין זיין יום־טוב־קלייד און אויף גאָטס וועלט זיך פריי און קרעפטיק געפילט. ווען ער איז אין דאָרף אָנגעקומען און צו זיין פעטערס הייזל זיך דערפרעגט, האָט אים די טיר אַ מיידל געעפנט. אַז ער האָט זי דערזען, איז געווען, ווי אַ זון וואָלט אים מיטאַמאָל די אויגן פאַרבלענדט. איז ער אַ ווײלע שטיין גע־בליבן מיט פאַרגאַפונג אויפן פנים, מיט ווונדער אין די אויגן, און דאָס ערשטע וואָרט אַרויסברענגען נישט געקאָנט. פאַר אים איז גע־שטאַנען דעם פעטערס איינציקע טאָכטער — די שיינע אסנת.

און געשטאַנען איז זי מיט ווונדער אין די בלויע אויגן און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. שוואַרץ זענען אירע האָר געווען, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. דער קערפּער שטייף און שלאַנק — ווי אַ יונג ביימל אין פעלד, די ליפּן רויט און שמאָל, ווי אַ פאַרמאַכטע רויז. אַ ווייס יום־טוב־קלייד האָט איר לייב צוגעדעקט און אַ בלויע גאַרטל האָט אירע לענדן אַרומגענומען. מיט באָרוועסע פיס איז זי געשטאַ־נען און מיט נאַקעטע הענט, — האָט זי אויסגעזען ווי אַ ווונדער־געוויקס, וואָס איז נאָר וואָס, אָט דאָ אויסגעוואַקסן.

איין ווײלע זענען זיי שטיל געשטאַנען, ווי ווונדער מיט ווונ־דער באַגעגנט. דערנאָך האָט יוחנן געפרעגט:

— צי ווינט דאָ דער פעטער מתתיהו?

— דאָ וווינט ער, און מיין פאָטער איז ער.
— געבענטשט זאָלסטו זיין.
און זי האָט מיטן קאָפּ אַ נייג געטון און אים אין שטיבל אריינגעלאָזט.
און דער פעטער איז אינדערהיים נישט געווען — גאָט בעטן איז ער אַוועק — קיין מוטער האָט שוין אסנת נישט געהאַט, זענען ווי אַליין אין שטיבל געבליבן.
און געזעסן זענען זיי און געשוויגן. נאָר מיטאַמאָל האָט יוחנן דערפילט, אַז אין האַרץ איז אים וואַרעמער און גרוימער געוואָרן, די שווערקייט איז צעגאַנגען, דאָס שווייגן האָט אויפגעגליווערט און דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט רעדן אָנגעהויבן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער טוט, נאָר ער האָט פאַר איר דערציילט, ווי אָרים ער איז און ווי אומגליקלעך ער איז — קיין האָפנונג בליט נישט אין זיין האַרץ און קיין גליק קומט אים נישט צו חלום — ער האָט דערציילט, ווי ער וואָלט דאָס באַגעגנט זיין טרוים — זיין מזל, און דאַן איז זיין פּנים באַשיינט געווען, די אויגן אויפגעגלאַנצט און מיט שוואַרץ־רויטע פונקען געשיט.
און אסנת איז געזעסן, ווי זי וואָלט אין זיסן דרימל געזונקען נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג... זי האָט געהערט זיין שטים, וואָס איז אַזוי היימיש, אַזוי ווייט און נאָענט, ווי איר יוגנט. און זי האָט ווייטיק געפילט, הערנדיק פון זיינע ליידן.
און דערנאָך האָט זי אים אין איר קליינעם גערטנדל אַרויסגעפירט, האָט אים אירע בלימלעך באַוויזן און זייערע נעמען פאַר אים אָנגערופן און דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ שמייכל האָט זיינע ליפּן באַשטראַלט. צו ענדע האָט זי אים אין מיטן גערטנדל אַ בייט מיט ווייסינקע בלימלעך געוויזן און געזאָגט:
— „ווען אָט די בלימלעך וועלן אויסוואַקסן, גרעסער ווערן און זיך אינגאַנצן צעבליען — דאַן וועט מיין גליק צו מיר קומען"...
און דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט זיך צעלאַכט. שטאַרק און הילכיק האָט זיין געלעכטער קרעפטיק איבערן גערטנדל גע־

קלונגען. האָט אסנת זיך פאַרשעמט צעשמייכלט און זיך געלאָזט פאָרויס שפּאַנען.

און ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ בלינדער, וואָס האָט אַ פּאַס ליכט דערזען... זיין אויג האָט אויפגעכאַפּט יעדן בויג פון איר יונגן קערפּער, און זיין האַרץ האָט איינגעזאַפּט יעדע ליניע פון איר לייב. ווייל דין איז איר קלייד געווען און ווי צום לייב צוגעוואַקסן... האָט יעדעס גליד עלאַסטיש קעגן דער זון גע־בלענדט. און ווען ער איז לעבן איר שטיין געבליבן, האָט זי אים אין די אויגן אַריינגעקוקט און איר האַרץ האָט זיך העפּטיקער צע־שלאָגן. האָט ער אויף איר גערויטלט געזיכט געקוקט און קוים די טרערן איינגעהאַלטן...

און שפּעטער איז דער פעטער געקומען. אַלט איז ער גע־ווען פון יאָרן און מיד פון שווערער אַרבעט. האָבן זיי צוזאַמען דאָס יום־טוב־מאָלצייט געגעסן און לאַנג אין שטיבל פאַרבראַכט. אויסגעפרעגט האָט דער פעטער אויף זיין שוועסטער און יוחן האָט געענטפערט — ער האָט דערציילט און אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער דערציילט, געפילט אסנתן לעבן זיך און אין די אויגן האָט אים געשווינדלט.

און אַזוי האָט געדויערט ביז די זון האָט גענייגט צום מערב, זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט, ווו דער הימל באַהעפט זיך מיט דער ערד און די פענצטערלעך אין דאָרף באַגילדט. דאַן האָבן זיי אים צום וועג אַרויסגעפירט, זיך געזעגנט, און ווען ער האָט אסנתעס האַנט אין זייגער גענומען, האָט ער דערזען, ווי זי איז עטוואָס בלייכער געוואָרן און שטיל האָט זי געזאָגט:

— קום צו אונז, ווען דו וועסט אַ רו־טאָג האָבן.

— כ'וועל קומען!

און ער איז אַוועק מיט פלינקע און געמאָסטענע טריט און אין האַרץ האָט באַ אים געזונגען. ער איז געגאַנגען אין נישט גע־וואַגט דעם קאָפּ אויסצודרייען. ווען ער איז שוין אינמיטן פעלד געווען, האָט דאָס געזאַנג אין זיין האַרץ אַזוי זיך צעשטורעמט, אַז ער האָט זיך מיטאַמאָל אויף דער ערד געוואָרפן, די זאַנגען מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט, איין סנאָפּ צו זיין האַרץ געטוליעט און

זיין אויג האָט אַ טרער פֿאַרלוירן... דערנאָך איז ער אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. געלאָפן מיט אַ בשורה אויף די לעפצן און מיט יובל אין האַרץ.

און יענע נאַכט האָט ער שלאָפן נישט געקאָנט. אַ פּאָר מאָל, אַז ער איז פֿון זיין געלעגער אַראָפּ, איגדרויסן אַרויס, אַ בוים אַרומגענומען און זיין האַרץ צו אים געדריקט. געדאַכט האָט אים: אָט, אָט און דאָס האַרץ וועט זיך אים אַרויסרייסן.

און אַ גאַנצע וואָך האָט זיין געהער נישט פֿאַרנומען, וואָס אַרום אים טוט זיך. אין דידאָזיקע טעג האָט ער אַזוי געאַרבעט, אַז בועז האָט ביין נישט געקאָנט ווערן. ער האָט נאָר פֿונוויטנס אויף אים געקוקט און מיט די אַקסלען געצויגן.

און ווען עס איז דער רו-טאָג געקומען, איז יוחן באַלד באַגינען פֿון זיין געלעגער אויפגעשפרונגען. קיין מאָרגנברויט נישט געגעסן און קיין וואַסער נישט געטרונקען. האָט ער זיך איגדרויסן באַם ברונעם ריין-געוואַשן, נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט זיינע גלידער דערפרישט, זיין יום-טוב-קלייד אָנגעצויגן. און אַז די מוטער איז פֿון איר בעט אַראָפּ, צום פֿענצטערל צוגעגאַנגען — האָט זי געזען: ווייט אויפן וועג לויפט יוחן פייל פֿון בויגן.

און ווען ער איז אין דאָרף געקומען, דאָט ער שוין אסנתן אין איר גערטנדל געטראָפן. זי איז געווען אין איר ווייסן קלייד מיט דער בלויער גאַרטל אַרום די לענדן, די שוואַרצע האָר איבער אירע אַקסלען צעשיט, לאַנג און קרויזנדיק, האָט עס אויסגעזען, ווי שוואַרצע שטראָמען רינען פֿון איר קאָפּ.

און אַז זי האָט אים דערזען — האָט זי די קריג וואַסער אַוועקגעשטעלט און ביידע הענט צו אים אויסגעצויגן. ער האָט זיי גיך אונטערגעכאַפּט און געבליבן שטיין, ווי פֿאַרגליווערט.

און דעם טאָג האָט שוין יוחן נישט געלאַכט און נישט גערעדט. באַם מאָלצייט איז ער שטיל געזעסן און דעם פֿעטער אויסגעהערט. דער אַלטער האָט פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרן דערציילט, זיין יוגנט דערמאָנט און פֿון צייט צו צייט אָפּגעזיפצט. „יונג געווען... גליקלעך אַמאָל געווען... שטאַרק געווען...“ און יוחן האָט געשמייכלט און אַליין נישט געוווּסט פֿאַרוואָס. דער אַלטער האָט אַזעלכע טרויעריקע

געשיכטעס דערציילט... נאָר שפּעטער — ווען דער הימל האָט זיך געהאַט לייכט פאַרוואָלקנט, האָט דער אַלטער נאָכן מאָלצייט זיך דווען געלייגט, און יוחן מיט אסנתן זענען אין גערטנדל אַרויס. און ווען זיי זענען לעבן יענע ווייסע בלימלעך שטיין געבליבן, האָט יוחן זיך אומגעקוקט און געזען: זיי זענען שוין צעוואַקסן און אײַנגאַנצן צעבליט, האָט ער מיטאַמאָל געוואָגט, איר האַנט געכאַפּט, און גיך, אין איין אָטעם אָפּגעזאָגט:

— אסנת!... שיין ביסטו, ווי אַ פרילינגס־מאָרגן. דײַנע האָר זענען שוואַרץ, ווי דער וואַלד באַנאַכט, דײַן געלעכטער קלינגט, ווי אַ זילבער־גלעקל אין פעלד און דײַן בליק גלעט, ווי בלויער באַגינען. זע זשע, אסנת! מײַנע אָרעמס זענען שטאַרק און קרופּטיק, ווי גראַנאַט, מײַנע האָר שוואַרץ, ווי כמאַלע, און מײַן האַרץ בענקט נאָך דיר! איך קאָן מער נישט וואַרטן!...

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן האַסטיק און מיטאַמאָל, ווי דאָס וואָלטן די לעצטע ווערטער פון זײַן לעבן געווען... אסנת האָט זיך נישט געוווּנדערט, געהאַלטן די אויגן אויסגעשטעלט אויף אים און געשוויגן. מיטאַמאָל האָט זי זיך אײַנגעבויגן און אַ בלימל אָפּגעריסן...

און פאַרשעמט האָט ער זיך און שווער געאָטעמט, נאָר אסנת האָט געלאַכט און געזאָגט:

— כמאַרעס רוקן זיך אָן, ס'וועט אַ רעגן גיין...

און ער האָט די ליפּ געביסן און מיט צער געשוויגן. נאָר ווען ער האָט זיך שוין געהאַט מיט דעם אַלטן געזעגנט און אסנת האָט אים פון שטיבל אַרויסבאַגלייט, האָט ער בעטנדע אויגן אויף איר אויסגעשטעלט, מיט געבעט און פאַרוואָרף האָט ער אויף איר געקוקט, און אסנת האָט געזאָגט:

— הער זשע, יוחן: וואַרטן זאָלסטו און שווײַגן זאָלסטו, ביז איך וועל דיר אַ גרוס שיקן און באַפעלן: „קום צו גיין, יוחן, איך וואַרט אויף דיר" — דאַן וועסטו וויסן, אַז מײַן האַרץ בענקט און זאָלסט קומען. — אַז זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז זי גיך אין שטיבל אַרײַן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי צעמישט. געקוקט צום פענצ־

טערל און געזען, ווי זי נייגט דאָרט אָפּ דעם קאָפּ פון שויב...
האָט ער זיך, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אויסגעדרייט און איז אַוועק.

III

פון דעמאָלט אָן זענען פאַרלאָפן טעג, וועלכע יוחן האָט נישט באַמערקט זייער אָנקומען און נישט געוווּסט פון זייער אַוועק־גיין. ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט און פון גאָרנישט געוווּסט. צו דער צייט איז ער צו דער אַרבעט געגאַנגען, די שווערע זעק געטראָגן און זיינע אויגן האָבן כסדר צום זאַמדיקן וועג גע־קוקט. אָפטמאָל איז ער שטיין געבליבן, ווי דורך אַ וואַנט האָט ער געשרייען געהערט און לייכט דעם רימען אויף זיינע אַקסל געשפּירט... ווען דער טאָג איז פאַרביי, איז ער צוריק צו זיין הייזל געגאַנגען, דאָס מאָלצייט נישט געגעסן און די נעכט נישט געשלאָפן. דאָס גאַנצע לייב זיינס האָט געוואָרט, יעדעס גליד האָט געגאַרט, און מיט ווייטיק געבענקט אָן אויפהער, געגאַרט אָן רו.

אין יענע טעג איז דער בייזער בועז שטאַרק צעדרייצט גע־ווען, אָפט האָט זיין רימען איבער יוחנס פּלייצע געפּלאַטערט. נאָר יוחן האָט פון דעם זוי נישט געוווּסט, קיין נערוו אויף זיין פּנים האָט זיך נישט באַוועגט און זיינע אויגן האָט ער פון ברייטן וועג נישט אָפּגעריסן. ביז — בועז איז מאַכטלאָז שטיין געבליבן און אַרויסגעמורמלט:

— דער יונג איז פון זינען געווירט. נישט אַנדערש.

און געזען האָט די אַלטע מוטער, ווי יוחן ווערט בלייכער פון טאָג צו טאָג, ווי ער זיצט באַם טיש אַ שווייגנדיקער מיט שוואַרצער וואָרג אין די אויגן. האָט זי געזאָגט:

— זון מיינער, יוחן מיינער. פאַרוואָס עסטו נישט פון דיין ברויט?

יוחן האָט נישט געענטפערט, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער הערט נישט. האָט ער געגומען פון שוואַרצן ברויט, אָנגעהויבן עסן און באַלד ווידער געבליבן אַ שווייגנדיקער זיצן. האָט די אַלטע גע־קוקט מיט צער, געקוקט מיט שרעק. האָט שווער אָפּגעזיפצט און געפרעגט:

— זון מיינער, יוחן מיינער, וואָס האָט מיט דיר פּאַ־סירט?

און ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, — אַ? — האָט ער איבערגעפרעגט, שאַרף די מוטער אָנגעקוקט און נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געדענקט ווי אַזוי מען רעדט.

און באַנאַכט — איז די אַלטע געלעגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און געהערט ווי יוחן וואַלגערט זיך אויף זיין געלעגער, האָט זי שטיל די טרערן געשלונגען, פילנדיק זיין פּיין.

און ס'איז געווען איינמאָל פאַרנאַכט. יוחן איז באַם פענצ־טער געזעסן און שטיל צום וועג געקוקט, זיין גאַנץ לעבן האָט דורך זיינע אויגן אַרויסגעקוקט. זיין פּנים איז געווען בלייך און אָנגעשטרענגט, און די קליידער אויף אים פון רימען צעריסן; דער שטערן איינגעצויגן און די ברעמען אין שטערן געשניטן: ס'איז ערב יום־טוב געווען, און זיין בענקשאַפט און זיין דערוואַרטונג האָט זיין לייב געפּייניקט. און מיטאַמאָל און צום פענצטער האָט זיך אַ בעטלער דערנענטערט.

און יוחן איז אויפגעשפּרונגען: אין זיין האַרץ האָט זיך אַ פּלייט צעשאָלט, די אויגן זענען אים ווי פון שטערן אַרויס און אין דער לופטן הענגען געבליבן. דער בעטלער איז באַלד אַריין, זיך פאַר־בייגט און געפרעגט:

— צי וווינט דאָ יוחן, וואָס האָט אַ פעטער אין צווייטן דאָרף!

— דאָ, — האָט די אַלטע געענטפערט.

— דאָס בין איך! — האָט יוחן אַ טריט נענטער גע־מאַכט.

און דער בעטלער האָט געזאָגט:

— איך קום פון דעם דאָרף, ווו עס ווױנט דער אַלטער פעטער דײַנער. די שײנע אסנת האָט מיך באַם וועג באַגעגנט און מיר אַזוי אָנגעזאָגט: גײ אַהין ווו עס ווױנט יוחן, זאָלסטו אים געפינען, אַ גרוס פון מיר אָפּגעבן און אין מײַן נאָמען אים זאָגן: באַפוילן האָט אסנת אַזוי: „קום צו גײן, יוחן, איך וואַרט אויף דיר"...

און יוחן האָט אַ געשרײ אַרויסגעלאָזט, דעם אָרימען בעטלער אַרומגעכאַפּט און אים קושן אָנגעהױבן. און אַזוי שטאַרק, און אַזוי הײס, אַז יענער האָט זיך קוים פון אים באַפרײַט און איז גיך פון דאָרט אַרויס.

און יוחנס פּנים האָט זיך געצונדן, ער איז געבליבן שטײן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אין זײַנע שטאַרקע הענט האָט ער דער אַלטערס ציטערנדיקע הענט גענומען:

— מאַמע מײַנע! איך בין מיט גליק געלײַטזעליקט! אסנת רופט מיך צו זיך! זי איז אַזוי שײן, אסנת, איר פּנים איז ווי רײַנער קופּער, און שלאַנק איז זי' ווי די יונגע ווערבע באַם טײַכל, אָרים איז זי ווי מיר, יונג ווי איך, און פלינק, ווי דער אינד אין פעלד, און שענער פון דער גאַנצער וועלט. אין די שווערע שווײַגנדיקע טעג מײַנע האָב איך איר גרוס דערוואַרט, איצט איז דער גרוס געקומען.

די אַלטע האָט זיך די טרערן געווישט.

און זײַן פּנים האָט אויפגעשײַנט, ווי דער בלויער הימל נאָך אַ רעגן:

— מאַמע! אַלע וווּנדן פון מײַן האַרץ וועט איר בליק אויסהײלן. ווײַן נישט, מאַמע... מאָרגן איז אַ פײַערטאָג און איך בין פון אַרבעט פרײַ; אַהער וועל איך מיט מײַן באַשערטער קומען, דאָס גאַנצע דאָרף יונגען וועל איך צוזאַמענרופן, אַלע דאָרפס־טעכטער פאַרבעטן און אַלע וועלן מיר זיך פרײען אײנמאָל אין לעבן. ווײַן נישט, מאַמע... מיר איז גוט...

און די אַלטע האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אויף זײַן

שטאַרקער ברוסט אָװעקגעלײגט און אירע אַקסלען האָבן ציטערן אָנגעהױבן.

— װײַן נישט, מאַמע! — האָט ער אױסגעשריגן, — און אַלײן זײַן קאָפּ אױף איר אַקסל אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אַ װילדן רעװע אַרױסגעלאָזט און באַלד די ליפּ ביז בלוט פאַרביסן, זיך צוריק אױסגעגלײַכט און אַ פרײד־געלעכטער האָט דאָס שטיבל פאַרפילט. האָט ער באַלד פון זיך זײַנע צעריסענע קלײדער גע־װאָרפן. מיט פריש קװאַל־װאַסער זײַן לײַב אַרומגעװאַשן, דאָס יום־טוב־קלײד אָנגעצױגן און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז ער מיטן זאַמדיקן װעג מיט פלינקע טריט אַװעק.

און געשטאַנען איז די אַלטע באַם פענצטערל, געקוקט און געזען, װי ער װערט אין דער פינצטערניש פאַרשלונגען, האָט זי שטיל איר ברכה אים נאָכגעשעפּטשעט און שטילע טרערן האָבן װי צװײ קלאָרע שנירלעך זיך געצױגן איבער די געשרומ־פּענע באַקן אירע...

IV

און ס'איז געװען אַ זוניקער נאָכמיטאָג. שטיל איז אין דאָרף געװען; און דער זאַמדיקער װעג האָט אונטער דער זון געדרימלט. מידע פון דער שװערער אַרבעט האָבן דאָרפסלײַט אין פײַערטאָג גערוט. די געסלעך זענען געװען שװײַגנדיקע און אַ רײנער הימל איז איבערן דאָרף געהאָנגען. האָבן זיך די יונגען צונױפגענומען פאַר יוחנס אָרימען הײזל, מיט זיך די דאָרפס־טעכטער געבראַכט. אַלע אין די יום־טובדיקע פאַרביקע קלײדער. װאָס האָבן מיט זון און פעלד געלױכטן, אַלע צום באַגריסן גרײט. דאָס איז די אַלטע מוטער יוחנס אַ גאַנצן מאָרגן איבערן דאָרף געגאַנגען און אַלע־מען אָנגעזאָגט:

— אַ גליקלעכער טאָג איז היינט פאַר מיין זון, היינט קומט מיין יוחן מיט זיין באַשערטער, האָט ער געבעטן: ווער ס'איז אַ פריינט יוחנס, זאָל צו אים קומען, מיט זיין גליק זיך פרייען. און וויל דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים ליב געהאַט, זענען זיי אַלע געקומען און זיין אָנקומען דערוואַרט.

אויף לאַנגע בענק האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, איינער אָט מיט זיך אַ צימבל געבראַכט און איינער אַ פייקל: ווען זיי האָבן דערזען, ווי דאָרט, אויפן וועג, גייען זיי, יוחן מיט זיין באַשערטער — האָבן זיי שפּילן און פייקן אָנגעהויבן און פאַרלעכווייז זיי אַנטקעגנגיין.

און יוחן מיט אסנתן האָבן זיך פאַר די הענט גענומען און מיט געשווינדערע טריט זיך געלאָזט נענטער צו זיי. און אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן די יונגען אויסגעשריגן:

— געבענטשט זאָל זיין די שיינע אסנת!

און די דאָרפס־טעכטער האָבן אונטערגעכאַפּט:

— גליק און זעגן צום שטאָלצן יוחן!

און מען איז צוריק צום הייזל געקומען, שרענגעסווייז זענען זיי פוןביידע זייטן געגאַנגען, מיט בלומען און צווייגלעך באַפּוצטע, און צווישן זיי — איז זיכער און פּאַמעלעך דאָס יונגע פּאָרל געגאַנגען: אסנת אין איר ווייסן קלייד מיט דעם בלויען גאַרטל אַרום די לענדן און בלויע שיכלעך אויף די ברוינע פיס. די האָר איבער די אַקסלען צעשטראָמט און אויפן קאָפּ אַ גלאַנציק קאָפּ־רייפל. יוחנס פּנים האָט געשיינט מיט יוגנט, פון זיינע אויגן האָט קראַפט און לוסט געשפּריצט. פאַר דעם הייזל האָט מען זיך אין ראָד געשטעלט, מיט קרענץ אין די הענט און מיט געבויגענע קעפּ אַ טאַנץ אָנגעהויבן, און טאַנצנדיק האָט דער כאָר געזונגען:

מילד ווי אסנת,
שטאָלץ ווי יוחן,
זאָלן מיר אַלע זיין,
און די רוקנס

אויסגעגלייכטע

א סוף צו לייד און פּיין.

שווערע יאָרן

יאָגן, ציען,

אָן גליק, אָן לוסט, אָן פרייד,

הײנט איז יום־טוב,

און בעהוליעט

ביז די זון פאַרגייט!

און דער צימבל האָט זיך געלאָזט הערן, און די פּויק האָט זיך שטאַרקער צעפּויקט:

הײנט איז יום־טוב,

און געהוליעט

ביז די זון פאַרגייט!

האָט דאָס געזאַנג די עלטערע פון דאָרף געוועקט און צו זיך גערופן. זענען זיי פון די שטיבלעך אַרויס און זיך צו די יונגע געלאָזט. און יוחן איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ־ מיט איין האַנט אסנתן פאַר דער טאַליע געהאַלטן און מיט דער צווייטער דער מוטערס האַנט. ער איז געווען בלייך פון גליק און באַרוישט פון פרייד. און די אַלטע האָט די טרערן נישט געקאָנט איינהאַלטן.

און דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער:

הײנט איז יום־טוב,

און גע—הו—לי—יעט

ביז די זון פאַרגייט!

און דאָס געזאַנג האָט זיך דערטראָגן צו די אויערן פון רייכן בועז, האָט עס אים פון שכּרות־שלאָף אויפגעוועקט, איז ער פון זיין ווייך ווייס בעט אַראָפּ, אויפן גאַניק פון זיין ווייסן

הויז אַרויס, זיך אַרומגעקוקט מיט ווונדער: „ווער נאָך, אויסער אים, וואַגט זיך צו פרייען?״ האָט ער דערזען אַ געזאַמל דאָרט פאַרן הייזל, האָט זיין אויג אויפגעכאַפּט די פאַרביקע קליידער פון די יונגע דאָרפס-טעכטער, האָט זיך זיין כעס צערייצט: „ווער וואַגט עס זיך צו פרייען?״ האָט ער זיינע הויז-קנעכט צוגערופן און באַפוילן: „זאָלן זיך אַלע קנעכט פון מיין מיל און הויף צונויפזאַמלען מיט די רימענס אין די הענט. אַהין וויל איך גיין?״

און ווען ער האָט זיך אויפן וועג באַוויזן, איז דאָרט אַ שוידער דורכגעגאַנגען, און ווען ער האָט זיך דערנענטערט און מען האָט זיין אָנבליק דערזען, האָבן אַלע אויפגעציטערט. דער צימבל איז איבערגעריסן געוואָרן, די פויק איז אַנטשוויגן געוואָרן, בלייך זענען די דאָרפס-טעכטער געוואָרן, אַ באַהעלטעניש געזוכט און די עלטערן האָבן צו זיינע פיס געקניט. די יונגען נאָר זענען שטום און בלאַס געשטאַנען.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט בועז געצאָרנט. זיין געלבערדל האָט פון כעס געציטערט און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן זיך איבער די מיידלשע פנימער געלאָזט לויפן. זיין האַנט האָט פעסטער דעם רימען געדריקט און ער איז נאָענט לעבן די יונגען שטיין געבליבן.

— וואָס קומט דאָ פאָר?

איינער אַן אַלטער האָט אָנגעהויבן:

— יוחן, דער ליידנדער, אָרימער יוחן — — —

נאָר ער האָט ענדיקן נישט געקאָנט. בועזס רימען האָט זיך האַסטיק איבער זיין פּנים אַראָפּגעלאָזט. . .

— ער איז מיין קנעכט און דאָס איז זיין גליק!

און איינע אַן אַלטע האָט געזאָגט:

— יוחן, דער זון פון עמנואל — — —

— זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן!

— איז מיט זיין באַשערטער געקומען — האָט די אַלטע פאַרענדיקט.

און דאַן האָט ער נאָך אַ טריט נענטער געמאַכט, האָט אויס=

נעשפּיצט די אויגן ווי צום פּאַרצוקן, און די שיינע אסנת דערזען. יוחנס האַנט האָט אויף איר טאַליע אַ ציטער געטון, די אַלטע מו־טער האָט די הענט פאַרבראָכן, און בועז האָט באַפוילן:

— גיי נאָר צו נענטער אַהער, דו שיינע!

און אַ טויט שטילקייט האָט זיך פאַרשפּרייט. אסנת האָט איר שוואַרצן קאָפּ צווישן די אויפגעהויבענע אַקסלען געצויגן און אָנגעהויבן ציטערן, ווי אַ שעפעלע אויפן פעלד פאַרן שטורעם־אויסברוך.

און יוחן האָט אויסגעשריגן:

— זאָלסט נישט וואַגן!

און בועזס פּנים האָט זיך ווי מיט בלוט פאַרגאָסן, האָט ער צו זיינע קנעכט אַ ווונק געטון און זיי האָבן זיך אויף יוחן גע־וואָרפן. נאָר יוחן איז ווי אַ יונגער טיגער פאָרויס אַנטקעגן גע־שפּרונגען. אַ ווילד געשריי האָט די שטילקייט דורכגעשניטן, אַ מוראדיקער „אוי" און אַ צווייטער האָט אָפּגעגרילצט, — די ער־שטע צוויי זענען אונטער יוחנס הענט געפאַלן.

נאָר אַ סך זענען בועזס קנעכט געווען און יוחן נאָר איינער. אַלע האָבן זיך אויף אים געוואָרפן און אַ קאַמף האָט געשטורעמט, אַ ווילד ראַנגלען און אַ ווילד רעווען האָט זיך איבער דער געגנט געטראָגן, אַלע פּנימער בלייך געמאַכט, אַלע פויסטן געביילט און אַלע הערצער דערציטערט. האָט עס אַ ביסל געדויערט, און יוחן איז מיט געבונדענע הענט געשטאַנען.

די צעשלאָגענע קנעכט האָט מען אַוועקגעטראָגן.

איז די אַלטע מוטער צו בועזס פיס געפאַלן, די הענט פאַר־בראָכן און זיין מאַנטל געקושט: דערבאַרעם זיך, דער טאַטע איז אומגעקומען... זאָל עס גענוג זיין... נאָר בועזס פוס האָט די אַלטע אומגעוואָרפן און די קנעכט האָבן זי אַוועקגעטראָגן.

— איצט, שיינע אסנת, גיי אַהער נענטער! — האָט בועז ווי־דער באַפוילן און אַ בייזער גרינער שמייכל האָט זיינע ליפּן געקרומט.

און אסנת איז געשטאַנען שטיל און בלייך און זיך פון אָרט נישט באַוועגט.

דאַן איז בועז צו איר צוגעגאַנגען און אַזוי געזאָגט:

— פאַר דיין האַרטנעקיקייט זאָלסטו דיך באַדענקען.

און ווילד איז זיין פּנים געוואָרן. און די האַנט האָט ער אויסגעצויגן: — „פאַר אַלעמען אין די אויגן וועל איך דיין שיינקייט באַטראַכטן, דיין יוחן וועט דערביי שטיין און זען, ווי זיין האַר באַטראַכט זיין קנעכטין״. און אַזוי זאָגנדיק, האָט ער איר קלייד באַם אויסשניט פון האַלז אָנגעכאַפּט, איין שטאַרקן צי געטון, די שטילקייט האָט דורכגעשניטן אַ שאַרפער שאָרך, און ער האָט פון איר דאָס קלייד אַראָפּגעריסן.

ס'האָט אַן „אוי״ זיך דורכגעריסן. אסנת האָט זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט און זיך צו דער ערד געבויגן. עלטערע פרויען האָבן זיך די טרערן געווישט און יוחן איז געשטאַנען אַזוי ווי דער טויט וואָלט אים איינגעהילט. ער האָט די אויגן פאַרמאַכט און פון זיין איינגעביסענער ליפּ איז דאָס בלוט גערונען. בועז האָט זיך אַ טריט אָפּגערוקט, שמייכלענדיק באַטראַכטן דעם יונגן שלאַנקן בראָנז־קערפּער, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע און אַרום די פיס איז דאָס צעריסענע קלייד געלעגן צו דער ערד און די פיס געטוליעט. און באַפוילן האָט ער:

— פירט זי, די שקלאַפין, צו מיין הויז. פאַרויס זאָל זי גיין, און נאָך איר זאָל מען דעם געבונדענעם יוחן פירן, זאָל ער אַליין זי צו מיין הויז באַגלייטן...

און דעם מיידלס נאַקעטע אַקסלען האָבן שטאַרק געציטערט און פון אונטער אירע הענט זענען אַ פּאָר טרערן דורכגעפאַלן. האָבן אַלע יונגען זייערע הענט פון ווייטיק און כעס געביסן און אַלע טעכטער האָבן שטילערהייט די טרערן געשלונגען.

— געגאַנגען! — האָט בועז באַפוילן.

אסנת האָט קיין טריט נישט געמאַכט.

און דאַן האָט בועז זיין רימען אויפגעהויבן, ס'האָט אַ שאַרווע געטון אין דער לופטן, מיט אַ ווידערקלאַנג זיך אויף דעם בראָנזן־לייב אַראָפּגעלאָזט און אַ רויטן פּאַס, ווי אַ רויטן וואָרעם איבער דער פּלייצע אויסגעצויגן. פון יוחנס האַלז האָט זיך אַ ווילד כאָרכלען געריסן און ער האָט דעם קאָפּ ווילד אַ טרייסל געטון — ווי אַ לייב צום פאַרציקן, דאַן האָט אסנת די הענט פון איר פּנים

צוגענומען, אין אַלע זייטן זיך אַרומגעקוקט, איר בליק אויף יוחנס פּנים אָפּגעשטעלט, ווי צום געזעגענען, און דעם ערשטן טריט געמאַכט.

און פּאָרויס איז זי געגאַנגען, לאַנגזאַם די פּיס געשטעלט, ווי זי וואָלט יעדן טריט באַטראַכט. און איר פּנים איז געווען פאַר־גליווערט רויק. זי נישט צו שאַנד וואָלט מען זי געפירט, נאָר צו הייליקן גאָטס־נאָמען וואָלט זי געגאַנגען... נאָך איר איז בועז גע־גאַנגען און זיינע אויגן פון רויב נישט אַראָפּגענומען. און נאָך אים האָט מען דעם טויט־בלייכן יוחן געפירט. ער איז געגאַנגען מיט פאַרקריצטע ציין, די הענט אויף די פּלייצעס פאַרבונדן און קנעכט מיט רימענס אין די זייטן.

און ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, דער הימל האָט זיך געהאַט פאַרכמאַרעט און אַ ווינטל האָט שטיל געבלאָזן. האָט עס פון וואַלד שרעק געטריבן און פינצטערע פאַרטראַכטקייט געבראַכט. שטיל האָבן דיביימער געפּלאָנטערט און אַ סוד געבוירן. אַ סוד פון לעבן און טויט, וואָס האָט קיין אָנהייב און האָט קיין ברעג. און דאָס טייכל האָט כוואַליעס געטריבן. און ווען זיי זענען נאָענט צום ווייסן הויז געקומען, האָט זיך אסנת לעבן טייכל אָפּגעשטעלט.

— פאַרשאָלטענער! — האָט זי שטיל אויסגערופן — ווייניק פאַר דיר, וואָס באַרויבסט אונזער כוח און אַרבעט, ווילסטו נאָך אונזערע הערצער באַצווינגען, דו ווילסט מיך צו שאַנד ברענגען. איך וועל זיך אָבער צו גאָט אַ קרבן געבן!... נאָר... אונזער אַלעמענס אומגליק, אונזער שאַנד און פּיין וועט דיר מער קיין רו נישט געבן. יאָגן וועט עס דיך אַזוי לאַנג, ביז אומקומען וועסטו מיט דיין הויז, מיט דיין מיל און מיט אַלץ, וואָס האָסט פון אונז אָנגעבויבט. זאָל דאָס וואַסער מיך פאַר אַ קרבן נעמען און דיך מיט דיין פאַרמעגן פאַרפלייצן, פון דער וועלט אָפּשווענקען!

און איידער בועז האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצוברענגען, און אסנת האָט זיך אין אַ שפּרונג אויפגעהויבן, אין טייכל זיך אַראָפּגעלאָזט, אַ טראָפּן־שטראָם האָט אַ שלאָג געטון און באַלד האָט זיך דאָס טייכל רעשיק צעשטראָמט.

— שלעפּט זי אַרויס! איך...

נאָר ער האָט נישט פאַרענדיקט. מיט איין שפּרונג איז יוחנן לעבן אים געווען און מיט די ציין זיך אין זיין האַלז איינגעגעסן.

ווילד איז דער טומל געווען. די רימענס מיט די שטעקנס האָבן יוחנס לייב געשניטן. די פּלייצע האָט זיך אינגאַנצן מיט בלוט פאַרגאָסן, נאָר ער האָט זיינע ציין נישט געעפנט. אויף דער ערד זענען ביידע געלעגן, בועזס פּנים איז ברוין און בלוי געוואָרן און נאָר די פיס זיינע האָבן זיך קאָנוווּלסיוו באַוועגט.

און אַ וווּנדער! אַלע האָבן די אויגן אויסגעשטעלט און די מיילער געעפנט: דאָס טייכל האָט זיך אויפגעהויבן, אין דער ברייט צעגאָסן און זיך שטורעמדיק צעשטראָמט. האָט זיך מיטאַמאָל פון די ברעגן אַרויסגעגאָסן און מיט ווילד קאָכעניש אָנגעהויבן פּלייצן און וואַקסן העכער און העכער, ברייטער און ברייטער. מיטאַמאָל האָט אַ כוואַליע אַ שלאָג געטון אין בועזן מיט יוחנען אין זיך פאַרשלונגען. . .

פון יענעם טאָג אָן האָט שוין דער שטראָם מער נישט גערוט. מיט יעדן טאָג איז דאָס וואַסער אַלץ העכער, אַלץ העכער געוואַקסן, זיך ווילדער און מיט ליאַרעם צעשטראָמט, און גערוקט זיך אַלץ נענטער, אַלץ רעשדיקער צו דער מיל.

האָבן בועזס יורשים קנעכט געדונגען. זיי אַוועקגעשטעלט דאָס וואַסער פאַרצוימען. האָבן זיי אָנגעהויבן גריבער גראָבן, דאָס וואַסער אָפּצופירן, נאָר אומזיסט. איבער נאַכט ווערט דער פרישער גרוב פאַרגאָסן און דאָס וואַסער שטראָמט אַלץ ווייטער.

האָבן די קנעכט אָנגעהויבן וואַלן ערד שיטן, קופּעס זאַמד לייגן, שטיינער און העלצער אַנטקעגנשטעלן און פאַרן שטראָם אַ גרענעץ מאַכן.

וואַקסט דער באַרג פון טאָג צו טאָג, שטייגט דער שטראָם פון טאָג צו טאָג, דעם באַרג, וואָס די קנעכט מאַכן פאַרן טאָג, פאַרגיסט דער שטראָם פאַר דער נאַכט. . .

— — — — — — — —

א סך יאָרן זענען שוין אַוועק און דער שטראָם בושעוועט

אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַלע יורשים פון בועזן האָבן זיך אין יענער זייט באַרג פאַרקליבן: שיטן פרישע בערג, נייע פאַרצוימונגען, נאָר דער שטראָם בושעוועט. אַ פחד בלאָזט. די קנעכט ווערן ווייניקער און ווייניקער. זיי צעלויפן זיך פון שרעק.

און דער שטראָם ווערט אַלץ שטורעמדיקער און וואַקסט אַלץ העכער און העכער...

און אין די פאַרנאַכטן זיצן די אַלטע לייט פון דער געגנט אויף די פריזבעס פאַר זייערע הייזלעך, זיצן און הערן זיך צו צום ווילדן רויש פון דעם שטראָם, וואָס פאַרהילכט די געגנט אַרום, און שטיל שמועסן זיי צווישן זיך:

— די קנעכט צעלויפן זיך. די יורשים פון בועזן בלייבן פאַרלאָזט: זייערע הענט זענען שוין מיד און אין זייערע הערצער רוט די שרעק. נישט לאַנג וועט געדויערן און דאָס וואַסער וועט דעם לעצטן באַרג אַריבער. גרויזאַם וועט זיין די פאַרפלייצונג! די מילמיטן ווייסן הויז וועלן פון דער ערד אָפּגעשווענקט ווערן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. דער טאָג פון פאַרפלייצונג איז נאָענט, גאָר נאָענט...

אָדעס, מאַי 1919